STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05563

FAR A NAYER VELT

David Ignatoff

Permanent preservation of this book was made possible by Howard & Nancy Kaufman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איגנאַטאָוו

פאַראַ נייער וועלט

פאַרלאַג אַמעריקע
ווינטער 1939-40

דערשיינט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
געדרוקט אין דרוקעריי „אַטלאַנטיק"
צייכנונגען פון יהודה טאָפּעל
דערקלערונגען פון מרדכי קאָסאָווער

Copyright 1939
by
FARLAG AMERICA

אין דעם בוך ווערט דערציילט די
טראַגעדיע פֿון דעם גיבור יפתּח און
וועגן זײַן קאַמף מיט מענטשן,
מיט געטער און מיט גאָט.

צייכנונגען
פֿון י. טאָפּעל

אינהאַלט

פאַר די יפתּח-טעג

יפתּח דראַמע אין פינף אַקטן
מיט פראָלאָג און עפּילאָג

פראָלאָג
צווישן קריגער און פאַסטוכער

ערשטער אַקט
צווישן געצנדינער

צווייטער אַקט
אין גוטלאַנד

דריטער אַקט
פאַרן געזעגנט פון יפתּח

פערטער אַקט

ערשטער פאָרהאַנג

אַפן מלחמה-פעלד

פערטער אַקט

צווייטער פאָרהאַנג

נאָך דער מלחמה

דאס ליד פון נצחון

דער פאַרשאָלטענער טאָג

דאס געזעגענען זיך פון מהיטבאל

פינפטער אַקט

דער לעצטער טאַנץ

עפּילאָג

אין צייט פון שטורעם

I

פאַר די יפתּח-טעג

הערט אויס!

איידער איר לייענט „די טראַגעדיע פון דעם גיבור יפתח״, הערט פריער אויס די מעשה פון גדעון, דעם זון פון יואש פון דעם שבט מנשה, וואָס האָט זיך געציילט צו דעם טויזנט, וואָס האָט געוואוינט אין עפרה

הערט זיך צו צו דער אוראַלטער מעשה, כדי איר זאָלט בעסער פאַרנעמען די טראַגעדיע פון אונדזער גיבור יפתח.

איך וועל אייך דאָ איבער־דערציילן די מעשה פון גדעון, פון זיין זון אַבימלך און זיין זון יותם.

דאָס איז אַן אמתע מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן נאָך אין יענע טעג, ווען מענטשן האָבן זיך געמישט מיט גע־טער, געגלויבט און מלחמה געהאַלטן ווי מענטשן מיט גע־טער קענען מלחמה האַלטן.

די טרעפונגען וואָס זע־נען זיך פאַרלאָפן אין די גדעון און אַבימלך־טעג, האָבן זיך געריזלט אין דעם בלוט פון די מענטשן פון דעם יפתח־דור. ביז איך וועל אייך וועגן דעם באַזונדער באריכות דערציילן — הערט זיך דערווייל צו צו דער דאָזיקער מעשה.

עס ווערט דערציילט:

דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין גאָט יהוה און גענומען גלויבן אין דער הייליקייט פון אָפּגעטער, אין דער הייליקייט פון שטיי־נער און פון בוימער.

און יואש, דער פאָטער פון גדעון, וואָס האָט זיך געציילט צווישן דעם טויזנט, וואָס האָט געוואוינט אין עפרה, איז געווען דער פריסטער פון דעם דאָזיקן טויזנט און ער האָט געוואוינט צווישן די הייליקע לינדן־בוימער, צווישן וועלכע עס איז געשטאַנען דער מזבח צו דעם גאָט בעל, צום טראָץ פון דעם גאָט יהוה.

געווען איז דאָס אין די טעג פון די שופטים, אין די טעג, ווען די שווערע האַנט פון מדין האָט אונטערדריקט דאָס פאָלק. דאָס פאָלק איז געווען געצוואונגען צו באַהאַלטן זיך אין די היילן, צווישן פעלזן און אין די וועלדער, וואָס אין די בערג.

פלעגט דאָס פאָלק אַרויסקומען און פאַרזייען, פלעגן די מדינים אָנקומען און פאַרדאַרבן די תבואה און פלעגן פאַר דעם פאָלק ניט איבערלאָזן קיין דערנערונג, קיין שאָף, קיין אָקס און קיין אייזל.

און דאָס פאָלק איז זייער פאַראָרעמט געוואָרן און עס האָט זיך דערמאָנט און עס האָט געשריגן צו יהוה זיין גאָט פון אַמאָל.

און גדעון, וואָס איז געווען דער ייִנגסטער אין זיין פאָטערס הויזגעזינד, האָט דערהערט דאָס געשריי פון דעם פאָלק. קלוג איז דער גדעון געווען און האָט אויך געפילט אַ גרויסן כח אין זיין לייב.

און אין אַ טאָג, ווען גדעון, דער זון פון יואש, האָט אַראָפּגענומען דאָס ביסל ווייץ, וואָס ער האָט מיט קלוגשאַפט אויסבאַהאַלטן און דאָס אויסגעקלאַפּט אין דעם קעלטער פון זיין פאָטער, כדי צו אַנטלויפן פון דעם אויג פון מדין, אַזוי האָט ער אין דעם קעלטער פאַר זיך דערזען אַ מלאך פון יהוה. און דער מלאך אין דעם געשטאַלט פון אַ יונגן מענטשן מיט שוואַרצע לאָקן און מיט אַ שטעקן אין זיין האַנט, האָט געעפנט זיין מויל און האָט צו אים געזאָגט: „גדעון, יהוה איז מיט דיר, מיט דיין שכל, מיט דיין שטאַרקער האַנט און מיט דעם פאָלק".

אַזוי האָט גדעון צו אים געזאָגט:

— ווען יהוה איז דאָ מיט אונדז, פאַרוואָס דען האָט מיט אונדז אָט דאָס אַלץ געטראָפן?

און וואו זענען אָט די אַלע וואונדער זיינע, פון וועלכע אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט?

אויב ער האָט אונדז פון מצרים אַרויסגעצויגן, טאָ פאַרוואָס האָט ער אונדז איצט פאַרלאָזן?

האָט ער דאָס געטאָן בלויז, כדי אונדז צו איבערענטפערן אין דער האַנט פון מדין?

און דער מלאך פון יהוה האָט זיך צו אים געקערט און זע — עס איז גאָט. אַ פייערדיק ליכט גייט אויף פון אים און ער זאָגט:

— אין דיין פרעגן ליגט כח. גיי אָט מיט דעם דאָזיקן כח דיינעם און דו זאָלסט העלפן דעם פאָלק פון דער האַנט פון מדין. — האָב איך דען דיך ניט געשיקט?!

האָט גדעון צו אים געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין האַר, — מיט וואָס קען איך העלפן דעם פאָלק? מיין טויזנט איז דאָך דאָס אָרעמסטע אין דעם גאַנצן שבט מנשה און איך בין דאָך דער יינגסטער אין מיין פאָטערס הויז.

אַזוי האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— פאַרוואָר, איך וועל זיין מיט דיר און דו וועסט דעם מדין שלאָגן, ווי דו וואָלסט שלאָגן אַן איינציקן מענטשן.

אַזוי האָט גדעון צו אים געזאָגט:

אויב עס איז אמת, אַז לייטזעליקייט האָב איך געפונען אין דיינע אויגן, אַזוי זאָלסטו פאַר מיר דאָ וואַרטן ביז איך וועל קומען מיט מיין מתנה און איך וועל זי אַוועקלייגן פון פאַר דיר.

אַזוי האָט דער מלאך געזאָגט:

— איך וועל פאַר דיר וואַרטן.

און גדעון האָט אָנגעברייט אַ יונג ציגעלע און פון אַ מאָס מעל האָט ער געמאַכט מצות און דאָס פלייש האָט ער געטאָן אין אַ קאָרב און די זופּ האָט ער געטאָן אין אַ טאָפּ און ער איז געקומען און דאָס גענענט פאַר דעם מלאך, וואָס האָט געוואַרט פאַר אים אונטער אַ לינדן־בוים.

אַזוי האָט דער מלאך פון יהוה צו אים געזאָגט:

— נעם דאָס פלייש און די מצות און לייג דאָס אַרויף אַהין אויף דעם פעלז און די זופּ, גיס אויס.

האָט גדעון אַזוי געטאָן.

און דער מלאך פון יהוה האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקן, וואָס אין זיין האַנט, און האָט מיט דעם עק פון דעם שטעקן אָנגערירט דאָס פלייש און די מצות. אַזוי איז אויפגעגאַנגען אַ פייער פון דעם פעלזנ־שטיין און דאָס פייער האָט פאַרצערט דאָס פלייש און די מצות און דער מלאך איז פון פאַר זיין פּנים פאַרשוואונדן.

און גדעון האָט זיך דערשראָקן און האָט געטראַכט: איך האָב געזען אַ מלאך פון יהוה פּנים צו פּנים. איז דאָס דען ניט אַ סימן, אַז איך שטאַרב?

אָבער דאָס קול פון יהוה איז צו אים געקומען און געזאָגט:

— האָב ניט קיין מורא. דו שטאַרבסט ניט. דו נעם דיין פּאָטערס יונגן אָקס און דעם אַנדערן, וואָס איז זיבן יאָר אַלט, רייס אַרויס די לינדן־בוימער, וואָס דאָס פאָלק האָט געצומען גלויבן, אַז זיי זענען הייליק; צעשטער דעם מזבח פון דעם גאָט בעל, וואָס געהערט צו דיין פּאָטער און דו זאָלסט פון דעם מאַכן אַ פייער אָף אַ נייעם מזבח, און דו זאָלסט אויף דעם פייער אויפברענגען דעם צווייטן אָקס פון דיין פּאָטער. פאַר אַ גאַנצן קרבן צו מיר זאָלסטו אים אויפברענגען.

און גדעון האָט גענומען די צוויי אָקסן פון זיין פּאָטער און האָט גענומען צען פון זיינע יונגען און האָט געטאָן ווי יהוה האָט געבאָטן.

און ווייל גדעון האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן בייטאָג, פאַר דער מורא פון זיין פּאָטערס הויזגעזינט און פאַר מורא פון די לייט פון שטאָט, האָט ער דאָס געטאָן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

און עס איז געוועז ווען די שטאָטלייט זענען אויפגעשטאַנען אינדער־פרי, און זע — דער מזבח פון דעם גאָט בעל און די הייליקע לינדן־בוימער זענען צעשטערט און פאַרלענדעט און זע — אַ נייער יהוה־מזבח שטייט און אויף אים ברענט דער אַנדערער אָקס — אַ גאַנצער קרבן צו יהוה, לויט די פאַרשריפטן פון יהוה.

אַזוי האָבן די מענער געזאָגט איינער צום אַנדערן, — ווער האָט דאָס געטאָן די דאָזיקע שרעקלעכע זאַך?

און זיי האָבן געפאָרשט און זיי האָבן געפונען, אַז די האַנט פון גדעון, וואָס איז דער ייִנגסטער זון פון יואש, זייער פריסטער, האָט דאָס אַלץ געטאָן.

און די שטאָטלייט זענען געקומען און זיי האָבן געזאָגט צו יואש, דעם פּאָטער פון גדעון:

— גיב אונדז אַרויס דיין ייִנגסטן זון, כדי מיר זאָלן אים הייגט טויטן, וואָרים ער האָט צעשטויסן דעם מזבח פון דעם גאָט בעל און האָט פאַרלענדט די הייליקע לינדן־בוימער.

אַזוי האָט יואש, דער פּאָטער פון גדעון, געטראַכט און געענטפערט צו די לייט פון זיין שטאָט און האָט צו זיי געזאָגט:

— „האָט זיך דען מיט אייך געקריגט מיין ייִנגסטער זון גדעון, צי מיט דעם בעל?

„איר ווילט דאָ דעם בעל העלפן?

„זאָג איך אייך: — דער וואָס וויל זיך דאָ היינט פאַר דעם בעל קריגן, דער זאָל טויט געשלאָגן ווערן ביז אויף מאָרגן אינדערפרי.
„אויב ער איז אַ גאָט, דער בעל, זאָל ער אַליין זיך קריגן זיין קריג פאַר זיין מזבח, וואָס מען האָט צעשטויסן".
האָבן זיך די לייט דערשראָקן פאַר יואשעס שטאַרקע רייד און זיי זענען אַוועק צו זייערע געצעלטן און זיי האָבן אין דעם אייגענעם טאָג געזאָגט:
„יואשעס יינגסטער זון הייסט ניט מער גדעון, נאָר — ירבעל", וואָס דאָס האָט געמיינט — מיט דעם בעל האָט ער זיך קריגן פאַרמאָסטן און דער בעל זאָל זיך מיט אים קריגן אויב ער וויל. האָט אונדז דען גוטס געטאָן דער בעל?

גדעון פּרוּאווט יהוהן.

אין גאַנץ מדין און עמלק און די קינדער פון מזרח, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם בעל האָבן דאָס געהערט און זיי האָבן זיך איבער דעם פאַרזאַמלט. און זיי האָבן געלאַגערט אין דעם טאָל פון יזרעאל. צו נעמען נקמה פאַר זייער גאָט בעל זענען זיי געקומען.
און דער גייסט פון יהוה האָט באַקליידט דעם גדעון, וועמעס נאָמען איז געווען ירבעל. און ער האָט געבלאָזן אין שופר און האָט פאַרזאַמלט דאָס פאָלק אַרום זיך.
און גדעון־ירבעל האָט נאָכדעם געזאָגט צו יהוהן:
— אויב דו ווילסט העלפן דעם פאָלק דורך מיינע הענט, ווי דו האָסט געזאָגט, אַזוי וויל איך אַ צייכן פון דיר, יהוה. — זע, איך וועל אויפשטעלן אַ שערונג פון וואָל אין דעם שייער. און עס וועט זיין ווען דער טוי פון פרימאָרגן וועט זיך לייגן אויף דער שערונג, וואָס אין שייער, און דאָס גאַנצע פעלד פון דרויסן וועט זיין טרוקן, אַזוי וועל איך וויסן, אַז דו וועסט העלפן דעם פאָלק דורך מיין האַנט, ווי דו האָסט געזאָגט.
און אויף מאָרגן אינדערפרי, זע — אויף די פעלדער אַרום איז ניטאָ קיין טוי, אָבער די שערונג פון וואָל, וואָס גדעון האָט אויפגעשטעלט אין דעם שייער, איז באַדעקט מיט טוי.
און גדעון האָט צונויפגענומען די שערונג, און האָט מיט זיינע הענט אויסגעקוועטשט אַ בעקן וואַסער פון דעם וואָל.
און גדעון האָט געזאָגט צו יהוהן:

לאָז ניט גרימען דיין צאָרן קעגן מיר. און איך וועל נאָך אַמאָל רעדן.

איך בעט דיך, לאָז מיך נאָך דאָס מאָל. איך וועל דיך ווידער פרואוון מיט מיין שערונג. — אויף דעם פעלד וועל איך מיין שערונג לאָזן. לאָז די קומענדיקע נאַכט זיין טרוקן די שערונג, אָבער אויף דער גאַנצער ערד אַרום זאָל זיין טוי.

און יהוה האָט ניט געצאָרנט. און ער האָט אַזוי געטאָן.

טרוקן איז די נאַכט געווען נאָר די שערונג און די גאַנצע ערד איז געווען באַדעקט מיט טוי.

יהוה באַפעלט.

און יהוה האָט זיך באַוויזן און האָט געזאָגט צו גדעונען:

„זע, דאָס פאָלק, וואָס איז מיט דיר איז צופיל אין צאָל, אַז איך זאָל וועלן געבן דעם מדין אין דיינע הענט.

דאָס פאָלק קען זיך נאָכדעם רימען קעגן מיר און זאָגן — זיין צאָל האָט דאָס געטאָן.

„ברייט אָן און לאָז אויסרופן אין די אויערן פון דעם פאָלק אַזוי צו זאָגן:

„די וואָס האָבן מורא און די וואָס זענען ווייכהאַרציק זאָלן גלייך פאַרלאָזן דעם באַרג גלעד און זאָלן זיך אומקערן, יעדערער צו זיין היים”.

האָט גדעון אַזוי געטאָן.

און עס האָבן זיך אין יענעם טאָג אומגעקערט צוויי און צוואַנציק טויזנט. ווייל שטאַרק איז געווען דער שונא און שלאַבעריק איז געווען דאָס פאָלק, און גרויס איז געווען די מורא פאַר דעם כעס פון דעם גאָט בעל. אָבער צען טויזנט זענען פאַרבליבן.

און יהוה האָט ווידער גערעדט און געזאָגט:

דאָס פאָלק מיט דיר איז נאָך אַלץ צו פיל.

דו טו אַזוי:.

נידער דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז מיט דיר אַצינדערט צום וואַסער. קוק ווי זיי טרינקען. און קלייב פאַר זיך אָפּ נאָר די, וואָס שטעלן זיך אויף אַלע פיר ביי דעם וואַסער און לעקן דאָס וואַסער מיטן צונג, ווי דאָס טוט דער הונט ווען ער טרינקט.

אַזוי האָט גדעון געענידערט דאָס פאָלק צום וואַסער און זיי גע־הייסן טרינקען. און עס איז געווען, אַז פון די איבערגעבליבענע צען טויזנט פון פאָלק האָבן זיך געפונען נאָר דריי הונדערט אַזוינע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף אַלע פיר ביי דעם וואַסער און האָבן גע־לעקט מיט דער צונג, ווי דאָס טוט דער הונט.

און יהוה האָט געזאָגט צו גדעונען:

מיט די דריי הונדערט, וואָס האָבן געלעקט, וועל איך העלפן דעם פאָלק, און איך וועל געבן דעם מדין אין דיין האַנט.

האָט גדעון גענומען מיט זיך די דריי הונדערט און דאָס איבעריקע פון פאָלק האָט ער אַוועקגעשיקט, יעדן צו זיין אָרט און זיין געצעלט.

די מלחמה.

און גאַנץ מדין און עמלק און די קינדער פון מזרח זענען געווען קעגן גדעונען אונטן אין טאָל. און גרויס איז געווען זייער צאָל.

אַזוי האָט ירובעל, וואָס דאָס איז געווען גדעון, וואָס האָט זיך אונטערגעשטעלט צו צעשטויסן דעם מזבח פון דעם גאָט בעל איינער אַליין אין דער נאַכט, זיך אונטערגעשטעלט און געענידערט צו זיי, צו די בעל־דינער אין דער מחנה.

און זע — זיי זענען געזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

און זע — זיי זענען אַזוי פיל ווי די היישעריקן.

און צו זייערע קעמלען איז גאָר ניטאָ קיין צאָל.

און זע — זיי ליגן ווי דאָס זאַמד ביים דעם באָרטן פון דעם ים.

און גדעון איז אַריין אין דער מחנה און פּרה זיין יונג איז געווען מיט אים. און הער — אַ מאַן דערציילט אַ חלום צו זיין חבר און ער זאָגט:

זע — איך האָב געחלומט אַ חלום: אַן איינציקער גערשטן־זאַנג איז אַריין אין דער מחנה פון מדין.

און די זאַנג איז צוגעקומען ביז דעם געצעלט און האָט דאָס גע־שלאָגן.

און די איינציקע גערשטן־זאַנג האָט דאָס געצעלט שטאַרק געשלאָגן און האָט עס אינגאַנצן איבערגעקערט און עס איז איינגעפאַלן.

און ווען דער חבר האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער מיט ציטערניש געענטפערט:

זע, דאָס איז ניט אַנדערש, נייערט די שווערד פון גדעון, דעם ירִיבעל. האָט ער זיך דען ניט אונטערגעשטעלט און האָט ער דען ניט צע־שטויסן דעם מזבח פון דעם גאָט בעל אינאיינעם מיט די הייליקע ליגנדן־בוימער וואָס אַרום אים?

און עס איז געווען ווען גדעון האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער גע־זאָגט צו פרה, וואָס איז געווען מיט אים:

— וואָס דו זעסט איך טו, אַזוי זאָלסטו אויך טאָן.

און גדעון האָט זיך געמאַכט, ווי איינער פון זיי און ער האָט אויף אַ הויך קול געזאָגט צום חלום־ברענגער און צו זיין באַשיידער:

— דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך, די דאָזיקע זאַך. מען מוז דאָס באַלד ברענגען צו די אויערן פון מלך. זאָל ער צונויפברענגען די האַרן און באַשיידער. עס איז אַ שרעקלעכע זאַך, די דאָזיקע זאַך.

האָט זיך אויך פרה אָנגערופן און געזאָגט:

— פאַרוואָר, ניט אַנדערש, נייערט אַ שרעקלעכע זאַך איז דידאָזיקע זאַך. וואָרהאַפטיק. מען מוז דאָס גלייך טראָגן צום מלך און גיך מוזן מיר דאָס טאָן.

און גדעון האָט איבערגעלאָזן פרהן מיט די מדינים, אַז העלפן זאָל ער זיי, העלפן טראָגן צו די אויערן פון דעם מלך און פון די האַרן דעם חלום און זיין באַשייד, און אַז זען זאָל ער זען, ווי עס מאַכט זיך די זאַך. און אַליין האָט ער זיך אין איילעניש אומגעקערט צו זיינע דריי־הונדערט פון פאָלק און ער האָט צו זיי געזאָגט:

שטייט אויף, וואָרום יהוה האָט געגעבן די מחנה פון מדין אין אונדזערע הענט.

און גדעון האָט צעטיילט זיינע דריי הונדערט פון פאָלק אין דריי טיילן.

און ער האָט זיי געגעבן שופרות אין זייערע הענט.

און אַ ליידיקן קרוג צו יעדן פון זיי.

און אין יעדן קרוג האָט ער געטאָן פאַרהוילן.

אַן אָנגעצונדענעם פייער האָלץ פאַרהוילן.

און ער האָט צו זיי געזאָגט: „וואָס איר וועט זען איך טו, אַזוי זאָלט איר טאָן".

און גדעון, דער ירובעל, האָט צעשפּרייט זיינע לייט.

און ער איז איבערגעפאַלן די שלאָפנדיקע מחנה פון מדין.

אין מיטן פון דער נאַכט איז ער זיי איבערגעפאַלן.

פון דריי זייטן האָבן זיי אין מיטן פון דער נאַכט גענומען בלאָזן אין די שופרות.

און זיי האָבן צעבראָכן די קרוגן, וואָס אין זייערע לינקע הענט.

און זיי האָבן אָנגענומען די אָנגעצונדענע פייער־העלצער, וואָס זע־נען דאָרט געווען פאַרהוילן.

מיט זייערע לינקע הענט האָבן זיי די ברענענדיקע העלצער אָנ־גענומען.

און זיי האָבן געצונדן די געצעלטן און זיי האָבן געשריגן.

צווישן זייער שאַלן און צווישן זייער פייער האָבן זיי אין דער נאַכט געשריגן:

— די שווערד פון יהודה און פון גדעון!

און זיי זענען געשטאַנען איטלעכער אויף זיין שטעל.

רונד אַרום דער מחנה זענען זיי אַזוי געשטאַנען מיט די ברענענדיקע העלצער אַלע און האָבן געשאַלט און געשריגן.

— די שווערד פון יהוה און פון גדעון!

און די גאַנצע מחנה פון מדין, פון עמלק און פון די קינדער פון מזרח האָט זיך אויפגעכאַפּט.

מיט שרעק און מיט געשרייען האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט אַלע.

און זיי האָבן מיט שרעק גענומען לויפן אַלע.

און יהוה האָט געמאַכט, אַז די לויפנדיקע מחנות, די מחנות פון

מדין, פון עמלק און פון די קינדער פון מזרח, זאָלן זייערע שווערדן שטעכן איינער אין דעם צווייטן.

און זיי זענען געלאָפן פון שרעק פאַר די פנימער פון די דריי הונ־דערט לייט, פאַר די פלאַקערנדיקע צינדהעלצער, פאַר דעם שרעקלעכן שאַלן פון די שופרות און פון פאַר גדעונען, וואָס האָט זיי געיאָגט און געשלאָגן.

און זייער איבערבלייעניש איז אַזוי פאַרטריבן געוואָרן ביז צו דעם באָרטן פון מחולה, וואָס לעבן טבת.

די בני אפרים.

און די מענער פון פאָלק זענען אין יענעם טאָג צונויפגערופן געוואָרן.

דורך די געשרייען פון נפתלי, פון אשר און פון דעם גאַנצן שבט מנשה זענען זיי צונויפגערופן געוואָרן און זיי האָבן נאָכגעיאָגט דעם מדין.

נאָר דער שבט אפרים האָט זיך אויף דעם געשריי ניט אָפגערופן.

ווייל פאַרריסענע מיוחסים זענען פון שטענדיק אָן געווען די לייט פון דעם שבט אפרים.

האָט דער קלוגער גדעון, דער ירבעל, געשיקט שלוחים דורך דעם גאַנצן באַרג אפרים אַזוי צו זאָגן:

„קומט אַראָפּ אַנטקעגן מדין! ער איז געשלאָגן.

נעמט איין פון זיי דאָס וואַסער ביז נאָך בית ברה און דעם ירדן.

פאַר זיך זאָלט איר דאָס איינגעמען.

און זאָל דאָס אייער אַרבונג און אייער זאַק רויב זיין”.

דעמאָלט האָט זיך פאַרזאַמלט יעדער מאַן פון אפרים. און זיי האָבן איינגענומען דאָס וואַסער ביז נאָך בית ברה, ביז דעם ירדן. און זיי האָבן געשלאָגן די צוויי מלכים פון מדין — דעם עורב און דעם זאב און זיי האָבן געשלאָגן דעם עורב אויף דעם שטיין, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גאָט און גערופן מיט זיין נאָמען. און דעם זאב האָבן זיי דערשלאָגן ביי דעם קעלטער פון דעם הייליקן קוואַל פון זאב, זייער גאָט.

און די בני אפרים האָבן זיך גרויס געהאַלטן.

און זיי האָבן געבראַכט די קעפּ פון דעם עורב און דעם זאב צו גדעונען, וואָס אויף דער אַנדער זייט פון ירדן.

און די מענער פון די בני אפרים האָבן מיט בייזקייט געזאָגט צו גדעונען:

— וואָס איז דאָס די דאָזיקע זאַך, וואָס דו האָסט צו אונדז געטאָן ?

— פאַרוואָס האָסטו אונדז ניט גערופן, ווען דו ביסט געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט דעם מדין ?!

און זיי האָבן זיך שטאַרק און בייז געקריגט.

און גדעון האָט מיט קלוגשאַפט צו זיי געזאָגט :

פאַרוואָר, עס דאַרף ניט גרימען אייער צאָרן.

וואָס איז דען דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט געטאָן אין פאַרגלייך מיט אייער איצטיקער טואונג ?

איז דען ניט די נאָכבלייבונג פון אפרים בעסער פון די אָפּגעשניטענע טרויבן פון גדעון ?

יהוה האָט דאָך אין אייערע הענט איבערגעגעבן דעם עורב און דעם זאב, די צוויי מלכים פון מדין. און אויף די שטיינער פון זייערע געטער האָט איר זיי די קעפּ אָפּגעהאַקט, אָפּגעהאַקט די קעפּ פון די, וואָס האָבן זיך אַליין פאַר געטער געהאַלטן.

בין איך דען געווען שטאַרק אַזוינס צו טאָן ?

דעמאָלט האָבן די מיוחסים, די בני אפרים, אָפּגעלאָזט פון זייער כעס. זייער בייזקייט איז געוואָרן שלאַבעריק, פון וועגן וואָס ער האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע רייד.

און גדעון האָט נאָכדעם נאָכגעיאָגט און געכאַפּט די צוויי שטאַרקע מלכים פון מדין — זבח און צלמנה און ער האָט פאַרטיליקט זייערע פעלקער.

און מדין און עמלק און די קינדער פון מזרח זענען נאָכדעם אונ־טערטעניק געוואָרן און האָבן מער ניט געקאָנט אויפהויבן זייערע קעפּ קעגן דעם פאָלק. און דאָס פאָלק האָט געהאַט רו. און גדעון איז געווען זייער שופט.

ש כ ם.

און גדעון האָט געהאַט זיבעציק זין, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון זיין דיך. וואָרעם ער האָט געהאַט אַ סך ווייבער. און אַ יינגסטן זון האָט ער געהאַט, וואָס האָט געהייסן יותם. און אַ זון האָט ער אויך געהאַט פון אַ קעבס ווייב, אַ געצנדינערין פון דער געצנדינערישער שטאָט שכם.

צוויי־און־זיבעציק איז געווען די צאָל פון אַלע זיינע זין.

שכם אין געווען אַן אַלטע שטאָט אַ באַפעסטיקטע. אין מיטן שטאָט איז געשטאַנען אַ פעלז אַ געפיילטער און פאַרשפיצטער. דעם פעלז האָבן זיי געהאַלטן פאַר הייליק. אַרום דעם פעלז זענען געשטאַנען מזבחות און אַנדערע הייליקע שטיינער. די פעסטונג פון דער שטאָט איז געווען דאָס גרויסע הויז מיטן טורעם צו דעם גאָט בעל־ברית. דעם בעל־ברית האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייער באַשיצער און פאַר דעם גאָט פון זייערע געטער. מענטשן פון נאָענטע און ווייטע שטעט פלעגן גיין צו פוס קיין שכם אויף צו בוקן זיך צו די געטער, אויף צו ברייגען קרבנות צו דעם בעל־ברית און מתנות צו די פריסטער און פריסטערינס, וואָס האָבן מזנה געווען צו די געטער. גרויסע יום טובים פלעגט מען דאָרטן מאַכן צו די געטער.

און גדעון האָט געוואָלט שלום מיט דער באַפעסטיקטער שטאָט שכם. און די מענער פון שכם האָבן זיך אים אונטערגעגעבן. ווייל ער האָט זיי באַפרייט פון דעם יאָך פון מדין. און די שטאָט שכם האָט גדעונען געגעבן די שענסטע פון זייגע קעבס ווייבער. די שענסטע פריסטערין און זונה צו די געטער.

און גדעון האָט שטאַרק ליב געקראָגן זיין שכמער קעבס ווייב. אי־בער איר שיינקייט האָט ער זי ליב געקראָגן. און עס זענען אים געפעלן געוואָרן אירע גענג און ער האָט גענומען נייגן צו די געטער.

און די שכמער קעבס ווייב האָט אים אַ זון געבאָרן און אים אבימלך גערופן. — עס זאָל הייסן — דיין פאָטער איז מלך.

די שכמער איז ניט אַנגעשטאַנען צו האָבן נאָר אַ שופט איבער זיך. אַ מלך האָבן זיי געוואָלט. ווי עס האָבן די פעלקער פון אַלע געצנדינער. איז זיי וואויל געפעלן, וואָס דער זון פון דער קעבס־ווייב, וואָס צו גדעונען אין שכם האָט זיך גענומען רופן אבימלך. — אַ מלך איז מיין פאָטער.

און די האַרן פון פאָלק האָבן דאָס דערהערט און עס איז זיי גיט געפעלן געוואָרן. און זיי זענען געקומען צו גדעונען און האָבן צו אים גע־זאָגט:

קום, ווער מלך איבער אונדז, דאָס קעניגרייך זאָל זיין צו דיר, צו דיין זון און צו דיין זונס זון. וואָרים האָסטו דען ניט באַפרייט דאָס פאָלק, וואָס איז געווען באַצוואונגען און פאַרקנעכט? האָסט אויסגעלייזט דאָס פאָלק פון דער שווערער האַנט פון מדין. און ביסט קלוג און דיין האַנט איז שטאַרק.

און גדעון האָט צו זיי געענטפערט און געזאָגט:

ניט איך, ניט מיין זון און זונס זון וועלן קיניגן איבער אייך, בייערט יהוה. דאָס קעניגרייך איז צו יהוה און ער וועט קעניגן איבער אייך. יהוה וועט אייער מלך זיין.

האָבן זיי צו אים ווידער גערעדט און געזאָגט:

— זע, די שכמער רופן שוין דעם זון פון דיין קעבס־ווייב — אֲבימלך. און זע — דאָס פאָלק גייט אויף אַהין קיין שכם און עפרה, דיין שטאָט, איז פאַרלאָזן. און אַזוי אויך דער מזבח, וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט צו יהוה. דאָס פאָלק ציט צו אַ גאָט, צו וועלכן עס קאָן מזנה זיין און עס טראָגט אַהין אויך דאָס פאַרמעגן פון דעם לאַנד.

האָט גדעון־ירובעל געטראַכט און געזאָגט:

— יאָ, איך ווייס, איר זענט גערעכט. און איך וויל אַייך העלפן. איין זאַך נאָר בעט איך פון אייך. פיל זענען געווען די דערהרגעטע און דערשלאָגענע, וואָס זענען געפאַלן אין די מלחמות פון אונדזער שווערד, און זיי האָבן אַלע געטראָגן גאָלדענע נאָז־רינגען אין זייערע נאָזלעכער. ווען איך דאָ פאַרשפּרייטן מיין קלייד און איר גייט אַרויס און רופט אין די אויערן פון פאָלק. גדעון וויל ניט זיין קיין מלך, גדעון וויל אָבער אַז מען זאָל אים ברייגגען די אָנגעזאַמלטע נאָז־רינגען, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון די נאָזלעכער פון די דערהרגעטע ישמעאלים און מדינים און זיי וואַרפן אין דעם אויסגעשפּרייטן קלייד וואָס פאַר אים.

און עס איז געווען די וואָג פון די נאָז־רינגען, וואָס מען האָט געבראַכט און געוואָרפן אין זיין קלייד, טויזנט און זיבן הונדערט גאָלדשטיק און חוץ דעם זענען נאָך געווען די גאָלדענע בוזים קנעפּ פון די

מלכים פון מדין און די גאָלדענע האַלדזבענדער, וואָס אויף די העלדזער פון זייערע קעמלען. און גדעון האָט פון דעם געמאַכט אַ גאָלדענע אפוד־אָפּ־גיסונג, פון אַן אָקס, וואָס שטייט גרייט אויפצושפּרינגען פאַר באַפּרוכפּע־רונג. און גדעון האָט די אָפּגיסונג אַוועקגעשטעלט אין זיין שטאָט עפרה. און אַז דאָס פאָלק האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָ־זיקער זאַך, אַזוי האָט דאָס אויפגעהערט גיין קיין שכם. און גאַנץ ישראל האָט גע־נומען גיין קיין עפרה און דאָרט מזנה געווען צום גאָל־דענעם אָקס, צום אַפוד. און דאָס איז וואוילגעפעלן צו די אויגן פון די האַרן פון פאָלק

און זיי זענען אַוועק צו זייערע געצעלטן מיט גרינגע געמיטער. נייערט די האַרן פון שכם און זבולון, זייער פּקיד איבער דעם טעמפּל צו דעם בעל־ברית, וואָס אין שכם, איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. נאָר מורא האָבן זיי געהאַט פאַר גדעונען דעם ירבעל און זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז קלוג, און אַז שטאַרק איז זיין האַנט.

און אַז בעסער איז אַנצוהאַלטן שלום מיט דעם יריבעל אַזוי לאַנג, ווי שלום וויל זיין האַרץ, וואָס איז געפאַנגען אין דער נעץ פון זיין געצנ־דינערישער קעבס ווייב, זייער שוועסטער.

אבימלך און יותם.

פון די אַלע צוויי און זיבעציק זין, וואָס צו גדעון, איז זיין יינגסטער זון, יותם, געווען דער שענסטער. און גדעון האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין שיין געשטאַלט, פאַר זיינע שיינע רייד און פאַר דעם, וואָס ער האָט אים דערמאַנט אַן דעם מלאך, וואָס האָט זיך צו אים אַמאָל באַוויזן אין דעם קעלטער פון זיין פאָטער. און עס פלעגט זיין, ווען דער גדעון פלעגט פאָרן אויף אַ יום טוב קיין שכם, פלעגט ער ליב האָבן מיטצונעמען דעם יותם מיט זיך.

האָט איינמאָל יותם, דער זון פון גדעון, אָפּגעשטעלט דעם אבימלך פאַר די אויגן פון די לייט פון שכם, אין מיטן פון א יום טוב אין דער שטאָט שכם און אים געפרעגט.

— פֿאַרוואָס, זאָג, רופֿסטו זיך אבימלך?

האָט אים דער אבימלך אויף דעם געענטפֿערט און געזאָגט:

— ווייל מיין פֿאָטער איז מלך.

— אָבער דיין פֿאָטער איז דאָך גדעון, דער פֿאַסטוך פֿון דעם פֿאָלק, דער שופֿט אין ישראל און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן מלך.

— דאָס פֿאָלק דאַרף אַ מלך, — האָט געזאָגט דער אבימלך.

— דאָס פֿאָלק האָט אַ מלך. און יהוה איז זיין נאָמען. — האָט יותם צוריק געענטפֿערט.

אָבער דער אבימלך האָט אויף דעם געענטפֿערט און געזאָגט:

— יהוה איז אַ גאָט, ווי דער בעל־ברית. נאָר דער בעל־ברית האָט אַ באַפֿעסטיקטע הויז און אַ באַפֿעסטיקטן טורעם צו דעם הויז.

— יהוהס באַפֿעסטיקטער טורעם, זיין באַפֿעסטיקט הויז איז דער הימל, איז די וועלט די גאַנצע, — האָט יותם געענטפֿערט.

— דער באַפֿעסטיקטער טורעם אַרום דעם בעל־ברית איז אַן אַנלען און אַ באַשיצונג. אין דער גאַנצער וועלט איז שווער זיך צו באַהאַלטן. צווישן געטער און פֿעסטונגען איז די וועלט צעטיילט. אין די באַפֿעסטיקטע טעמפּלען פֿון די געטער קאָן מען זיך באַהאַלטן און באַשיצן פֿון אַ שונא.

באַפֿעסטיקטע טעמפּלען זענען ווערקצייג געמאַכט פֿון מענטשנס הענט און קאָנען אויך פֿון מענטשנס הענט צעבראָכן ווערן. ניט קיין באַשיצונג—אַן אָפּנאַרעריי זענען זיי. אַנדערש איז די פֿעסטונג פֿון יהוה. עס איז די ווערקצייג פֿון זיינע אייגענע הענט. און ווען ער ציט זיין שווערד און שלאָגט זיין דונער, ציטערן די שטאַרקסטע טעמפּלען און די געטער.

— יהוה איז דאָך אַ גאָט, וואָס איז דאָ בלויז אין דיין טראַכטן, ברודער.

— האָב ניט מורא פֿאַר דעם טראַכטן, ברודער. פֿאַרוואָר, אויב ניט דורך טראַכטן, מיט וואָס דען קאָן דער מענטש באַפֿעסטיקן די וועלט אַרום זיך?

— מיטן שווערד! — האָט געענטפֿערט דער אבימלך.

— פאַרוואָר, איז דען ניט די שווערד דיין טראַכטן, ברודער ?

— שווערד איז ניט געדאַנק. שווערד איז האַרטער שאַרפער שטאָל.

— און ווען האַרטער, שאַרפער שטאָל, פאַרוואָס דען ניט געדאַנק — פאַרוואָס דען ניט בלויז אַפּפאַל פון געדאַנק ? און אמת זאָג איך דיר — געדאַנק קאָן זיין האַרטער און שאַרפער פון שאַרפסטן שטאָל, ברודער.

— שטאָל, ברודער, איז דאָ אויך אויסער מיין טראַכטן. שטאָל איז דאָ, זעסט ! — האָט דער אבימלך געזאָגט, און דערויף אַרויסגע־שלעפּט זיין שווערד. — דו קאָנסט מיר ניט אַזוי אויך ווייזן יהוהן, וואָרים יהוה איז אַ גאָט, וואָס איז ניטאָ.

און יותמען האָבן ווייגעטאָן די דאָזיקע רייד און ער האָט געזאָגט.

— זע, איך בין ניט אין כעס אויף דיר פאַר די דאָזיקע דיינע זינ־דיקע רייד, נאָר ווי טוט מיר וויי. זע, אין דער פינצטערניש טוסטו פאַרלירן דיין וועג צו יהוה. געדענק — יהוה איז דער גאָט, וואָס איז דאָ. און זיין זיין איז זיכערער ווי עס איז די שווערד אין דיין האַנט.

— פאַרוואָס — האָט געפרעגט דער אבימלך — ביסטו ניט אין כעס אויף מיר, ווען דו פילסט דו דאַרפסט זיין אין כעס ? און זען טו איך זען, אַז דו ווילסט איך זאָל גלויבן, אַז דער גאָט, וואָס איז ניטאָ, איז דאָ. און וואָס איז מיט דעם בעל־ברית, וואָס אין דעם טעמפּל, וואָס אין שכם ? ער איז דאָך אמת, אים קאָנען דאָך זען מיינע אויגן, אים קאָנען דאָך ט אַ פּ ן מיינע הענט. זיין געשטאַלט, פון די לענדן אַרונטער — דאָס געשטאַלט פון אַ לייב אַ גרויסן. פיר געשפּאַנטע פיס אונטער אים, גרייט צום שפּרונג. און פון זיין גאַרטל אַרויף אַן אויפגעשפּרונגענער גאָט אין דעם געשטאַלט פון אַ מענטשן. אַ גאָט אַ מעכטיקער, מיט צוויי הער־נער אויף זיין שטערן גרייט און אָנגעשפּיצט צום קאַמף. די גרויסע באָרד אַרום זיין פּנים, אַ פעלזן־כח ליגט אין איר, די לאַנגע האָר, וואָס פאַלן פון זיין קאָפּ, פרויען־חן און מענער־קראַפט ליגן אין זיי. ער שרעקט און לאָקט דער בעל־ברית, איין אויג — אַ זון בייטאָג, אַ לבנה ביינאַכט — דאָס צווייטע.ביידע אויגן אָנגעשטעלט פאַר זיך כישופן, זאָגן אַן געשע־ענישן גרויסע. גוט איז מיט אָט־דעם אמתן גאָט, ברודער יותם. מיט אָט דעם גאָט, וואָס איך קאָן אי זען און טאַפּן.

האָט אים אויף דעם יותם, דער אינגסטער זון פון גדעון, שאַרף גע־ענטפערט און געזאָגט :

— אַט דער גאָט דיינער, ברודער, איז ניטאָ, — גיב מיר אַ פּאָר אָקסן, גיב מיר שטריק און איך רייס אים אַרונטער פון זיין געשטעל אין דעם טורעם און איך קער אים איבער און איך שלעפּ אים אין דעם שטויב פון די גאַסן.

זענען אויפגעשפּרונגען אַלע האַרן אַרום, וואָס פון שכם און האָבן זיך געכאַפּט פאַר די שווערדן, גייערט זבול דער פּקיד, דער עלטסטער פון די זקנים פון די מענער פון שכם, האָט געענטפערט. זבול האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— קינדער, אַ יום טוב איז דאָ היינט, און עס איז דער ווילן פון אייער פאָטער, אונדזער הערשער, אַז שלום זאָל זיין צווישן אונדז און צווישן אייך, און אַז געבן זאָלט איר זיך מתנות און שפּילן זאָלט איר זיך אין דעם היינטיקן טאָג. הייליק איז זיין ווילן.

דער שטיין

האָט יותם געפאָלגט דעם באַפעל פון זיין פאָטער און ער איז גע־קומען צו דעם געצעלט פון אַבימלך צו בעטן שלום און ער האָט מיט זיך מיט געבראַכט צום אַבימלך אַ קאָרב מיט טרויבן פון זיין היים אין עפרה, און יעדער טרויב איז געווען די גרויס פון אַן עפּל, און די שטענגלעך זענען געווען פעסט און זייער אָנזען איז געווען שיין און האָט געזעטיקט דאָס אויג.

האָט אבימלך צו אים געזאָגט:

— ברודער, דיינע טרויבן זענען שיין, נאָר שענער צו מיר איז אַ שפּיציקער שטיין. זעסט, אָט די שפּיציקע שטיינער אין מיין געצעלט זע־נען מיינע ליבסטע שפּילצייג. איך וועל זיך צוליב דיר שיידן מיט וויפיל דו ווילסט פון זיי.

האָט יותם זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— ברודער, טרויבן האָבן זאַפט, וואָס איז גוט צום גומען און צו וואָס איז גוט אַ שטיין? צי דו ווילסט ניט פאָלגן דיין פאָטער?

האָט דערויף אבימלך געזאָגט:

— הייליק איז דער ווילן פון מיין פאָטער און שלום וויל איך מיט דיר. איך באָט דיר מיין מתנה פון דער אמתער ליבשאַפט פון מיין האַרצן. אַ שטיין איז מיר בעסער פון דעם שענסטן טרויבן־שטענגל.

— פאַרוואָס ? — האָט אים אויף דעם געפרעגט דער יותם.

און דער אבימלך האָט אים אויף דעם געענטפערט :

— ווארים מיט אַ שטיין קאָן מען שפּאַלטן דעם קאָפּ פון אַ מענטשן און פון אַ חיה.

האָט דער יותם אָנגעקוקט דעם אבימלך. ער האָט אים באַטראַכט און געזאָגט :

— פאַרוואָר, ברודער מיינער. איך קוק אויף דיר און זע — דו מיינסט דאָס אמת און זאָגסט דאָס פון דער גאַנצקייט פון דיין האַרצן. איך קוק אויף דיר און זע — דיין האַרץ האָט באמת ליב די האַרטע שטיינער, מיט וועלכע דו באַצירסט דיין געצעלט. אמת איז געווען דיין וואָרט. זאָג איך איצט אינאיינעם מיט דיר איבער אָט דעם אמת דיינעם : — „אַ שטיין קאָן שפּאַלטן דעם קאָפּ פון אַ מענטש און פון אַ חיה" און יהוה איז דער, וואָס ווײלט די האַנט, דעם שטיין און דעם קאָפּ. און יהוה איז היינט אויף דעם עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

און אבימלך האָט אים אויף דעם אונטערגעטראָגן דעם עק פון זיין קלייד און צוגעגעבן :

— און די געטער פון שכם זענען עדות.

און גדעונס האַרץ האָט גענויגט צו אבימלכן, ווייל אבימלך איז געווען אַ מאַן, וואָס קאָן האַלטן אַ שטיין און אַ שווערד אין האַנט און עס האָט גענויגט צו יותמען, פאַר דעם, וואָס זיין האַרץ איז מיט יהוה, פאַר דעם, וואָס ער איז געווען שיין אין געשטאַלט און האָט אים דערמאַנט אָן דעם מלאך פון גאָט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים אַמאָל אין עפרה אין דעם קעלטער פון זיין פאָטער.

די זיבן פאַסטוכער.

און איינמאָל איז גדעונס אינגסטער זון, יותם, געקומען צו זיין פאָ־טער און געזאָגט :

— פאָטער, זיבן פאַסטוכער האָט דאָס פאָלק ישראל. אין חלום האָבן זיך צו מיר זיבן פאַסטוכער באַוויזן. און איינער פון די זיבן פאַסטוכער איז אברם, דער צווייטער איז יצחק און יעקב איז דער דריטער. דער פער־

טער פאַסטוך איז יוסף. דער פינפטער פאַסטוך איז משה און אהרון איז דער זעקסטער. דער זיבעטער פאַסטוך, פאָטער, האָט נאָך ניט קיין נאָמען. דער זיבעטער פאַסטוך וואַרט נאָך אויף זיין נאָמען. דיינער וואָלט זיין נאָמען זיין, ווען דו, וואָס דיין נאָמען איז ניט נאָר גדעון, נאָר אויך ירובעל, וואָלסט צעשטערט די בעל־געטער, וואָס אין שכם, ווי דו האָסט דאָס געטאָן צו דעם בעל, וואָס אין עפרה — א מלאך האָט זיך צו מיר באַוויזן און האָט דאָס מיר געזאָגט. וואָלסט נאָכדעם אויך דעם אפיד, דאָס קאַלב דאָס בייזע אויך אין עפרה ניט געדאַרפט.

און גדעון האָט געגלויבט אין די רייד פון זיין אינגסטן זון יותם און ער האָט אים פון איצט ליב געקראָגן ניט נאָר פאַר זיין שיינקייט, נאָר אויך פאַר דעם, וואָס א מלאך האָט זיך צו אים באַוויזן. און פאַר דעם וואָס שיין איז אים געפעלן די מעשה פון די פאַסטוכער די זיבן. אָבער שטאַרק ליב געהאַט האָט גדעון אויך זיין שיין קעבס ווייב, וואָס אין שכם און אין די יאָרן איז ער געווען און שלום האָט ער געוואָלט.

פערציק זענען געווען די יאָרן, וואָס גדעון האָט געמשפט.

און גדעון איז געשטאָרבן אין גוטן עלטער און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם קבר פון יואש זיין פאָטער, וואָס אין דער שטאָט עפרה.

אבימלך ווערט מלך.

די שכמער האָבן געהאַט אַן אַלטן חשבון מיט די קינדער פון די יידן, און זיי האָבן אויך געדענקט אין זייער הארצן, אַז גדעון האָט צעשטויסן דעם מזבח צו דעם גאָט בעל און זיי האָבן אויך געדענקט, אַז גדעון האָט אויפגעשטעלט אַן אפוד, כדי אָפּציען דאָס פאָלק פון צו גיין קיין שכם און זיי האָבן צו זיך געזאָגט: „אבימלך איז אונדזער ברודער".

פון דורות זיינען אָנגעזאַמלטע אוצרות געלעגן באַהאַלטן אין דעם טעמפל וואָס צום בעל־ברית.

האָט זבול, וואָס איז אויך געווען דער אויפזעער איבער די אוצרות, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דעם טעמפּל געגומען פון די אוצרות איין־און־זיבעציק זילבער־שטיק און זיי געגעבן צו דעם אַבימלך.

האָט דער אַבימלך פאַר די זילבער־שטיקער געדונגען צו זיך אַ סך פון די לייט, וואָס דרייען זיך אַרום פוסט און ליידיק אויף די וועגן און האָט פון זיי פאַר זיך אַ חיל געמאַכט.

און אַבימלך האָט געטראַכט: איין־און־זיבעציק זילבער־שטיק האָט מיר דער זבול אָפּגעציילט. איין־און־זיבעציק, ווייל איין־און־זיבעציק זע־נען די ברידער, די קינדער פון מיין פאָטער, — מיינע ברידערס קעפּ האָט ער מיט די זילבער־שטיק געציילט.

און ער האָט צו זיך געזאָגט: ניט קיין איין־און־זיבעציק, נאָר איין הערשער דאַרף דאָס פאָלק. מיט דער שאַרף פון דער שווערד דאַרף מען צונויפשמעלצן דאָס פאָלק. איין גרויס קעניגרייך דאַרף מען אויפ־שטעלן מיט אַ האַנט אַ שטאַרקער. זבול האָט מיך דערצויגן און איך קאָן גוט זיינע וועגן. ער וועט מיר העלפן. וואָלט ער נאָר געוואָלט געבן מער פון דעם גאָלד און זילבער, וואָס אין די אוצרות פון דעם טעמפּל.

אַזוי איז עס געווען, אַז נאָך דעם טויט פון גדעון איז אויפגעשטאַ־נען זיין זון אבימלך, וואָס איז צו אים געבוירן געוואָרן פון דער קעבס־ווייב, וואָס אין שכם.

און די לייט פון שכם האָבן געוואָלט אַ מלך. אַזוי האָבן זיי געזאָגט איינער דעם אַנדערן: „אבימלך איז אונדזער ברודער".

און אַזוי האָבן זיי זיך אַרום אים אַרומגענומען צו זאַלבן אים פאַר אַ מלך.

און דער אבימלך האָט איינגעלאַדן צו דער סעודה פון זיין קרוינונג אַלע איבעריקע פון זיין פאָטערס קינדער. ער האָט געלאָזט זאָגן אין זייערע אויערן:

— איך וועל מיט אייער גוטן ווילן ווערן דער מלך פון שכם און אירע שטעט. און וועל אייך נאָכדעם העלפן צעטיילן צווישן זיך דאָס איבעריקע פון פאָלק. מלכים דאַרפן ווערן אַלע זין פון מיין פאָטער.

און אבימלך האָט אַזוי צונויפגענומען אַלע זיבעציק זין פון זיין פאָ־טער, וואָס האָבן זיך געפונען אין עפרה אין דעם הויז פון זיין פאָטער, ער האָט פאַר זיי אַ גרויסע סעודה געמאַכט, און האָט זיי דאָרט ביי דער סעודה אין שכם אויסגעקוילעט אַלע אויף איין שטיין.

יותם, דער ייִנגסטער פון די ברידער איז געבליבן. אַבימלכס האַנט האָט אים ניט געקאָנט גרייכן. יותם האָט ניט געגלויבט, אַז מענטשן דאַרפן אַ מלך. איז ער צו דער סעודה ניט געקומען און אַז מען האָט אים געזוכט, האָט מען אים ניט געפונען.

און אבימלך האָט זיך געקרוינט פאַר אַ מלך אויפן מיטן מאַרק, אויפן אָרט פון דער געצנדינערישער זייל, וואָס איז מיטן פון דער שטאָט שכם. אויף דעם אייגענעם פאַרבלוטיקטן שטיין, אויף וועלכן ער האָט געקוילעט די זיבעציק זין פון זיין פאָטער, האָט ער זיך פאַר מלך געקרוינט. ער האָט געהייסן אויפשטעלן זיבעציק טרעפּ, אויפן וועג צום שטיין און האָט פאַרזאָגט, אַז אויף יעדן פון די טרעפּ זאָל ליגן אַ קאָפּ פון איינעם פון זיינע ברידער. אויף איין טרעפּ צו רעכטס, אויף איין טרעפּ צו לינקס. לויט דער עלטער פון זייערע יאָרן זאָל מען זיי אויסלייגן. און ער איז נאָכדעם אַזוי דורכגעגאַנגען צווישן אַלע זיבעציק קעפּ און איז אַזוי אַרויף צו דעם שטיין פאַר זיין קרוינונג און האָט זיך אַזוי פאַר מלך געקרוינט, כדי צו וואָרענען דאָס פאָלק און די שבטים פון דעם פאָלק, אַז זייער ערשטער מלך איז געקומען אויף דער ערד און אַז שטאַרק און ניט צוריקהאַלטנדיק איז זיין האַנט.

יותם ברייננט זיין משל.

און דאָס פאָלק פון די יידן האָט ליב געהאַט יותמען פאַר זיינע וועגן צו זאָגן אַן אמת און פאַר זיין שיינער מעשה וועגן די זיבן פאַסטוכער פון ישראל, וואָס גייען שטענדיק אַרום צווישן פאָלק און פאַר דער מעשה וועגן דעם זיבעטן פאַסטוך, וואָס וואַרט נאָך אויף זיין נאָמען. איז דאָס פאָלק געקומען צו יותמען און געזאָגט:

— זיי דו מלך איבער אונדז.

און ער האָט צו זיי געזאָגט.

— איך וועל ניט זיין קיין מלך איבער אייך. איר זייט זינדיק און פאַר דעם ווילט זיך אייך אַלץ אַ מלך. איבער אייער זינד האָט מיין פאָ־טער שלום געמאַכט מיט שכם, איבער אייער זינדיקייט, האָט ער פאַר אייך אויפגעשטעלט אַן אופד מיט אַ גאָלדענעם אָקס, איבער אייך איז פאַר אים פאַרמידן געוואָרן צו ווערן דער זיבעטער פאַסטוך אין ישראל.

און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו יותמען, אַז אבימלך איז געוואָרן מלך און וואָס ער האָט געטאָן צו זיינע ברידער, אַזוי איז יותם געגאַנגען

און האָט זיך געשטעלט אויף דעם באַרג גריזים, וואָס אין שכם און ער האָט אויפגעהויבן זיין קול און ער האָט גערופן און געזאָגט:

„הערט אויס, איר מענער פון שכם.
און פאַרנעמען זאָלן אייערע אויערן אַצינדערט,
וואָס איך, דער ייִנגסטער זון פון גדעון,
האָב אייך צו זאָגן היינט.
הערט מיין משל, אַזוי וועט אייך גאָט הערן: —

— די בוימער זענען געגאַנגען זוכן פאַר זיך אַ מלך, האָבן זיין געזאָגט דעם אוילבערט בוים:

— הערש איבער אונדז!

און דער אוילבערט בוים האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָך מיין טוּאונג צו טאָן, זאָל איך דען פאַרמיידן צו געבן מיין אויל, מיט וועלכן מען אַכפּערט גאָט און מענטשן און זאָל גיין זיך אָפּגעבן מיט שטיין איבער אייך?

האָבן די בוימער געזאָגט צו דעם פייגנבוים:

— קום דו און הערש איבער אונדז!

און דער פייגנבוים האָט צו זיי געזאָגט:

— זאָל איך דען פאַרמיידן צו געבן מיין זיסקייט און זאָל זיך אָפּגעבן מיט שטיין איבער אייך?

און די בוימער זענען געגאַנגען צו דעם וויינשטאָק:

— קום דו און הערש איבער אונדז!

און דער וויינשטאָק האָט געענטפערט און געזאָגט:

— זאָל איך דען פאַרמיידן צו געבן מיין וויין, וואָס דערפרייט גאָט און מענטש, און זאָל זיך אויסבייטן און זאָל ווערן אַ הערשער איבער די בוימער ?

אַזוי האָבן די בוימער זיך געווענדט צו דעם דאָרן :

— קום דו און רעגיר איבער אונדז !

אַזוי האָט דער דאָרן געזאָגט צו די בוימער :

אויב איר ווילט באמת מיך זאַלבן פאַר אַ מלך, אַזוי קומט, בויגט אייערע קעפּ, און באַשיצט זיך אין מיין שאָטן. און ווען ניט — אַזוי זאָל א פייער אַרויסגיין פון דעם דאָרן און זאָל פאַרברענען די טענענ־בוימער פון לבנון.

און אַצינדערט, אויב איר האָט דאָס געטאָן מיט אמת און מיט גע־רעכטיקייט, ווען איר האָט געמאַכט פאַר זיך דעם אבימלך פאַר אַ מלך ;

און איר האָט געטאָן אַזוי אייער גוטס צו גדעון־ירבעל און צו זיין הויזגעזינד פון וועגן דעם וואָס ער האָט זיך געקריגט מיט אייער גאָט בעל, פון וועגן דעם, וואָס ער האָט ביי זיינע ערשטע טריט צעשטויסן דעם מזבח פון דעם בעל און האָט אויף זיין אָרט אויפגעשטעלט אַ מזבח מיט אַ גאַנצן קרבן פאַר דעם גאָט יהוה ;

און איר טראַכט אין אייערע הערצער — איר האָט אים אַצינדערט געטאָן לויט דעם פאַרדינסט פון זיינע הענט :

איז אויב איר האָט דאָס געטאָן מיט אמת און מיט גאַנצקייט מיט ירבעל און מיט זיין הויזגעזינד דעם היינטיקן טאָג.

אַזוי פרייט זיך מיט דעם אַבימלך און זאָל ער זיך מיט אייך פרייען.

אָבער מיין פאָטער האָט פון אייערטוועגן מלחמה געהאַלטן און ער האָט מיט גאַנצקייט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר אייך ;

און ער האָט מיט זיין שטאַרקער האַנט אייך מציל געווען פון דער שווערער האַנט פון מדין און איר זייט היינט אויפגעשטאַנען קעגן דעם הויז פון מיין פאָטער, און איר האָט געהרגעט זיינע זיבעציק זין, אַלע אויף איין שטיין.

און איר האָט געמאַכט דעם אבימלך, דעם זון פון זיין דינסט, פאַר מלך איבער אייך, ווייל ער איז אייער ברודער ;

און אויף דעם אייגענעם שטיין, וואו ער האָט דורכגעפירט זיין בלוט־טיקע טואונג, האָט איר אים דאָס געלאָזט טאָן ;

אַזוי שטיי איך איצט פאַר אייך מיט דער זאָג, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין מיין מויל און הערט :

עס וועט אַרויסגיין אַ פייער פון דעם אבימלך און עס וועט פאַר־ברענען די מענער פון שכם.

און עס וועט אַרויסגיין אַ פייער פון די מענער פון שכם און עס וועט פאַרברענען דעם אבימלך״.

און די מענער פון שכם האָבן געזען אַ ליכט אַזאַ אַרום דעם יותם און זיי זענען פאַרציטערט געוואָרן. און די לייט פון דער שטאָט טהאר האָבן אים געלאָזט דורכגיין דורך זייער באַפעסטיקטער שטאָט און גאָר־ניט איז נאָכדעם געטאָן געוואָרן צו דעם יותם פון די לייט פון שכם, וואָס האָבן געהערט די דאָזיקע רייד. און דאָס האָט פאַרדראָסן דעם אבימלך.

און יותם איז אַוועק און האָט זיך באַזעצט אין בארה. און אבימלך האָט געהערשט דריי יאָר און האָט דעם יותם ניט געקאָנט גרייכן.

אַזוי האָט יהוה אַריינגעשיקט אַ בייזן גייסט צווישן אבימלך און צווישן די לייט פון שכם.

די מלחמות פון אבימלך

די מענער פון שכם האָבן גענומען מורא האָבן פאַר דעם משל פון יותם, ווײַמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ מענטשן פון וועמען עס רעדט אַ גאָט אַרויס. און זיי האָבן גענומען מורא האָבן פאַר דעם כעס און פאַר דעם צאָרן פון אבימלך, וואָס האָט אויף זיי געצאָרנט פאַרוואָס זיי האָבן פאַר אים דעם יותם ניט געכאַפּט. און זבול, וואָס האָט אַליין דערצויגן דעם אבימלך, האָט דערפילט, אַז בלוטיק האָט דער אבימלך אויסגעשטרעקט זיין שווערד איבערן לאַנד. און זבול און די מענער פון שכם האָבן ווידערגעשפעניגט אין דעם אבימלך, און זיי זענען געגאַנגען און האָבן זיך פאַרזיכערט מיט געלן, דעם זון פון עבד און מיט זיינע ברידער און זייערע לייט, וואָס פלעגן זיך אויפהאַלטן אין דער מדבר און פלעגן איבערפאַלן קעמל־פאַרער אויף די וועגן און אויך איבערפאַלן שטעט אפילו. און געל, זיינע ברידער און זייערע לייט האָבן זיך פאַרדונגען צו זבולן און האָבן אַוועקגעשטעלט אויסקוקער אויף די בערג.

און אַז דאָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו דעם אבימלך, האָט ער צו זיך געזאָגט: זבול איז קלוג, נאָר נאָך קליגער איז אבימלך, וואָס האָט זיך ביי אים שכל געלערנט. — ניט שלאָגן וועל איך זיך איצט מיט דעם געל, ווי עס האָט אויסגערעכנט דער זבול. דער געל שטייט מיר איצט

אַנטקעגן פון פאַר מיר און זבול און די איבעריקע האַרן פון שכם מיט זייערע לייט גרייט מיך צו שטעכן פון הינטן. און דער אבימלך איז אַרויס און צונויפגעגנומען דאָס פאָלק, וואָס מיט אים און געגומען לויערן אויף דער שטאָט אינדרויסן פון דער שטאָט. און ער האָט געלאָזט אָפּן דעם וועג און געוואַרט אַז געל און זיינע ברידער זאָלן אַריין אין שטאָט, און זאָל דער זבול און די לייט פון שכם דערפילן דעם טעם פון אַריינ־לאָזן מדבר־רויבער אין אַ שטאָט אַ באַפעסטיקטער. — איך וויל נקמה פון שכם פאַר זייער פריילאָזן דעם יותם און זיי גרייטן מיר איצט אַליין די נקמה צו.

און דער אבימלך האָט גלייך נאָך דעם אַרויסגעשיקט שלוחים און גערופן צו דעם פאָלק און האָט געזאָגט:

„דאָס ערשטע קעניגרייך פון פאָלק האָב איך פעסטגעשטעלט און גרויס וויל איך אייך מאַכן. פון איין עק וועלט ביזן צווייטן וועט זיך אונדזער קעניגרייך שפּרייטן. שכם אָבער האָט זיך ווי צוויי פרעמדע אָקסלען אָקסלדיק אָוועקגעלייגט אויף די אָקסלען פון אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד. אַנדערש זענען זייערע וועגן, זייערע געדאַנקען זענען אַנדערש. מיר מוזן אויסשניידן פון צווישן זיך די באַוואוינער פון שכם. איין גאַנץ פאָלק, וויל איך פון אייך מאַכן. און גרויס זאָלט איר זיין.

און ער האָט געניצט די רייד פון זיין ברודער יותם, וועמען ער האָט פיינט געהאַט און האָט געזאָגט:

באַפעסטיקט איז די שכם. שטאַרק באַפעסטיקט. אָבער פעסטונ־גען זענען געמאַכט פון מענטשלעכע הענט און מענטשלעכע הענט קאָנען זיי צעשטויסן.

און נאָך האָט ער געזאָגט אין זייערע אויערן:

פון הימל איז צו אייך די מעשה פון זיבן פאַסטוכער געקומען און ליב האָט איר די מעשה. — איך דער גרונטפעסטיקער פון דעם ערשטן קעניגרייך אייערן וועל מיט אייער הילף אויך דער זיבעטער פאַסטוך פון ישראל ווערן; דער זיבעטער פאַסטוך פון דעם פאָלק, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען, וועט אייער ערשטער מלך זיין. אבימלך וועט זיין נאָמען זיין.

און ווייל ער האָט גענוצט די רייד פון זיין ברודער יותם, וועמען ער האָט פיינט געהאַט, האָט ער אים פאַר דעם נאָך מער פיינט געקראָגן אין זיין האַרצן.

און אַז געל האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אבימלך איז אַרויס פון שטאָט און, אַז עס איז ניטאָ מער קיין באַשיצונג אין שכם, אַזוי איז ער מיט זיינע לייט אַריין אין שטאָט, זיך דאָרט באַפעסטיקט און גענו־מען לאַכן פון דעם אבימלך, פון זבולן און פון אַנדערע האַרן פון שטאָט, און זיי זענען אַריין אין די באַפעסטיקונגען פון טעמפל און אין דעם טעמפל און האָבן זיך דאָרט אָנגעשיכורט און געלאַכט:

— ווער איז דאָס דער אבימלך?

— אַ גיבור אַ גרויסער, אַ מלך איז ער?

אַ קעניגרייך וויל ער גרונטפעסטיקן. דאָס לאַנד, די וועלט וויל ער באַהערשן און זע, ער איז דאָך אַנטלאָפן פון פאַר מיר.

זאָל ער אַרונטערגיין, דער ערשטער מלך אין ישראל, און זאָל ער זיך אונטערשטעלן מלחמה צו האַלטן מיט מיר.

אַנטלאָפן איז ער דער מלך אייערער... האָט זיך פאַרמאָסטן אָנ־וואַרפן אַ שרעק איבערן לאַנד דעם גאַנצן און פון פאַר מיר איז ער אַנטלאָפן".

און דער געל האָט גענומען שפעטן און רעדן שלעכטע רייד אויך אויף די איינוואוינער און אויף די האַרן פון שכם.

און פון זבולן האָט ער געפאָדערט ער זאָל אים געבן נאָך גאָלד און זילבער־שטיקער פון די אוצרות, וואָס אין דעם טעמפל, וואָס צו דעם בעל־ברית.

האָט זבול געשיקט שלוחים צו דעם אבימלך און זיי געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

„זע דער געל און זיינע ברידער האָבן פאַרנומען די באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט, זע, זיי לאַכן פון דיר און פון אונדז. זע, ער רופט דיך

צו מלחמה. דו זע, שטעל איין אַזוי, אַז געננג פון דיינע לייט זאָלן זיך צורוקן דורך דער נאַכט צו דער שטאָט און עס וועט זיין פון פאַרטאָג, וועלן מיר זיי אַריינלאָזן אין דער שטאָט און דו, מיט דיין איבעריקן חיל, קום נאָכדעם דעם געל אַנטקעגן און זאָל ער אַרויס פון דער שטאָט און פון אירע באַהעלטענישן און זאָל ער זיך פאַרמעסטן מיט דיר אין פעלד".

און אבימלכן איז דאָס געפעלן און ער האָט אַרויסגענאַרט דעם געל און האָט אים געשלאָגן און האָט אים פאַרטריבן. און אבימלך האָט גע־וואָרט. ער איז ניט אַריין גלייך קיין שכם, נייערט, ער איז געבליבן פון דרויסן פון שכם, ביז זבול האָט פאַרטריבן דאָס איבערבלייבעכץ פון געל פון די שטעט פון שכם און נאָכדעם האָט ער אויסגעטיילט זיינע מחנות אין דריי טיילן און ער האָט ווידער געוואַרט ביז זבול האָט אַרויסגעשיקט דאָס פאָלק פון שכם, אַז זיי זאָלן אים באַגעגענען און אויפנעמען ווי זייער צוריקגעקערטן מלך.

און ווען דאָס פאָלק איז אַרויס פון שטאָט מיט יובל קעגן אים, אַזוי איז ער זיי איבערגעפאַלן און זיי געהרגעט מיט גרויס רציחה. און ער איז נאָכדעם אַריין אין דער שטאָט טהאר, וואָס האָט אַמאָל דורכגעלאָזן דעם יותם און ער האָט דאָרט געהרגעט אַלט און יונג און האָט די שטאָט אינגאַנצן צעשטויסן און האָט זי באַשאָטן מיט זאַלץ.

און אַז זבול און די האַרן און דאָס פאָלק פון שכם האָבן דאָס דער־הערט, אַזוי האָבן זיי זיך צונויפגעזאַמלט און האָבן זיך באַפעסטיקט אין דעם טעמפּל און אין דעם שטאַרקן טורעם, וואָס צו זייער גאָט בעל־ברית. און די מוטער פון דעם אבימלך איז געווען מיט זיי.

און זי האָט געשיקט צו אבימלך אַזוי צו זאָגן:

בין איך דען ניט דיין מוטער, וואָס האָט דיך געבוירן? האָב איך דען דיר ניט געגעבן דיין נאָמען אבימלך? האָב איך, דיין מוטער, די פּריסטערין צו דעם גאָט בעל־ברית, און זבול, דער כהן פון אונדזער גאָט דעם גרויסן, דיך ניט דערצויגן צו ווערן מלך? פאַרוואָס גייסטו אויף אונדז מיט אַזאַ ביטערקייט? זענען מיר דען ניט דיינע אייגענע מענטשן? איז דאָס דען ניט, נייערט אַ שלעכטער גאָט האָט דיך פאַרפירט און פאַרקרימט דיינע וועגן? ווערסטו זיך שטעלן קעגן דיין מוטער?

און אבימלך האָט געשיקט צו זבולן און געזאָגט:

— זע, דו שטעלסט אַרויס מיין מוטער אין מלחמה קעגן מיר און ניט קלוג האָסטו דאָס געטאָן. זע, שיק מיר גלייך אַזוי פיל און אַזוי פיל גאָלד און זילבער־שטיקער פון די אוצרות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דעם

טעמפּל, פאַרוואָר איך בין אין כעס אויף אייך אַלע, פאַר דעם יותם, דעם אויסטראַכטער, בין איך אין כעס אויף אייך אַלע און איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך. איך דאַרף ניט קיין פעסטונגען פאַר די שכמער, איך דאַרף פעסטונגען פאַר איין גאַנץ פאָלק. ווען אַן אַקס טויג ניט פאַרן שפּאַן, שעכט אים און עס זיין פלייש. אַ מענטש אין דער מלוכה מוז גיין ווי אַן אַקס אין שפּאַן. זע, איך האָב צעשטויסן די שטאָט טהאר און האָב זי באַשאָטן מיט זאַלץ, אַלס צייכן, אַז אויף אייביק פאַרוויסט האָט אבימלך די דאָזיקע שטאָט, וואָרים די לייט זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יותם און האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן, אַז דער יותם איז אַ געטלעכער מענטש. איצט וועלן שוין זייערע מיילער מער ניט זאָגן, אַז אַ גאָט רעדט פון דעם יותם.

און דער זבול האָט אים געענטפערט:

דו קאָנסט ניט קריגן קיין גאָלד און זילבער פאַר דיינע מענטשן פון די אוצרות, וואָס אין טעמפּל צו דעם בעל־ברית, ווייל דו האָסט אויף זיך אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דעם בעל. ווילסטו, אַז ער זאָל אונדז אַלע מיט זיין דונער דערשלאָגן? דערנעענטער זיך ניט צום טעמפּל, ווייל מיט דעם שטאַרקן גאָט בעל־ברית וועסטו דאָ מלחמה האַלטן. און נאָך האָט ער געזאָגט: איך ווייס ניט, צי טאָקע אויף אייביק פאַרוויסט האָסטו די שטאָט טהאר. איך ווייס אָבער, אַז דו האָסט גראָד דאָרט אויף אייביק פאַרזיכערט די זאָג און די וואָרנונג פון דיין ברודער יותם. געשטאַרקט האָסטו דעם יותם, וועמען דו האָסט אַזוי פיינט; געשטאַרקט האָסטו דורך דעם אויך זיין אויסגעטראַכטן גאָט, וואָס איז ניטאָ. דער בעל־ברית, וואָס דו ווייסט, אַז ער איז דאָ, וועט זיך בייז נוקם זיין אין דיר פאַר דעם.

האָט דאָס נאָך מער אויפגערייצט דעם אבימלך. אָפּווישן האָט ער געוואָלט דאָס געדעכעניש פון דעם יותם. און געגלויבט האָט שוין דער אבימלך, אַז אויסער דעם בעל־ברית איז אַ גאָט דער, וואָס האָט אַ שטאַרקע האַנט, אַ שאַרפע שווערד און אַ קאָפּ אַ קלוגן. און איז דען דער בעל־ברית ניט געבוירן געוואָרן פון דעם טראַכט פון דער מאַמע־גאָט תהום? און האָט ער דען ניט מלחמה געהאַלטן מיט דעם ווייב־גאָט תהום, וואָס האָט אים געבוירן? האָט ער דען ניט געשטאָכן זיינע הערנער אין איר בויך און ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט זי בייגעקומען, איז ער, דער הערשבדיקער גאָט געוואָרן? — ער האָט נאָכדעם מיט די אַנדערע בעלים, די

געטער, אַ ברית פאַרשניטן און זיי האָבן אים דערפאַר געקרוינט מיט דעם נאָמען בעל־ברית און ער איז אַזוי דער ערשטער גאָט פון די געטער געוואָרן ?

אַזוי האָט אבימלך געטראַכט אין זיין האַרצן. און ער און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט אים, זענען אויפגעשטאַנען אין מיטן פון דער נאַכט און זיי האָבן געלויערט איבער שכם אין פיר טיילן.

און ווען די לייט פון דער שטאָט שכם האָבן דאָס דערהערט, אַזוי האָבן זיי זיך צונויפגעזאַמלט און האָבן זיך באַפעסטיקט אין זייער שטאַרקן טורעם, וואָס צו זייער גאָט בעל־ברית, זיי, זייערע ווייבער און זייערע קינדער. און די קעבס־ווייב, וואָס צו גדעון, די מוטער פון אַבימלך, וואָס זיי האָבן גערופן די מוטער — די מלכה איז געווען מיט זיי.

אַזוי איז דאָס אָנגעזאָגט געוואָרן צו דעם אַבימלך.

און אויף דעם באַרג צלמונה איז געוואַקסן אַ גרויסער וואַלד. האָט אַבימלך גענומען דאָס פאָלק, וואָס מיט אים, און ער איז מיט דעם אַרויף אויף דעם צלמונה.

און אבימלך האָט גענומען די האַק, וואָס אין זיין האַנט, און ער האָט אָנגעהאַקט צווייגן פון די בוימער, און ער האָט די צווייגן אויפגעהויבן און ער האָט זיי געטאָן אויף איבער זיינע אַקסלען, און ער האָט געזאָגט צו דעם פאָלק, וואָס מיט אים:

— וואָס איר זעט איך האָב געטאָן, איילט זיך צו טאָן אַזוי ווי איך.

אַזוי האָט איטלעכער פון פאָלק אָפּגעשניטן אַ צווייג און דאָס געטאָן איבער זיינע אַקסלען.

און אַז אבימלך האָט גענומען גיין, זענען זיי געגאַנגען אַלע מיט אים.

און אבימלך האָט נאָכדעם גענומען גיין פון וואַלד אַרויס און דאָס מיט צווייגן פאַרשטעלטע חיל אינאיינעם מיט אים.

און עס איז געווען, ווי דער וואַלד פון דעם באַרג צלמונה האָט גענומען אַרויסלאָזן פון זיך אַ וואַלד אַ נייעם.

און איינער פון די וואַכלייט אויף דעם טורעם, וואָס אין דעם הויז פון דעם בעל־ברית, האָט געזאָגט צו זיין חבר:

„זע נאַר, אַ נס געשעט. דער וואַלד פון דעם באַרג צלמונה גייט פון דעם באַרג אַראָפּ. אַ נייער וואַלד גייט פון דעם אַלטן וואַלד אַרויס. זע נאַר, דער נייער וואַלד, וואָס גייט פון דעם אַלטן וואַלד אַרויס, טיילט זיך פונאַנדער אין פיר באַזונדערע טיילן. זע נאַר, פיר וועלדער דערנעענטערן זיך צו אונדז פון אַלע זייטן. — דער בעל־ברית האָט באַפוילן די געטער פון דער ערד און זיי שיקן צו אונדז שוץ".

און אַזוי האָט אבימלך און דאָס פאָלק, וואָס מיט אים, זיך דער־נעענטערט און זיי זענען צוגעקומען פון אַלע פיר זייטן ביז צו דעם טורעם פון דעם גאָט בעל־ברית, וואו עס זענען געווען באַפעסטיקט די לייט פון שכם. און די צווייגן איבער זייערע קעפּ האָבן זיי באַשיצט פון די פיילן און פון די שטיינער, וואָס די לייט פון דעם טורעם האָבן אין זיי געשליי־דערט. און זיי האָבן זייערע צווייגן אויף דעם הויז און אויף דעם טורעם געוואָרפן און זיי האָבן זיי אָנגעצונדן.

און דאָס פייער האָט פאַרברענט דאָס הויז און דעם טורעם און די אַלע לעבעדיקע, וואָס אין אים. און אויך די מוטער פון אבימלך און אויך זבול דער פּקיד זענען אין דעם פייער פאַרברענט געוואָרן. די גאָלד און זילבער־שטיקער זענען אָבער געבליבן און זיי האָבן רייך געמאַכט דעם אבימלך און זיין מאַכט איז געוואַקסן.

פון דורות זענען די גאָלד און די זילבער־שטיקער געלעגן אָנגע־זאַמלט אין דעם טעמפּל און זענען געווען באַהאַלטן אין שטיינערנע קאַסטנס, איבער וועלכע עס איז געשטאַנען דער שטיינערנער בעל.

און עס איז געווען, ווען אבימלך האָט דערזען, אַז דער בעל איז גע־בליבן גאַנץ און האָט נאָך פאַר אים אָפּגעהיט די אוצרות, וואָס אין די קאַסטנס, וואָס אונטער אים, אַזוי האָט אבימלך געזאָגט:

„אַצינדערט זע איך, אַז דו ביסט מיר אַ שותף אין מיין אַרבעט. אינ־איינעם מיט מיר וועסטו גיין און וועסט מיר העלפן אָפּווישן דאָס געדע־כעניש פון יותם און פון דעם אויסגעטראַכטן גאָט זיינעם. איין גרויס קע־ניגרייך וועסטו מיר העלפן גרונטפעסטיקן. אויב די שכמער זענען פרעמ־דע אין דעם גאַנצן לאַנד און באַהאַלטן זיך פון שטענדיק אין זייערע פעס־טונגען די שטאַרקע, וועסטו מיר זיי העלפן אויסברענען, ווי מען ברענט אויס ווילדע בינען־נעסטן פון אַ פעלד. ווי די זון וואַלט זיך אין אַן אויפ־

געשפּרונגענעם לייב־מענטש פאַרוואַנדלט, אַזוי שטייסטו איצט פאַר מיר, גאָט־בעל. פאַר איין גרויס קעניגרייך ביסטו מיר מיין שותף היינט. צווישן די אַלע ברענענדיקע מענטשלעכע קרבנות, וואָס קרעכצן נאָך אין פיין צווישן די ברענענדיקע חורבות, פאַרשנייד איך מיט דיר אַ ברית היינט. דו ווערסט מיין און איך ווער דיין שותף היינט".

דער סוף פון אבימלך.

און אבימלך איז נאָכדעם געקומען קיין תביץ און ער האָט זי באַ־באַלאַגערט און ער האָט זי איינגענומען. און עס איז אין מיטן פון דער שטאָט תביץ געווען אַ שטאַרקער טורעם, און אַלע מענער און ווייבער זענען אהינגעלאָפן און זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן, און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך פון דעם טורעם פאַר מלחמה.

און אבימלך האָט מיט די לייט מלחמה געהאַלטן און ער האָט זיך גענעענט ביז צו דער טיר פון דעם טורעם, כדי אים צו פאַרברענען איינ־איינעם מיט די לייט, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין שכם. נייערט אַ ווייב אויף דעם דאַך פון דעם טורעם האָט אים דערקאָנט, און זי האָט אים אָפּגעוואַרט און האָט געוואָרפן אויף דעם קאָפּ פון דעם אבימלך אַ שטיק פון אַ מילשטיין, און זי האָט אים געטראָפן, און זי האָט אים זיין קאָפּ צעשפּאָלטן.

אַזוי האָט אבימלך גערופן צו דעם יונג, וואָס מיט אים, וואָס איז געווען זיין געווערטרעגער, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— זע, איך, אבימלך, דער ערשטער יידישער מלך האָב געוואָלט באַפעסטיקן די ערשטע מלוכה פון ישראל. זע, איך האָב געוואוסט ווי עס צו טאָן. — דורך שווערד, דורך שטיין, דורך שכל, וואָס איך האָב גע־ירשנט פון מיין טאַטן, געלערנט פון זבולן און דורך פייער אפילו. צו־נויפשמעלצן האָב איך געוואָלט דאָס פאָלק. האַלטן דאָס אין מיין שטאַר־קער האַנט און דאָס מאַכן פאַר איינס פון די שטאַרקסטע פעלקער אין דער וועלט. אַ וועלט האָב איך געוואָלט באַהערשן. — האָט זיך מיר מיין ברודער יותם געשטעלט אין וועג. אַן אמתער גאָט פאַר דעם פאָלק האָב איך געוואָלט ווערן. האָט זיך דער יותם מיר אַנטקעגן געשטעלט מיט אַן אויסגעטראַכטן גאָט. אַ גאָט, וואָס האָט אפילו ניט קיין באַפעסטיקטן טעמפל. אַ גאָט, וואָס דו קאָנסט אַפילו מיטן אויג ניט זען און מיט דער האַנט ניט טאַפּן. געשטעלט זיך קעגן מיר מיט אַ גאָט, וואָס איז ניטאָ און האָט צו מיר געזאָגט: „דער גאָט, וואָס איז ניטאָ, איז דאָ". געלאָכט האָב איך פון אים אין מיין האַרצן. און ווען איך האָב פאַר אים געריכט אַ שפּיציקן שטיין אַ האַרטן און געזאָגט: זע, מיט אים קאָן מען שפּאַלטן דעם קאָפּ פון אַ מענטש און פון אַ חיה. האָט דער יותם מיר צוגעלייגט, אַז דער אויסגעטראַכטער גאָט זיינער איז דער וואָס קלייבט דאָס די האַנט, דעם שטיין און די קאָפּ. און איצט זע — מיין קאָפּ האָט ער געקליבן, אַ שרעקלעכער גאָט, אָט דער יהוה. ער וויל ניט קיין צווייטן מלך אויף דער וועלט. עס זאָל אָבער ניט געזאָגט ווערן, אַז פון אַ האַנט פון אַ ווייב איז דערשלאָגן געוואָרן דער אַבימלך. נעם צו אָט די נקמה פון אָט דעם בייזן גאָט. צי אַרויס דיין שווערד, שטעך מיך דורך ווי עס שטעכט אַ מאַן אַ שטאַרקער. זאָל געזאָגט ווערן — ניט ער, וואָס איז ניטאָ, האָט אויסגעוויילט די האַנט מיך צו טויטן, נייערט — איך.

אַזוי האָט דער יונג אים געשטאָכן און ער איז געשטאָרבן.

און דאָס איז, ווי אַזוי עס זענען צוריקגעקערט געוואָרן די רייד פון יותם, ווי אַזוי עס איז צוריקגעקערט געוואָרן דאָס בייז פון אבימלך, וואָס ער האָט געטאָן צו דעם הויזגעזינד פון זיין פאָטער, צו דערהרגענען די זיבעציק זין, וואָס זענען געבוירן געוואָרן צו גדעון, דעם שופט אין ישראל.

II

יפתָח

דראַמע אין פינף אַקטן

מיט פּראָלאָג און עפּילאָג

און יפתח פון גלעד איז געווען אַ
גרויסער גיבור — און ער איז געווען
דער זון פון אַ זונה.

שופטים. י״א.

די באַטייליקטע:

דער גיבור יפתח (יפטאָך) —
מהיטבאַל (מהיטאַוואייל) — (זיין טאָכטער)
אַביעזר (אַוויעזער) — (זיין לערער, עצה־געבער און כהן)
רמליהו (רמאַליאָהו) — (זיין געוועזענער טרעגער)
ברכיה (בראַכיאָ) — רמליהוס זון)
זילפה (די ווייב פון רמליהו)
אַליפז (אַליפאַז) — (אויפזעער פון די טשערעדעס)
גלעד (גילאָד) — (דער אַלטער שופט)
אַביבעל (אַוויבאַאַל) — (דער כהן פון די געטער)
מרדוך (מרודאָך) — (אַ ברודער פון אַביבעל)
עכן (אָכאָן) — (דער געטערמאַכער)
יאָיר — (דער חוזה)
פנחס בן אַליעזר (פינכאָס) — דער כהן־גדול פון ישראל)
אברם (אַווראָם) — (דער ליכטיקער גרייז)
איינער פון די בני אפרים
איינער פון די זקנים
איינער פון די קריגער
איינער פון די פאַסטוכער
די אשתורת

טענצערינס, חברטעס, קריגער, פאַסטוכער, כהנים, זקנים, עולם. יפתח־לייט. אַביבעל־לייט. בני־אפרים. פרעמדע. די בני עמון. זייער הויפט. האַרן.

פּראָג

צווישן קריגער און פּאַסטוכער

(קריגער זיצן אַרום אַ פונאַנדערגעלייגטן פייער)

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ק ר י ג ע ר :

(צינדנדיק דאָס פייער)

זיבן זענען די פּאַסטוכער פון ישראל, זיבן.
און אַלע מעשות פון דעם פאָלק ישראל
ווערן זייערע מעשות.
וועגן דעם אמתן ליכט פון דער וועלט,
וועגן דער גרויסער מעשה פון דער וועלט,
ווערן זייערע אַלע מעשות פון דעם פאָלק.

אין די בערג גייען אַרום די זיבן פּאַסטוכער פון ישראל —
ברענגען די מעשות פון פאַרגאַנגענע צייטן,
היטן די מעשות פון היינטיקע טעג,
און טראָגן זיי אויף ווייטער;
פאַר דעם פאָלק אַף אייביקע יאָרן
פאַרבאַהאַלטן זיי די מעשות.

פאַרשטעלטע זענען די פּאַסטוכער, די זיבן,
די זיבן פּאַסטוכער פון ישראל.
אָבער אַלע ווייסן:
דער ערשטער פּאַסטוך דער פאַרשטעלטער איז — אברם,
דער צווייטער פּאַסטוך דער פאַרשטעלטער איז יצחק:
און יעקב איז דער דריטער.
דער פערטער פּאַסטוך דער פאַרשטעלטער, איז יוסף;
דער פינפטער פּאַסטוך דער פאַרשטעלטער, איז משה —
און אהרן איז דער זעקסטער.
נאָר ווער עס איז דער ז י ב ע ט ע ר פּאַסטוך, דער פאַרשטעלטער
ווייסט נאָך נישט דאָס פאָלק.

ווייסט נאָך נישט זיין נאָמען;
ווייסט נאָך נישט זיין נאָמען.
נאָר זיבן זענען זיי, ז י ב ן,
זיבן פאַסטוכער פון ישראל.
(בלייבט שטיל)

ע ט ל ע כ ע :

(זיך אומקוקנדיק צום הימל)
שוין אַרוים דער ערשטער אָוונט־שטערן, איסתהר, איסתהר,
די קעניגין פון אָוונט!

א י י נ ע ר :

(צום עלטסטן)
מען קאָן שוין אָנהויבן די אָוונט־מעשה.

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר ק ר י ג ע ר :

(לייגט אַוועק זיין שפּיז, שטרעקט אויס זיינע הענט און באַטראַכט זיי פאַר־זיכטיק ביים ליכט פון פייער. מאַכט מיט זיי נאָכדעם אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט מיט זיי עפּעס אָנגעשעפּט פון דער ערד, ווענדט זיך נאָכדעם, מיט די צונויפגעלייגטע שעפּנדיקע הענט צום הימל, שטרעקט זיי נאָכדעם, שעפּנדיק צו מזרח, צו מערב, צו צפון און צו דרום. ברענגט זיי נאָכדעם צונויפגעלייגטער־הייט צו די נאָזלעכער, שמעקט פון זיי טיף, נעמט זיי נאָכדעם פאַנאַנדער איבער די אויגן; ווישט זיך מיט זיי פאָרזיכטיק דאָס פנים; גלעט די גרויע באָרד און הויבט אָן):

— פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט, שעפּן מיר אונדזער מעשה,
אינאיינעם מיט דעם זאַפט פון דער ערד
און דעם אָטעם פון הימל.
זאָלן אַלע פיר עקן פון דער וועלט,
קומען הערן אונדזער מעשה.
זאָלן זיי נייגן זייערע אויערן
און זאָלן זי דערקענען,
זאָל פאַרנעמען די ערד
זאָל הערן דער הימל.
(פויזע, ענדערט זיין אויפרופנדיקן טאָן. הויבט אָן פון דאָס ניי)
וועלט איין, וועלט אויס. —
און צום ערשטן איז אויף דער וועלט געווען גאָרניט.
און גאָרניט האָט געבוירן פינצטערניש;

און פינצטערניש האָט געבוירן ליכט.
און עס איז געווען בלויז ליכט און וואַסער אויף דער וועלט.
און אין דעם גרויסן וואַסער איז דער תנין געלעגן,
דער גרויסער תנין פון דער וועלט איז אין דעם גאַנצן וואַסער געלעגן.
(ביי די לעצטע ווערטער לייגט ער צונויף זיינע הענט, ווי אין זיי צוריק אָננע־מענדיק דאָס פון פריער אָנגעשעפּטע)

אַ ל ע:

— דער גרויסער תנין פון דער וועלט איז אין דעם וואַסער געלעגן.
(דער ערשטער קריגער גיט זיינע צונויפגעלייגטע הענט איבער אן אַנדערן אין קרייז; דער אַנדערער נעמט פון זיי פּאַרזיכטיק איבער ווי יענער וואָלט אים דאָס ווייטערדיקע פון דער מעשה איבערגעגעבן און זעצט פאָר)

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר:

— און דער תנין האָט געמיינט, אַז ער איז דער גאָט פון דער וועלט,
און ער האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע וואַסער פון דער וועלט,
אַרום זיך האָט ער דאָס אַרומגענומען,
און ער איז אין דעם וואַסער, ווי אין אַן איי געלעגן,
און ער האָט געשלונגען אין זיך דאָס ליכט פון דער וועלט
און זיך געגרויסט: —
באַלד וועט דאָס גאַנצע ליכט פון דער וועלט פאַרשלונגען ווערן,

אַ ל ע:

אין זיינע פינצטערע געדערים פאַרשלונגען ווערן.
(דער ערשטער אַנדערער גיט איבער זיינע הענט אַ צווייטן אַנדערן. יענער נעמט איבער און הויבט אָן)

צ ו ו י י ט ע ר אַ נ ד ע ר ע ר:

איז יהוה געקומען מיט זיין גרויסער שווערד, דער האַרטער,
און ער האָט מיט זיין שאַרפער שווערד געשפּאָלטן,
דעם גרויסן וואַסער־תהום האָט ער געשפּאָלטן,
אויף צוויי העלבע האָט ער אים געשפּאָלטן.
און ער האָט אויף דעם שפּיץ פון זיין שווערד דער גרויסער
אַ הויב־געטאָן אַ האַלבן וואַסער־תהום,
אין דער הויך האָט ער אים אַ הויב געטאָן.
און ער האָט געמאַכט וואַסער אויבן און וואַסער אונטן,
און אין מיטן איז געווען ליכט...

אַ ל ע:

און אין מיטן איז געוועזן ליכט...

ד ר י ט ע ר:

(איבערנעמענדיק די צונויפגעלייגטע הענט פון דעם פריערדיקן).

און גאָט איז געשטאַנען אין מיטן פון דעם ליכט.

אַ ל ע:

און גאָט איז געשטאַנען אין מיטן פון דעם ליכט.

ד ר י ט ע ר:

און דאָס אויבערשטע וואסער האָט זיך אויסגעבויגן

און עס איז ווי אַ רונדער דאַך איבער גאָטס קאָפּ געוואָרן,

ווי אַ רונדער דאַך איז דאָס וואסער געוואָרן.

און דאָס אויבערשטע וואסער איז אַזוי פאַרטריקנט געוואָרן —

און ס'איז געוואָרן הימל.

(גיט איבער די הענט צו אַן אַנדערן, יענער נעמט איבער און שפּרינגט לופטיק אויף זשעסטיקולירנדיק)

פּ ע ר ט ע ר:

און גאָט האָט מיט זיין ליכטיקער שווערד געשטאָכן דעם הימל,

אויסגעשניטן אין אים אַ לאָך פאַר דער לבנה

און דאָרטן אַריינגעלייגט ליכט.

אַ ל ע:

און דאָרטן אַריינגעלייגט ליכט.

פּ ע ר ט ע ר:

און אַ לאָך פאַר דער זון —

און דאָרט אַריינגעלייגט פייער.

אַ ל ע:

פייער.

פּ ע ר ט ע ר:

און ער האָט געשטאָכן די שטערן

און האָט געשניטן מזלות.

די אַלע מזלות האָט ער געשניטן.

(אינאיינעם מיט אַלע)

און יהוה האָט דערזען, אַז ס'איז גוט,

און עס איז אים וואוילגעפעלן.

(גיט איבער זיינע הענט צום ערשטן)

ע ר ש ט ע ר:

(איבערנעמענדיק)

און דעם תנין איז געוואָרן ענג צו ליגן
אין דעם געהעלפטן וואַסער.
און ער האָט אַרויסגעהויבן זיין שרעקלעכן קאָפּ, דעם גרויסן,
און בייז גענומען שרייען:
ווער האָט געוואַגט צוצונעמען אַ האַלבן וואַסער־תהום,
אַ האַלבן געלעגער פון מיר דעם רהב, דעם תנין, דעם גאָט פון
דער וועלט?

(גיט ווידער איבער זיינע הענט צום פינפטן און יענער הייבט אָן)

פ י נ פ ט ע ר:

יהוה אָבער האָט געוואוסט, אַז דער גאָט פון דער וועלט איז ע ר,
און אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער גאָט אויסער אים,
האָט ער אָפּגעהאַקט מיט זיין שווערד דעם אַרויסגעהויבענעם קאָפּ
פון דעם גרויסן רהב, פון דעם תנין,
און ער האָט דעם קאָפּ געלאָזט שווימען.
איבער דעם גרויסן וואַסער איז דער קאָפּ געשוואומען.
לאַנג אַזוי געשוואומען.
און דער גרויסער קאָפּ
איז שווימענדיק באַדעקט געוואָרן מיט גראָז.
מיט ביימער און מיט פלאַנצן אַלערליי
איז ער בליענדיק באַדעקט געוואָרן.
און יהוה האָט דאָס דערזען — און ס'איז געווען גוט צו זיין אויג.
און ער האָט געזאָגט צום קאָפּ: זיי אַן ערד.
און דער קאָפּ איז דאָס געוואָרן.
און פון דעם גרויסן קערפּער פון דעם תנין
האָט ער אַ האַרטע פאַרשפּרייטונג פאַר דעם ים געמאַכט.

ז ע ק ס ט ע ר:

(איבערנעמענדיק)

מיט זיין שווערד האָט יהוה דעם תנינס בויך געשפּאָלטן,
דאָס אָנגעשלונגענע ליכט באַפרייט
און פון דעם בויך אַ שיסל פאַר דעם גרויסן ים געמאַכט.

ע ר ש ט ע ר :

(איבערנעמענדיק)

און יהוה האָט נאָכדעם באַשאַפן די פיש.
צו שווימען אין וואַסער האָט ער זיי באַשאַפן,
און ער האָט באַשאַפן די פויגלען צו פליען אין דער לופט.
און די חיות אויף דער ערד —
פון ערד האָט ער באַשאַפן.

אַ ל ע :

פון ערד האָט ער באַשאַפן.

ז י ב ע ט ע ר :

(איבערנעמענדיק)

און ער האָט באַשאַפן אָדמען.
פון אַ הויפן ערד און אַ הויפן ליכט
האָט ער אים געקנאָטן און באַשאַפן,
אין זיין געשטאַלט האָט ער אים באַשאַפן,
און אַ ווייב האָט ער אָדמען געגעבן,
און דאָס ווייב האָט צו אָדמען געגעבן צוויי זין,
אַ גוטן זון און אַ שלעכטן.
און די וועלט איז פון דעמאָלט אָן איינגעטיילט,
אין גוטע און אין שלעכטע איינגעטיילט.

(איבערגעבנדיק צום ערשטן)

ע ר ש ט ע ר ק ר י ג ע ר :

און יהוה וויל אַ גוטע וועלט.
און ער האָט געבראַכט אַ מבול אין זיין צאָרן.
און עס איז געוואָרן: וועלט איין, וועלט אויס.
האָט אָבער נח אַרויסגעלאָזט אַ ווייסע טויב צו יהוה,
האָט יהוה גענומען אָפּלאָזן פון זיין צאָרן.
און יפתח, דער גרויסער גיבור, האָט געוואוסט:
אַ מענטש איז קלענער פון גאָט.
און ער האָט געוואוסט:
אַ מענטש קאָן ניט אויסבויגן קיין הימלען איבער זיין קאָפּ,
קאָן מיט זיין שווערד נישט שניידן
נישט קיין זונען, נישט קיין לבנות, נישט קיין שטערן.

אַ ווייסע טויב אָבער קאָן אַ מענטש יאָ אויפשטעלן
ווי אַ צייכן פאַר זיינע אויגן.
(גיט איבער זיינע הענט)

א י י נ ע ר:
האָט דער גיבור יפתח דערפאַר געהייסן
אַרויפשטעלן אַ ווייסע טויב אַף זיין טורעם.
און געטאָן האָט ער עס נאָכדעם ווי ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון גלעד,
נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ טוב.
נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיינע פרייע מחנות
אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די אַרומיקע שבטים.
עס זאָל הייסן: פרידן הערשט אין ארץ טוב.
עס זאָל הייסן: ער גלויבט אין דעם גערעכטן גאָט יהוה,
דעם גאָט, וואָס האָט געשוואוירן צו די עלטערן,
מער נישט צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט.
און אַז ער שווערט דערמיט די אַרומיקע שבטים
מער נישט אָנצופאַלן אויף זיי.

ע ר ש ט ע ר ק ר י ג ע ר:
און פרידלעך איז געווען אין יפתחס ארץ טוב,
דער הימל האָט זיך דאָרטן געשפרייט און געצויגן
ווייט אַריבער דער וועלט.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:
(איבערנעמענדיק)
און די לופט — ווי דער הימל בלוי!
און ריין ווי אַן אויג אַ ליכטיקס!
מען האָט אין דער נאַכט געקאָנט דאָרט ציילן
די בוימער פון די וועלדער,
וואָס אויף די נאָענטסטע און ווייטסטע בערג.
און די שטערן זענען דאָרט געווען גרעסער,
ווי אויף דער גאַנצער וועלט זענען דאָרט די שטערן געווען גרעסער.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:
און דאָס ליכט פון די שטערן פלעגט זיך לייגן ווי אַ ווייסע דעק.

איבער די טשערעדעס שאָף און רינדער
האָט זיך אויסגעצייגט שטערן־שיין ווי אַ דעק אַ ווייסע.

אַן אַנדערער:
און אַזוי אויך איבער די ווייץ־פעלדער.
גאָלדענע שטרעקעס האָבן צופרידן געזויגן
מילך־ווייסקייט פון דער לבנה
און זילבער פון די שטערן.

אַן אַנדערער:
ווי צעבליטע מילך אויף האָניק־שטענגלעך
האָט דאָרט געבליט דער גערשטן אומעטום.

ערשטער קריגער:
דער גאָט פון אברם האָט געבענטשט דאָס דאָזיקע לאַנד.
ווייל ס׳איז געווען דאָס לאַנד פון זיין גיבור יפתח,
ווייל אין דעם לאַנד איז זיין גיבור יפתח געווען גאַנץ;
ריין און נישט באַפלעקט איז דאָרט געווען דאָס פאַרטרויען
פון דעם גרויסן גיבור יפתח,
יפתח דעם גערעכטן.

איינער:
(הערט זיך איין און שרייט אויס)
איך הער דאָס קומען פון די פאַסטוכער!
די פאַסטוכער קומען, די זיבן,
פון די בערג די זיבן פאַסטוכער,
די זיבן פאַסטוכער קומען דאַ אַהער!

(עס דערהערט זיך פריער דאָס שפּילן אויף פייפלען, צימבל און בלעך און ביי די לעצטע ווערטער קומען אַרויף די זיבן פאַסטוכער, פאַרנעמען די פלעצער פון די קריגער. די קריגער ציען זיך צוריק. דאָס שפּילן הערט אויף אַף אַ ווײַלע. דער עלטסטער פאַסטוך נעמט אַרויס פון זיין טאַרבע אַן אַלטן, לאַנגן, געקניפּלטן פאַדעם, זוכט איבער דעם פאַדעם, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ קנופּ און פרעגט):
— ווער האָט געפונען דעם יפתח, יפתח פון גלעד?

צווייטער פאַסטוך:
(ענטפערט)
אביעזר, אונדזער קנעכט!

דריטער פּאַסטוך:
(פרעגט)
און וואו איז געוועזן דער יפתח,
ווען עס האָט אים געפונען אביעזר, אונדזער קנעכט?

פערטער פּאַסטוך:
(ענטפערט)
צווישן די יונגען און די אָקסן פון זיין פּאָטער,
ווי אַן אָקס אַ ווילדער צווישן די אָקסן פון זיין פּאָטער!

פינפטער פּאַסטוך:
(פרעגט)
צוליב וואָס האָט זיך דער יפתח געיאָגט נאָך אַ צערייצטן אָקס,
בשעת אביעזר האָט אים דערזען און געפונען?

זעקסטער פּאַסטוך:
(ענטפערט)
פון לעבעדיקס פלעגט ער ליב האָבן שטיקער צו האַקן
פאַר זיך און פאַר די יונגען פון זיין פּאָטער.

זיבעטער פּאַסטוך:
(פרעגט)
און ווען די אויגן פון אביעזרן האָבן דאָס דערזען —
וואָס האָט געטאָן צו דעם אביעזר?

עלטסטער פּאַסטוך:
(זוכט אויף אַ נייעם קנופּ, קוקט אַף אים און זאָגט)
ער האָט זיך געשטעלט אין וועג פון דעם יונגן יפתח,
וואָס האָט נאָך דעמאָלט יפתח ניט געהייסן,
אין וועג פון זיין שווערד.

צווייטער פּאַסטוך:
(פרעגט)
און וואָס האָט צו דעם געטאָן דער יונגער יפתח,
וואָס האָט נאָך יפתח ניט געהייסן?

דריטער פּאַסטוך:
(ענטפערט)
ער איז האַרט געבליבן שטיין פאַר אביעזר, אונדזער קנעכט,
ווי אַ צערייצטער אָקס אַ ווילדער.
און געפרעגט: ווער ביסטו און וואָס ווילסטו דאָ?

פ ע ר ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(פרעגט)

און וואָס האָט צו דעם געזאָגט אביעזר, אונדזער קנעכט,
וואָס האָט נאָך דעמאָלט אביעזר ניט געהייסן?

פ י נ פ ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(ענטפערט)

ער האָט געזאָגט:
אין דער תורה פון משה און פון אהרן שטייט געזאָגט:
„און שטיקער פון לעבעדיקס זאָלט איר ניט עסן".

ז ע ק ס ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(פרעגט)

און וואָס האָט צו דעם געטאָן יפתח,
וואָס האָט נאָך יפתח נישט געהייסן?

ז י ב ע ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(ענטפערט)

ער האָט גענומען און געבראַכט דעם אביעזר
און אים געשטעלט פאַר זיין פאָטער דעם שופט,
און געזאָגט: פאָטער, גיב מיר הילף!
זאָל אָט דער מאַן מיין פירער זיין,
אין די וועגן פון יהוה זאָל ער מיין פירער זיין,
אין דער תורה פון משה און פון אהרן זאָל ער מיין פירער זיין,
און איך וועל אים רופן: הילף פון מיין פאָטער,
אביעזר זאָל זיין נאָמען זיין.

(פויזע)

ע ל ט ס ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(זוכט אויף אַ נייעם קנופּ און זאָגט)

און קיין ווייבער האָט דער יפתח נישט געהאַט.
ער האָט יאָ געהאַט אַמאָל ווייבער.
האָט מען זיי אים אויסגעקוילעט אין גלעד.

(פויזע)

ע ל ט ס ט ע ר פ אַ ס ט ו ך :

(קוקט זיך ווידער אום אַף דעם אייגענעם קנופּ און זאָגט)

און געוועזן איז דאָס אינמיטן פון דער עבודה,

אין דער צייט פון דער עבודה צו די אָפּגעטער פון פרוכטבאַרקייט,
אין מיטן פון דעם יום־טוב,
אין מיטן דער סעודה פון וויין — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאָרהאַנג

ערשטער אַקט

צווישן געצנדינער

(אין די ווייגגערטנער פון אַביבעל, פאַרפוצט מיט אָפּגעטער, פאַרהאַנגען מיט פאָרהאַנגען, מיט טעפּיכער, מיט פעלן פון לייבן, לעמפּערטן, טיגערן, אָקסן און אַנדערע חיות.

אַביבעל, זיינע ברידער און אַנדערע מקורבים, זיצן אויבן אָן. זיי זיינען די כהנים פון די אָפּגעטער; זיינען געקליידט אין צוגעקליבענע, ווייבערישע, פּריסטער־קליידער. דער איבעריקער עולם איז אָנגעטאָן יעדער לויט זיין יחוס, לויט זיין פאַך און לויט זיין שטאַנד. אַלץ איז דאָ הויך געטאָנט, שארף און פּיל־פאַרביק. מענטשן גלויבן, אַז זיי זענען געטער, אָדער ווילן זיין געטער; מענטשן וואָס פראַווען געטער־דינסט צו געטער און צו זיך)

ערשטע סצענע

אביבעל:

(הויבט זיך אויף און הויבט אָן זאָגן אָדער זינגען. די קלענערע כהנים, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעשטעלט צווישן עולם, הויבן אָן אינאײנעם מיט אַ טייל פון עולם זאָגן אָדער זינגען, ווי נאָר אביבעל הערט אויף)

יאָיר:

(צווישן עולם שטייט די גאַנצע צייט אויף די קני יאיר דער חוזה; קלאַפּט זיך אָפּט מיטן קאָפּ אָן דער ערד, שלאָגט זיך איבערן פּנים, איבערן לייב; שרייט פון מאָל צו מאָל אין טיפער דביקות אויס, רופנדיק דעם נאָמען פון אַ גאָט)

תנין! רהב! תהום, יום, מרדוך, גד, מני, עשתרות, מרדוך, מרדוך, הדד, עשתרות, שרה, מולך, מ ר ד ו ך ! !

(גייט אַזוי אויף די קניען איבער פון איין כהן צום צווייטן, אין דער צייט פון דער עבודה; קושט זייערע קליידער, קושט די ערד לעבן זייערע פיס, **קושט די ערד לעבן די געטער.** שלאָגט זיך מיטן שטערן אָן די פונדאַמענטן; שמעקט די פונדאמענטן פון די געטער, לעקט זיי מיטן צונג)

אַ ב י ב ע ל:

(הייבט אָן)

די מעשה פון די געטער, אַ געטער, גיט מיר כח צו דערציילן —

פאַר דער היינטיקער, הייליקער סעודה,

דער סעודה פון פּרוכטבאַרקייט,

גיט מיר כוח די מעשה צו דערציילן. —

פון דעם תנין, דעם גרויסן, דעם ערשטן פון די געטער,

הויבן מיר אָן די מעשה צו דערציילן;

פון דעם תנין דעם גרויסן, דעם ערשטן גאָט פון דער וועלט.

ע ו ל ם:

פון דעם גרויסן — דעם ערשטן גאָט פון דער וועלט.

אַ ב י ב ע ל:

איבער דער גאַנצער, וויסטער וועלט, דער גרויסער,

איז דער גאָט תנין איינער אַליין אין דרימלעניש געלעגן,

איינער אַליין איז דער גאָט תנין געווען.

ביז ער האָט זיך דעם זי־גאָט תהום פאַר אַ פּאַר באַשאַפן.

ע ו ל ם:

פון זיינע גדערעים האָט דער גאָט תנין דעם גאָט תהום אַרויסגעלאָזט

און האָט אים באַשאַפן.

אַ ב י ב ע ל:

אַ פּעדערדיקע, פליגלדיקע ווייבע חיה איז דער תהום,

דער נייער גאָט, דער גרויסער, איבער דער וועלט, שוועבנדיק געלעגן,

ווי אַ וואַרעמער געלעגער און ווי אַ זי, פאַר דעם תנין, דעם גרויסן,

איז דער סך־פּיסיקער און אַ סך־פליגלדיקער ווייב־גאָט

תהום געווען.

אַ כ ה ן:

און די זון איז צו דעם תהום פון דעם תנין געבוירן.

ע ו ל ם:

אָן איי אַ גרויס איז די זון צו דעם שוואַרצן גאָט תהום געבוירן;

פון דעם טראַכט האָט דער זי־גאָט זיין ערשטע איי — די זון

אין זיין מויל, ווי אַ ליכט צו דערפרייען דעם תנין, פאַרשטעקט

און געהאַלטן.

איז דער תנין, אַ צוגעצויגענער פון דעם ליכט, פון דעם איי
דעם גרויסן,
וואָס אין דעם מויל פון דעם סך־פליגלדיקן און סך־פיסיקן גאָט תהום
דעם שוואַרצן,
אויף שטענדיק לעבן דעם וואַרעמען לייב פון דעם גאָט תהום געבליבן.

אַ כ ה ן :
האָט דער גאָט תהום נאָך און נאָך אייער געבוירן.

אַ כ ה ן :
זיי, ווי פייערדיקע רעדער אונטער זיינע סך פיס און סך פליגלען
געלייגט.

ע ו ל ם :
זיינע ליכטיקע אייער, אין זיינע לאַפּעס־פיס,
ווי אין געביילטע פויסטן געלייגט און געהאַלטן.

אַ כ ה ן :
און נאָך אייער זענען געקומען —
לבנות און זונען געקומען,
שטערן און מזלות געקומען.

אַ ב י ב ע ל :
פון די ליכטיקע אייער פון אונטער די פליגלען, האָבן זיך געטער
אויסגעבריט,
און יעדער גאָט האָט פאַר זיך איינעם פון די פליגל פון דעם גאָט
תהום פאַרנומען;
און יעדער פליגל פונם תהום, דעם גרויסן גאָט דעם צווייטן, איז
געוואָרן אַ וועלט פאַר אַ גאָט.

אַ כ ה ן :
זענען וועלטן אַזוי געוואַקסן און געטער זענען געוואַקסן.
אינאיינעם מיט די געטער זענען וועלטן געוואַקסן.

ע ו ל ם :
האָבן זיך געמערט אַזוי די געטער, ביז דער גרויסער געוועלטיקער,
דער גאָט מרדוך איז פון אונטער אַ פליגל, אַף אַ פליגל געקומען.

א ב י ב ע ל:
מיט אַ נעץ אין איין האַנט, מיט אַ שפּיז אין דער צווייטער,
איז דער גרויסער גאָט מרדוך געוועלטיקן געקומען.

עולם:

מרדוך האָט אַ נעץ צו פאַרוואַרפן, האָט אַ שפּיז צו שטעכן,
אַ קול — בערג צו שפּאַלטן.

אַ כהן:

מלחמה געהאַלטן האָט דער נייער באַהערשער, גאָט מרדוך מיט יעדן פון זיינע ברידער די געטער —
און נאָכדעם זיי פאַר זיינע שותּפים געמאַכט.

אביבעל:

דער גרויסער אור־גאָט תּהום, וואָס איז אויך אַ בעלת געווען,
האָט דערפילט באַלד די מרידה פון די קינדער — די געטער,
און איז געוואָרן ווילד.

עולם:

מיט די סך פליגלען, מיט די סך פיס, מיט די סך פויסטן־הענט,
מיט די זונען און לבנות אין די אָנגעבייזלטע פויסטן־הענט,
האָט גאָט תּהום אויפגעשלאָגן ווינטן; אויפגעשלאָגן דונערן און בליצן.

אַ כהן:

צעעפנט דאָס גרויסע בייזע מויל, מיט די ווילדע, שאַרפע ציין האָט דער שווארצער גאָט תּהום
דער בייזער גאָט, דער גרויסער,
געוואָלט דעם מרדוך און די אַנדערע,
די גרעסערע און די קלענערע געטער, וואָס מיט אים,
צוריק אין בויך אַריין פאַרשלינגען.

אביבעל:

מיט זיין שפּיז אין דער רעכטער האַנט דער שטאַרקער,
מיט זיין נעץ אין דער פלינקער האַנט דער לינקער,
האָט דער גרויסער מרדוך זיך גלייך געשטעלט אַנטקעגן;

עולם:

דעם תּהום אַנטקעגן האָט געשטעלט זיך דער גרויסער מרדוך,
מרדוך, דער זון פון תּנין און פון תּהם, דער זיבנמאָמענדיקער מרדוך.

אביבעל:

אויסגעשריען גלייך אין דעם פּנים פון דעם שרעקלעכן תּהום וואָס האָט אים געבוירן,
גלייך אין זיין צעעפנטן מויל אַריינגעשריען האָט מרדוך:

„איך און דו, גאָט תהום, גאָט־מאַמע,
איך און דו, מיר האַלטן היינט מלחמה ! !״

ע ו ל ם :

אריין איז דער אויסגעשריי פון דעם מרדוך דעם גרויסן,
אין האַלדז דעם צעעפנטן און ברייטן פון דעם גאָט תהום,
און אים גענומען ווארגן.

אַ ב י ב ע ל :

ווי אַ פעלזיקער בארג, דאָס געשריי פון דעם מרדוך!
ווי אַ בארג פון פייער, דאָס געשריי פון דעם מרדוך!
ווי א בארג פון אייזן פון צעגליטן,
איז אריין דאָס געשריי פון דעם מרדוך;
זיך פאַרשטעקט אין דעם האַלדז פון דעם תהום, דעם גאָט דעם גרויסן.

ע ו ל ם :

ביז אין די געדערים אַריין און פאַרשטעקט זיך —
און אים גענומען ווארגן.

א ב י ב ע ל:

און מרדוך דער גרויסער, דער אַלמעכטיקער מרדוך
האָט גענומען טרייבן זיין שפיז און ווארפן זיין נעץ.

ע ו ל ם :

און די אַלע שותפים זיינע, די ברידער, די געטער, האָבן גענומען
מיט די הענט, מיט די ציין, מיט די שווערדן און שפיזן
האַקן און רייסן די סך פליגלען ,פון דער צערייצטער און
אויפגעשפרונגענער חיה־גאָט,
דער מאַמע־גאָט,
פון דעם גאָט תהום, וואָס האָט זיך געשטיקט און געוואָרגן ,
געוואָרגן מיט דעם אַריינגעשריי פון גאָט מרדוך,
דעם געשריי :
איך און דו — מיר האַלטן היינט מלחמה!!

אַ כ ה ן :

אויף דעם באַפעל פון זייער האר מרדוך,
האָבן דאָס געטאָן די קינדער, די געטער די אַלע .
יעדער גאָט האָט פאר זיך זיין פליגל געריסן.

א ב י ב ע ל:

פון די פליגלען האָט מרדוך נאָכדעם דעם הימל,
און איבער דעם הימל, די אַלע הימלען געמאַכט.

עולם:

די זון האָט דער זיבנגאָמענדיקער גאָט מרדוך
פון דעם תהומס מויל אַרויסגעשלאָגן
און זי אין הימל פאַרשטעקט,
אין דעם הימל,
אין דעם ווערק פון זיינע הענט.

אַ כהן:

פון אירע פליגלדיקע לאַפּעס־פּיס,
פון אירע פויסטנדיקע, בייזע לאַפּעס־הענט
אַרויסגעשלאָגן האָט דער גרויסער גאָט מרדוך די סך פייערדיקע רעדער,
פייערדיקע מילשטיינער אויף פייערדיקע פליגלען.

אַביבעל:

אָן פליגלען, אָן פייערדיקע רעדער, האָט די מאַמע גאָט־תהום
זיך וואַרגנדיק, זיך פלאָנטערנדיק אין דער נעץ פון דעם גאָט מרדוך
אין אין־סוף אַריין גענומען פאַלן;
גענומען פאַלן, אויף צו אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן צאָרן,
פון איר זון, דעם גאָט מרדוך,
פון זיין שרעקנדיק פּנים,
און פון זיין יאָגנדיקער שפּיז.

אַ כהן:

אַ נידעריקער גאָט איז דער תהום ,
די גרויסע, ווילדע חיה־גאָט, געוואָרן.

עולם:

אַ שרעקלעכע חיה פון דער נידער.

אַביבעל:

און מרדוך האָט באַצוואונגען דעם גאָט תהום —
און איבער אים די ערד פאַרשפּרייט.

אַ כהן:

מיט זיינע סך לאַפּעס־פּיס און לאַפּעס־הענט,
מוז גאָט תהום די ערד איצטער טראָגן,
מוז גאָט תהום די ערד איצטער האַלטן.

אַן אַנדער כהן:

פון די פייערדיקע רעדער, האָט דער בעל־מרדוך
די הערשערן, די שׂרה, די לבנה, די עשתרות

און אויך די אַלע מזלות און שטערן געמאַכט,
פון זיי די מאַן און די ווייבער־געטער, וואָס אין זיי, באַפרייט.

ד י כ ה נ י ם א ו ן ד ע ר א י ב ע ר י ק ע ר ע ו ל ם :

(מיט פלוצלינג גרויסן אויסברוך פון פרייד)
פאַר הימל און ערד א שמחה אַ גרויסע ! !
די עשתרות איז באַפרייט געוואָרן...
די געטין פון פרוכטבאַרקייט
האָט אויפגעשיינט פאַר וועלט און פאַר וועלטן —
איז אַ גרויסע שמחה געווען.

אַ ב י ב ע ל :

אויפגעכאַפּט האָט זיך דער תנין,
נאָכן פאַלן פון דעם תהום האָט זיך אויפגעכאַפּט דער תנין;
אַ שלאַנג אַ פליענדיקע, מיט כישופדיקע פליגלען,
האָט ליב געקראָגן צו פליען צו דער זון, צום הימל, צו די מזלות און די שטערן,
געזוכט פאַר זיך אַ נייעם געלעגער, אַ ווייבן.

ד י כ ה נ י ם :

האָט מרדוך פאַר אים דעם ים פאַר אַ בעט באַשאַפן.

(אביבעל הויבט אויף זיין האַנט. דער עולם ווערט שטיל, פאלט מיט דעם פנים צו דער ערד ; אביבעל הויבט אָן)

אַ ב י ב ע ל :

געבענטשט זאָל זיין מרדוך, דער בעל פון אַלץ.
ער האָט געזאָגט : „פון מיין בלוט וועל איך נעמען בלוט,
און ביין פון מיין ביין וועל איך נעמען און וועל אַ מענטשן מאַכן;
כדי זיין זאָל זיין, ווער עס זאָל מזבחות אויפשטעלן,
געצעלטן פאַר די געטער בויען,
וואו מען זאָל די געטער דינען".
וועלן מיר זיי דינען אין דער הייליקער נאַכט.
— עסט און טרינקט און לאָזט אייך וואוילגיין אין דער הייליקער נאַכט.
הייליק איז די הייליקע נאַכט ! !
און דינען זאָלן אונז די געטער אין דער הייליקער נאַכט.

אַ ל ע :

(זיך אויפבויגנדיק)
אָמן, כהן פון די גרויסע געטער, אָמן!

(די כהנים, די ברידער גייען איבער צו אביבעל׳ן, זעצן זיך אינאיינעם ארום אים. דער איבעריקער עולם זעצט זיך פאנאנדער, ווער אויף פעלן און טעפיכער ארום. נעמען טרינקען, עסן. טענצערינס באַדינען און טאַנצן).

צווייטע סצענע

איינער פון די געסט:
ווי רייך עס איז דער אַביבעל און ווי שיין ער האָט פארפוצט זיין וויינגאָרטן.

אַ צווייטער:
אַביבעל איז שיין און רייך, ווייל ער גלויבט אין די גרויסע געטער, די געטער, וואָס מיר נעמען איבער פון די מעכטיקע פעלקער.

אַן אַנדערער:
זיין שטאָם איז דאָך פון די געטער.

אַן אַנדערער:
מען זאָגט, אַז זיין זיידע איז אַ גאָט געווען.

אַן אַנדערער:
יאָ, מנשה איז אַ זון־גאָט געווען,
און מכיר איז פון זיינע לענדן,
אַ מאָרגן־גאָט געבוירן.
מכיר — דער פאָטער פון גלעד,
איז מיט אַן ערדישער טאָכטער געלעגן,
האָט זי פון אים דעם גלעד געבוירן:
האָט מכיר אָט די גאַנצע געגנט באהערשט
און זי — דעם גלעד געשענקט,
און זי — גלעד גערופן.
גלעד, דער גרויסער שופט אין ישראל
גלעד, דער פאָטער פון אביבעל.

אַן אַנדערער:
גערעכט ביסטו און גוט האָסטו געזאָגט —
פון געטער־יחוס איז דער יחוס פון אביבעל.

אַן אַנדערער:
און סאַראַ רייכער מאַלצייט!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

און סאַראַ שיינע טענצערינס!

אַזוי רייך און גרויס האָט ער דאָס נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

און אַלץ צוליב דעם בן זונה!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

שאַ, רעד ניט. אַ זינד;

דער גאַסט פון דער היינטיקער סעודה איז ער.

אַן אורח קומט ער צו אונדז היינט.

אונדזער אורח, אונדזער גאַסט.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

אַ גיבור אַ גרויסער דער יפתח,

האָט איצט געוואונען אַ מלחמה אַ נייע.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

אַן איינגעגלויבטער אַזאַ און וואַרפט אַן שרעק אויף די שונאים!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

און די קריגער האָבן אים ליב!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

די שונאים ווייסן קיינמאָל ניט פון וועלכער זייט ער וועט אויף זיי אָנפאַלן!

אַ ל י פ ז:

ווי אַ ווינט טראָגט זיך אַן דער יפתח,

זיין שווערד דער בעסטער וואָך־הונט פון אונדזערע טשערעדעס.

ע כ ן:

יאָ ,דאָס איז אמת, אליפז.

אָבער אמת איז אויך, אַז ער איז דער זון פון אַ זונה.

אַ ל י פ ז:

(זיפצט אָפּ)

יאָ, דאָס איז אמת.

(טרינקט אויס)

ע כ ן:

און אמת איז אויך, אַז ער זידלט אונז אין זיין האַרצן.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

ער, דער זון פון אַ פרעמדער, דער זון פון אַ זונה, וואָגט צו שפּעטן פון אונדז.

עכן:

און ער רופט אונדז נאַראָנים, און ער רופט אונדז זינדער,
זיין חייל — אַ געפּאַר פּאַרן פאָלק איז זיין חייל.
פון די אָפּריניקסטע פון פאָלק, פון דעם אָפּפאַל פון פאָלק,
שטעלט ער זיין חייל אויף.
און ער נעמט אין זיינע מחנות ניט אריין קיינעם פון אונדז,
וואָס גלויבן אין די גוטע געטער.

אליפז:

יאָ, עכן, דו ביסט אַ לייטזעליקער מענטש,
דיר איז געגעבן צו מאַכן די געשטאַלטן פון די געטער.
פון האָלץ, פון ליים און פון שטיין אפילו מאַכסטו געטער,

עכן:

יאָ, אודאי, אַלע ווייסן דאָס.
זיי ווייסן דאָס און גיבן מיר אָפּ כבוד דערפאַר.
און ווען איך קום צום בן זונה, צו יפתחן און זאָג:
„לאָז מיך און איך וועל דיין גאָט פאַר דיר מאַכן
פון ליים, פון שטיין צי פון אייזן אפילו״,
לאַכט ער פון מיר טראַציק: —
„ווער קאָן מאַכן, זאָגט ער, דעם וואָס מאַכט אַלץ?״
ניט לאַך פון עכנען, — זאָג איך. —
זע, איך האָב נאָר וואָס געמאַכט פאַר אביבעלן דעם הדד
זע, ווי איך האָב אָוועקגעזעצט דעם גרויסן גאָט אויף זיין אָקס.
ווי איך האָב אים אַריינגעשטעלט דאָס שטעקעלע, דעם בליץ
אין זיין האַנט.
אַ פּחד פאַלט אָן אויף די מענשן, וואָס קוקן אויף אים.
דער גרויסער רימון הדד זיצט ביי מיר רייטנדיק אויף זיין
געטליכן אָקס,
ווי ער וואָלט געזעסן רייטנדיק איבער דער ערד, איבער דער וועלט.
די גאַנצע וועלט האַלט דער רימון הדד צווישן זיינע פיס.
און האַלט אין איין האַנט זיין בליץ איבער איר״.

עטלעכע שטימען:

אמת, אמת!

עכן:

אמת, אודאי אמת,
אָבער דער בן זונה פרעגט מיך, מיט געלעכטער אין זיינע אויגן:

„פון וואַנען ווייסטו, עכן, אַז דער הדר מוז אויסזען
דווקא אַזוי און ניט אַנדערש?"

עטלעכע שטימען:

אַזוי! ...

עכן:

(זעצט פאָר)

„וואָס מיינסטו, פון וואַנען איך ווייס?
דו ביסט יפתח — דער עפּענער
עפנסטו אפשר דעם וועג צו גאָט, יהוה?
דו ביסט אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין געטער־מאַכער,
ווייסטו געוויס ניט,
אַז ווי נאָר מען נעמט זיך צו דער אַרבעט
אַזוי קומט דער גאָט אַליין און נאָך אַנדערע געטער,
און זיי פירן מיט דיין האַנט.
דו פילסט ממש ווי זיי פירן מיט דיין האַנט".

איינער:

אמת, אמת, ווייל ווען ניט, טאָ ווי אַזוי,
וואָלט דען אַ מענטש טאַקע געקענט מאַכן אַ גאָט?

עטלעכע:

אוודאי, אוודאי.

אליפז:

(פאָרשנדיק)

און ווישן וואָלט איך וועלן ,וויסן,
אביבעל האָט דאָך דעם יפתח פאַר אַ פּראָסטן
און ער לאָזט אים ניט צו נעענטער פון צען טריט פון זיך,
ווי ער טוט דאָס מיט איינעם פון פּראָסטן פאָלק;
איז פאַרוואָס האָט ער אים איינגעלאַדן
און געמאַכט פאַר אים אַ סעודה אַ גרויסע אַזאַ
ביי זיין איצטיקן קומען פון מלחמה?...

עכן:

(ווי זאָגנדיק אויפן אויער)

דער שאָטן פון אבימלך שוועבט איבער דעם הויז פון גלעד
און מאַכט אומרואיק דעם גוטן אביבעל.

אליפז:

אבימלך? פאַרוואָס אבימלך? וועלכער אבימלך?

(קלוג צוגעבנדיק)
מיך האָט דער אַלטער, גוטער שופט אויסדערוויילט אויפזועער
איבער זיינע טשערעדעס צו זיין.
ליג איך שטענדיק מיט די שאָף און רינדער.
פאַרחיהט ווערט אַ מענטש — געדענק איך ניט —
אבימלך, זאָגסטו?...

עכן:
ווייסט דאָך, עס ווערט דערציילט —
ווען דער גרויסער גבור גדעון איז געשטאָרבן,
איז אויפגעשטאַנען זיין פּראָסטער זון אבימלך,
וואָס איז צו אים טאַקע אויך געבוירן געוואָרן פון אַ פרעמדער,
פון אַ זונה טאַקע, זאָגט מען,
ווי דער יפתח צו אונזער שופט גלעד,
און האָט אויסגעקוילעט די זיבעציק ברידער,
די קינדער פון די ריכטיקע ווייבער, וואָס צו גדעון
און האָט זיך אַליין אוועקגעזעצט פאַר אַ משפט׳ער איבערן פאָלק.

אליפז:
(מיט געמאַכטער איבערראשונג)
אַזוי! אויסגעהרגעט די אמתע זין — די מיוחסים.
און אַליין... וואָס אַ בן זונה קען!!
יאָ, יאָ, גדעון, אמת, אַ גרויסער גיבור געווען
און דער אבימלך אַ בן זונה. יאָ, יאָ...
איז צוליב וואָס טאַקע היינט איינגעלאַדן
דעם איצטיקן בן זונה פון גלעד,
דעם יפתח, אהער?

עכן:
נו, אונדזער שופט, גלעד, איז אַלט מיט טעג און שטאַרבט,
און אביבעל איז אַ קלוגער...
ווייסט דאָך, אביבעל!...
(פולדייטיק)
וואַרט...

אליפז:
(מאַכט זיך ווי ער וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן קלוג, מיט אַ כלומרשט צופרידענעם פולדייטידיקן שמייכל)
אַזוי! אַזוי!

ע כ ן:

וואָס דען, אַביבעל וועט זיך אָוועקזעצן וואַרטן
ביז די שווערד פון יפתח וועט איבערשניידן דעם האַלדז אים,
און די העלדזער פון זיינע ברידער?...

אַ ל י פ ז:

(מיט איבערטריבענער צופרידנקייט)
וועט דאָך היינט, הייסט עס, זיין דאָ אַ גרויסע שמחה!..
(הויבט אויף דעם קרוג)
עכן, ברודער, לאָמיר טרינקען!
(טרינקט אויס)
יאָ, יאָ, אַביבעל איז קלוג...
אָ, איז ער קלוג...
(קוקט זיך אום און דערזעט, אַז עכאַנס ווייןקריגל שטייט אַ ניט געררירטעס.
קוקט אַריין עכנען אין די אויגן, זייערע בליקן באַגעגענען זיך)
אַך אַזוי...
דו טרינקסט היינט ניט...
דיין האַנט דאַרף היינט זיין רואיק, דאַרף זיין זיכער?

ע כ ן:

(אויפן אויער)
איך האָב צוגעזאָגט: —
מיין פאַרגיפטיקטע פייל וועט היינט דעם יפתח טרעפן, וואָס עס זאָל ניט זיין.
מיין פיילנבויגן ליגט דאָ אונטערן טעפּיך ביי מיר,
(הויבט אונטער דעם טעפּיך און ווייזט — זיי קוקן זיך ביידע איבער שאַרף.
עכן גיט מיט פאַרטרויאונג צו)
טרינק אויך דו ניט, וועסטו מיר קענען העלפן,
אַביבעל וועט גוט באַלוינען...

אַ ל י פ ז:

אָ, ניין, עכן, איך בין אַן אַנדער מענטש...
פון אָפענע פעלדער און פון די באַגראָזטע בערג אַ מענטש.
וואָס מער איך טרינק אַלץ זיכערער ווערט מיין האַנט,
אַלץ גרינגער ווערט מיין שפרונג.
(שלעפּט אַרויס זיין מעסער פון אונטער זיינע קליידער)
אָט, זעסט אָט דעם שאַרפן מעסער?
דער וועט שוין היינט זיצן ביי עמיצן טיף אין בויך.

אָ, אָ, וועט ער זיצן...
אפילו ווען איך זאָל דארפן צו יענעם אַ שפרונג טאָן,
מיט דעם רעוועָ פון אַ לייב,
מיט דעם שפרונג פון אַ לייב.
שרעק זיך ניט פאַר מיין וואָגיק לייב
און שרעק זיך ניט פאַר מיין וויין,
נאָר אָט דעם מעסער זעסט?...
ער וועט שוין היינט זיצן ביי עמיצן אין בויך...

ע כ ן:

גוט. קיין אויג ניט אראָפּלאָזן פון דעם בן זונה.
און ווי נאָר דו זעסט מיך אָנציען דעם בויגן.
שטיי גרייט מיטן מעסער.

א ל י פ ז:

גוט, אָפּגעמאַכט, קיינער וועט ניט וואָגן דעמאָלט זיך צורירן צו דיר.
אין דער מינוט ביסטו מיינער.

(אויפהויבנדיק אַ נייעם קרוג)

און האָב ניט קיין מורא פאַר מיין וויין.
מיין האַנט איז שטאַרק, מיין האַנט איז זיכער.

(עס דערהערן זיך סיגנאַלן)

ע ט ל ע כ ע ש ט י מ ע ן:

ער קומט! ער קומט!
— דער זיגער!
— דער יפתח!
— און סאַראַ מיוחסדיק בלאָזן אין האָרן!
— דעם בן זונה איז וואויל! דעם בן זונה איז גוט!
— זיך דערלעבט!

(דער עולם טרינקט אויס, עס ענטפערן די סיגנאַלן)

א י י נ ע ר:

— ס׳אַראַ כבוד!

דריטע סצענע

(עס קומען אַריין די בני אפרים, אַלע אין מיוחסדיקע בונטע פסים העמדלעך אונטער זייערע רייכע אויבערשטע קליידער)

אַ פּ אָ ר צ ו ו י ש ן ע ו ל ם:

די בני אפרים, די פסים־העמדלדיקע יחסנים אונדזערע.

ע כ ן:

אָ, דער אַביבעל אונדזערער איז טאַקע אַ קלוגער,
ער ווייסט ווי זיך איינקויפן אין יחוס.

אַ ב י ב ע ל:

(הויבט זיך אויף און גייט זיי אַנטקעגן)

זייט מיר באַגריסט אין דעם שאָטן פון מיין הויז,
ברידער מיוחסדיקע פון שבט אפרים.
פאַר דעם כבוד וואָס איר טוט מיר אָן, זאָל אייך בענטשן דער גאָט
פון יעקב
און זאָלן אייך היטן און שיצן די שטאַרקע געטער:
דער גרויסער בעל, דער הדד, דער מולך און די גוטע ליבע עשתרות.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ב נ י א פ ר י ם:

שלום צו דיר, אַביבעל, כהן פון די גרויסע שטאַרקע געטער,
מיר ווייסן, אַז דו רופסט און זאָגסט, —
אַ גרויסע שמחה וועט זיין היינט אין די וויינגערטענער
פון אַביבעל,
וועט זיין געווים אַ גרויסע שמחה.
זענען מיר דערפאַר געקומען היינט צו דיר קיין גלעד.

א ב י ב ע ל:

זאָלן געבענטשט זיין אייערע טריט,
זאָל אייער קומען זיין אין פרידן,
און אייער אַוועקגיין אין ליוב.
זעצט זיך, ברידער שטאַלצע פון דעם מיוחסדיקן שבט אפרים.

(ווייזט זיי אָן זייערע ערטער. לייגט צונויף ביידע הענט איבערגעשניטן איבערן האַרצן, בוקט זיך בכבודיק און גייט צוריק אָפּ צו זיין פּלאַץ. מען עסט און מען טרינקט. פון אונטער די געטער און מזבחות, אויף וועלכע עס רויכערט זיך נאָך דאָס איבערבלייבעכטס פון קרבנות און פון וויי־רויך, דערהערן זיך קלאַנגען פון אוראַלטע כלי זמר און עס הויבן אָן ארויסטאַנצן אַ רייע טענצערינס).

אַ ב ר ו ד ע ר:

(אויף דער רעכטער זייט פון אביבעל)

וואָס זאַמט זיך דער יפתח?

אַ ן אַ נ ד ע ר ב ר ו ד ע ר:

(אויף דער לינקער זייט)

אפשר האָט ער דערפילט, אַז עס איז בעסער ניט צו קומען...

אביבעל:

ער וועט קומען.
דער פאָטער האָט געבאָטן.
און ער וועט ניט איבערטרעטן דאָס וואָרט פון דעם פאָטער.

(עס דערהערט זיך אַ קורצער און שארפער סיגנאַל. אַן אַנדרערער ענטפערט אָפּ. עס קומט אריין רמליהו)

פערטע סצענע

רמליהו:

(זיך ווענדנדיק צו אביבעל און צום עולם)
דער גיבור יפתח לאָזט וויסן, אַז ער קומט!

אביבעל:

ברענג פרידן צו דיין האַר און באַפעלער.

רמליהו:

פרידן ברענגט יפתח צו דעם הויז פון אביבעל,
דעם זון פון זיין פאָטער, דעם האַר און שופט פון גלעד.

(נעמט זיך בויגן פריער פאַרן עולם און נאָכדעם גאָר טיף פאַרן אָנקומענדיקן יפתח. יפתח בלייבט שטיין אַ ווײַלע ביים אַריינגאַנג, הינטער אים — אביעזר און נאָך אים אַ מחנה באַוואָפנטע קריגער, אָנגעטאָן אין פשוטע טונקע־לע קליידער. אַביבעל הויבט זיך אויף, אָבער גייט ניט אַנטקעגן. דער איבעריקער עולם הויבט זיך אויף. די טענצערינס טאַנצן אים אַנטקעגן. יפתח קוקט זיך אום אויף די געטער און אויף אַלץ... הויבט אויף זיינעביידע הענט צום הימל, רופט אויס פייערלעך און טראָציק)

יפתח:

זייט געבענטשט אין נאָמען פון יהוה!

(דער עולם ווערט באַווירקט און צעטומלט פון זיין פייערלעכן אויסגעשריי)

אביבעל:

(קומט באַלד צו זיך)
זיי געגריסט, יפתח, אויף דער שוועל פון מיין הויז,
אונטער דעם באַלקן פון מיין דאַך,
זיי געגריסט ביי דיין קומען מיט נייעם זיג,
מיט נייעם זאַק רויב.
דער טיש דאָרט שטייט גרייט וואַרטנדיק אויף דיר.



און זע, עס זענען אויך אריבערגעקומען פון אויף יענער־זייט ירדן
אונדזערע חשובעברידער פון דעם יחוסדיקן שבט אפרים.
זע, זיי זענען פארפוצט אין זייערע פסים־העמדלעך,
וואס זיי טראגן פאר א דערמאנונג אן דעם פסים העמדל פון יוסף,
אונדזער פאטער יעקבס ליבסטער זון,
יוסף דעם גערעכטן.
אויף זייער גליק איז דאס אויסגעפאלן
צו טראגן אט דעם שיינעם פסים־צייכן ווי א דערמאנונג,
ווי א ליכט פאר אונדזערע אויגן.
זענען זיי אט אזוינע ליכטיקע
זיך געקומען היינט באטייליקן אין דער סעודה
וואס איך האב היינט אנגעגרייט פאר דיר, יפתח,
אין דעם טאג פון דעם יום־טוב
פאר דער פרוכטבארקייט פון אונדזער לאנד.

י פ ת ח:

(ענטפערנדיק)
ווי ברידער לייבלעכע זאלן
אין דעם נאמען פון יהוה זיין געבענטשט
אויך די ברידער פון דעם שבט אפרים!
(יפתח נעמט ראשיק גיין צו זיין ארט. זיינע באגלייטער נאך אים. זעצן זיך אוועק ארום זייער טיש. אלע זעצן זיך)

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ב נ י א פ ר י ם:

(שטיל לאכנדיק צו די זייניקע)
און חוצפה האט דאס!

א ן א נ ד ע ר ע ר:

א, גאנץ גלער. אט אזוי איז גאנץ גלער.
אט אזוי מיט חוצפה,
האט מכיר דער זון פון מנשה
פאר זיך פארנומען גאנץ גלעד
און אט אזוי וואקסן זיי דא אלע.

א ן א נ ד ע ר ע ר:

און דער בן זונה האלט זיך שוין אויך פאר אונדזער ברודער,
כאטש נעם און טו אים א פסים־העמדל אן
און מאך אים ממש פאר א לייבלעכן ברודער, דעם בן זונה.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

אָבער זע נאָר,
דער אַביבעל איז אים אַנטקעגן ניט געגאַנגען...

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

אויערן הערן אַז אַביבעל און די אַנדערע ברידער זיינע
האָבן מורא אַז דער יפתח
זאָל פאַר זיי אַ צווייטער אבימלך ווערן.
יענער בן זונה האָט דאָך אויסגעקוילעט
אַלע זיינע זיבעציק ברידער אויף איין שטיין...

א י י נ ע ר :

און אַפילו די אייגענע מאַמע פאַרברענט.

א י י נ ע ר :

(פולדייטיק)

און ווייל אַזוי, קען דאָך דאָ היינט זיין גאָר אַ גרויסע שמחה...

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

אַ דער אביבעל איז זייער אַ דורכגעטריבענער יונג...

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

אָבער דעם יפתחס יונגען זענען דוכט זיך געקומען באוואפנט אַלע.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

אָבער דער אַביבעל האָט דאָך געווים צוגעגרייט גענוג שטאַרקן וויין,
גענוג שיינע שקלאַפינס, גענוג זונות צעלאָזענע
פון די צעלאָזענע טעכטער פון גלעד.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

(לאַכט)

אַט צוליב דעם זענען מיר דאָך היינט געקומען אהער אַלע.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

ביי אונדז וואַקסן די סאַנגען הויך און זאַפטיק און אין גלעד
די טעכטער און די טרויבן.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

זאָג ניט „סאַנגען", דו ווייסט דאָך — זיי לאַכן פון אונדז ווען מיר
זאָגן סאנגען.

אַ ז   אַ נ ד ע ר ע ר :

(מיט אָנגעפילטן קרוג)

הידד פאַר דער גרויסער שמחה!

אַ ל ע :

הידד! הידד! הידד!

י אָ י ר ד ע ר ח ו ז ה :

(צו אביבעלן אויפן אויער)

דו האָסט צוגעזאָגט דעם פאָטער דיינעם
היינט אים אָנצורופן „ברודער”, „טייערער ברודער.”
דאָס איז הייליק, ווי אַ נדר הייליק.

אַ ב י ב ע ל :

(מיט שרעק)

ביזט גוט, יאָיר, ווייל דו האָסט מיך דערמאָנט, אַז איך האָב זיך **פאַרגעסן.**

דאָס אויג פון אַ חוזה איז דיין אויג.
און אַזוי אויך דיין געדאַנק.
עס איז באמת ווי אַ נדר,
און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שטרויכלונג
עס וואָלט געוואַרט אויף מיר דערפאַר...

(הויבט זיך גלייך אויף, ווענדט זיך מיט אַן אָנגעפילטן קרוג צו יפתחן)

ברודער! טייערער ברודער!...
עס האָט דער פאָטער,
וואָס איז שוין אַלט און קראַנק,
געבעטן מיך,
דיך באַגריסן,
פאַר דיין גבורה
אויפן מלחמה־פעלד.
אפילו ווען ניט גרויס געווען
איז דער פיינט דאָס מאָל,
ווייסן אָבער אַלע פאָרט,
אַז דו ביסט דער גרויסער גיבור.
דו ביסט געבענטשט
ביי דיין אַרויסגיין
און ביי דיין קומען.
געבוירן ביסטו צו זיין דער קריגער
און איך דיין ברודער פון דעם טאַטנס ווייב,
וואָס איז אַזוי גרויס און שטאַרק ווי אַלע פון דעם טאַטנס קינדער,

בין געבוירן אויף צו בענטשן דיינע טריט.
דורך מיין ברכה און דיין גבורה
געזיגט האָבן אונדזערע חיילות
אויפן מלחמה־פעלד.
(הויבט אויף זיין וויין־קרוג)
הויבן מיר דערפאַר איצט אַלע אויף
די אָנגעפילטע קרוגן פאַר דיין זיג.

אַ ל ע א י נ א י י נ ע ם:

הידד יפתח! הידד! הידד!
(עס שרייען אויך אויף די טענצערינס, נעמען זיך טאַנצן מיט אָנגעפילטע קרוג אין די הענט. אַלע טרינקען, אויסער יפתחס קריגער)

י פ ת ח:

(צו זיין געווער־טרעגער רמליהו)
רמליהו, זענען די יונגען גוט באַוואָפנט?

ר מ ל י ה ו:

יאָ, גיבור.

י פ ת ח:

מיר זענען אין אַ נעץ.

ר מ ל י ה ו:

יאָ, גיבור.

י פ ת ח:

זענען אויך די יונגען פון דעם ברודער אָנגעטאָן אין וואָפן?

ר מ ל י ה ו:

יאָ, גיבור;
זאָל דער גייסט פון אברם,
און פון יהוה, דעם גאָט פון אברם,
זיין מיט אונדז אין אָט דער נאַכט.
פאַרוואָס ביסטו אַהער געקומען, גיבור!

י פ ת ח:

דער פאָטער האָט געבאָטן.

ר מ ל י ה ו:

געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען.

י פ ת ח:

אמן.

(דער עולם טרינקט און עסט, כאַפּנדיק אַ טענצערין ווער עס קען. דער חוזה יאָיר צוקומענדיק צו יפתחן טראָגט מיט זיך אַ פולן לאָגל ווייַן)

יאָיר:

דאָס האָב איך אים איצט דערמאָנט,
אַז צוגעזאָגט האָט ער דעם פאָטער
דיך היינט אָנצורופן „ברודער, טייערער ברודער".

יפתח:

(קוקט אים אָן)
דו קוקסט דאָך אויס ווי אַ הייליקער.
זאָג אין וועלכן גאָט גלויבסטו?

יאָיר:

אין דעם גאָט וואָס שטאַרקט זיין פאָלק.

אַביעזר:

הייסט דאָס, דו גלויבסט אין גערעכטן גאָט?

יאָיר:

אַוודאי.
(הויבט אויף דעם לאָגל, ווענדט זיך צו יפתחן)
לאָז מיך אָנטרינקען דיך און דיינע קריגער.

אַביעזר:

(אים צוריקהאַלטנדיק)
אומזיסט, ברודער,
די קריגער האָבן גענומען אַ נדר,
ניט צו טרינקען קיין וויין
פאַר דער צייט וואָס אונדזער אַלטער שופט ליגט קראַנק.

יאָיר:

(פאַנאַטיש)
אַך, אַזוי, אַ נדר! אַ נדר מוז מען ערלעך האַלטן! הייליק איז אַ נדר! הייליק!
הייליק זענען די מענטשן, וואָס היטן אָפּ זייערע נדרים, הייליק.
(זיך אומקוקנדיק)
און זע, זייערע טרינק־כלים זענען נאָך ניט גערירט...

אַביעזר:

(צו די קריגער ביים טיש)
גיסט אויס פון די טרינק־כלים דעם וויין אונטער זיך,

וועט דער געדוך פון דעם ווײַן אויפגײן ווי אַ קרבן צו גאָט,
און זאָל ער אײַך אָנגיסן נאָך...
מאַכט זיך ווי איר טרינקט, און גיסט ווידער אויס,
וועט דאָס ניט זײַן אָנזעעוודיק אַזוי,
וועט דאָס ניט פאַרשטערן די שמחה
און אײַער נדר וועט ניט פאַרשוועכט ווערן.

יאָיר:

(צופרידן)

צו גד און צו מני דאַרף מען אויפגיסן ווײַן אין דער היינטיקער נאַכט,
פון מזל און הצלחה זענען די צוויי מאַן־און־ווײַב־געטער, געטער.

אַביעזר:

(קוקט אים אָן, קערט פון אים אָפּ זײַן פּנים. די קריגער גיסן אויס, יאָיר גיסט פאַר זיי אָן, זאָגנדיק באַגײַסטערט)

פאַר גד און פאַר מני, פאַר גד און פאַר מני!

רמליהו:

(צו אַביעזרן)

אָט דער געדאַנק מיטן נדר איז זײַער אַ גוטער;
דאָס קאָן פיל העלפן קעגן דער נעץ פון די באַזויפענע אביבעל־לײַט.

אַביעזר:

(באַזאָרגט)

זאָל יהוה זײַן מיט אונדז אין דער היינטיקער נאַכט.

אביבעל:

(באַזויפן. ווידער צו יפתחן)

און גראָד איז דײַן נצחון אויסגעפאַלן איצט,
אין דעם יום־טוב פון באַפרוכפּערונג,
דעם יום־טוב פון דער ליבטיקער עשתרות. —
אין איר גאַנצער ליבטיקייט קומט זי זיך באַווײַזן היינט
פאַר דעם גרויסן גאָט בעל,
אַף צו געבאָרן פון אים דערנאָך פון דאָס ניי
דעם מולך! מולך! מולך!
באַגריס איך דיך, ברודער, איצט,
ניט נאָר אין דעם נאָמען פון דעם גאָט יהוה,
דעם גאָט פון אונדזער פאָטער, נאָר אויך

אין דעם נאָמען פון אונדזערע גרויסע, נייע געטער,
דעם הדד, די עשתרות, דעם בעל און דעם מולך.

י פ ת ח:

(גיט זיך אַ שטעל אויף)

די מלחמה, די גרויסע און שווערע
האָב איך פון דעם מעכטיקן שונא געוואונען,
מיט דער הילף פון בלויז איין איינציקן גאָט, ברודער,
דעם גאָט פון אונדזער פאָטער גלעד,
דעם גאָט י ה ו ה,
דעם גאָט פון אברם.

ר מ ל י ה ו:

(אין דער צייט פון אַביבעלס קומענדיקע רייד, הייבט זיך רמליהו אויף, ניט באַמערקט פאַר יפתחן און זאָגט אומרואיק צו אַביעזרן)

איך וועל זיך דאָ ארויסשלייכן און זען ברענגען פארשטארקונג.
אפשר אויך דעם אַלטן שופט.

אַ ב י ע ז ר:

(באַזאָרגט)

גיי אין פרידן.

אַ ב י ב ע ל:

(צו יפתחן. באַזויפן)

ווידערשפרעך ניט, ברודער טייערער,
הער־צו דיין עלטערן ברודער,
דעם כהן פון דעם רימון־הדד, וואָס האָט דיך געבענטשט ביי דיין ארויסגיין
און בענטשט דיך איצט ביי דיין קומען.
זאָלן די ברכות פון דעם בעל און פון דער שיינער ווייב־גאָט, — דער עשתרות,
ניט זיין גרינג אין דיינע אויגן!
הער אויס, פארשטיי די צייט;
די צייט פון הייליקער דינסט פאַר דער פרוכטבארקייט פון אונדזער לאַנד.
— די ע ש ת ר ו ת באווייזט זיך איצט:
זי באווייזט קלאָר איר נאַקעט לייב — בליאונג פאַר דער ערד און
זון פארן הימל.

ווי עס איז נאָר דער אָוונט געקומען, ברודער,
האָט זי גענומען שוועבן איבער די צייטיקע פעלדער און וועלדער
און וויינגערטנער
און נאָך איר — אירע טענצערינס.
און זייערע לייבער זענען פול מיט גלוסטונג.
און זייערע האָר זענען נאַכט,
און זייערע אויגן זענען ליכטיקע שטערן,
און דער וועמעס האַלדז עס איז געווען אַרומגענומען פון זייערע
הענט,
און דער ווער ווען לייב עס האָט געפילט די וואַרעמקייט פון
זייערע פלאַטערנדיקע לייבער,
און דער וואָס איז ווען געקושט געוואָרן פון זייערע הייסע ליפּן,
דער וועט דאָס שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
און שטענדיק און אייביק וועט ער דאָס געדענקען,
און שטענדיק און אייביק וועט זיך אים נאָכדעם דאַכטן, —
ער ווערט פון דער שיינער טענצערין אַרומגענומען,
ער ווערט פון איר געהאַלדזט,
ער ווערט פון איר געקושט,
און זיין קאָפּ וויגט זיך צווישן אירע בריסט,
און דער הייסער אָטעם פון אירע שיינע ליפּן און פון איר נאָז,
וועט אויף אים שטענדיק פאַלן ווי אַנגעוואַרימטער זיסער טוי
פון הימל,
וואָס קושט און וואַרעמט אַלע אָדערן פון דיין לייב,
און שמעקט מיט די ריחות פון לבנון,
פון שניר און פון חרמון.
און אַפילו אַ מינוט פאַר זיין טויט וועט ער עס ניט פאַרגעסן.
און אַפילו ווען זיין לייב זאָל אין שטיקער צעשניטן ווערן,
וועט נאָך לאַנג יעדע שטיק פלייש באַזונדער געדענקען,
וועט נאָך לאַנג יעדע שטיק באַזונדער געקושט ווערן
פון דעם קוש, וואָס האָט דורכגענומען זיין לייב,
ווען ער איז געווען מיט דער טענצערין,
מיט דער טענצערין פון די טענצערינס, פון דער געטלעכער עשתרות.

מ ר ז ד ך : (מיט פלוצלימדיקן עקסטאַז צו אביבעלן)
ברודער חשובער, כהן גרויסער!

איך הער דאָס קומען פון דעם ווייב־גאָט עשתרות;
זי קומט איצט אין דעם שענסטן פון די וויינגערטנער,
דיין וויינגאָרטן, ברודער חשובער!
און אירע שיינע מיידלעך מיט איר, ברודער חשובער,
זיי קומען בעטן דאָס בעט פאַר דעם גאָט בעל הדד,
פאַר דעם בעל, דעם גרויסן גאָט בעל.

פינפטע סצענע

עשתרות און די עשתרות־מיידלעך קומען אַריין. אַ טייל פון זיי מיט פיילנבויגנס אין די הענט, אַ טייל מיט קוישן בלומען אויף די קעפּ, מיט הויפנס בלומען אין די הענט, באַוועגן זיך ביז אין דער מיט און נעמען בעטן אַ בעט פון די בלומען; פאַרוואַרפן אַ פּאָר אָקסן־פעלן איבערן בעט. נעמען זיך נאָך דעם טאַנצן אַרום בעט די הייליקע געצנדינערישע טענץ. די עשתרות קומט צו, לייגט זיך אַרויף אויף דעם רייכן בעט פון בלומען; די טענצערינס צעטאַנצן זיך רופנדיק, טרובענדיק און פייפנדיק אין זייערע אָנגעשטעלטע הענט, יוהונדיק מיט אָנגעשטעלטע העלדזער און מיילער, און די עשתרות נעמט זיך אָנגעשטעלט שמעקן די לופט אַרום זיך. נעמט זיך לאָקנדיק ציען אויף איר בעט.)

מרודך:

(אין עקסטאַז צו אַביבעלן)

ווי פון רויזן און גאָלד זענען זייערע לייבער, איז איר לייב, ברודער חשובער.

אַן אַנדערער:

און זי איז פאַרבענקט, ברודער און כהן גרויסער.

אַן אַנדערער:

און זי שמייכלט, גרויסער כהן.

אַן אַנדערער:

און זי ציט זיך שטיל און לאַנג.

אַן אַנדערער:

און זי קוקט און זי וואַרט אויפן בעל.

מרודך:

(אויסשרייענדיק)

אויפן יאַגד איז איצט דער בעל!

(אַ פאָר כהנים טראָגן אונטער פייל און בויגן און יעגער־קליידער צו אַביבעלן;

אביבעל נעמט זיך איבערטאָן. ציט אריין זיך און די מערסטע געסט אין דעם געטער־שפּיל, אין דער אָרגיע, וואָס האַלט זיך אין פונאַנדערשפּילן. אַביבעל גייט אַראָפּ פון דער סצענע און קומט באַלד אַרויף צוריק רייטנדיק אַף אַן אָקס, מיט פייל און בויגן אין זיינע הענט. אַ קרוין פון זאַנגען, טרויבן און אָקס־הערנער אַף זיין קאָפּ. באַוואָפנטע דינער פירן דעם אָקס.. עס שפּרינגען אַריין רעדער און רעדער נייע טענצעריגס. אַ טייל פון זיי גיבן זיך אָפּ מיט טאַנצן פאַר די יפתח־לייט און יפתחן מיט דער דערוואַרטונג זיי אָנרעגן און אַריינציען אין דער פונאַנדערגעשפּילטער אָרגיע)

י אָ י ר ד ע ר ח ו ז ה :

(אין עקסטאַז)

און דער גרויסער בעל איז איצט מיט זיינע דינער און מיט זיינע יאַגד־הינט אויף יאַגד.

(יאָיר גיסט פאַר זיך אויס ווייַן פון זיין לאָגל, וואַרפט זיך צו דער ערד. שמעקט דעם אויפגייענדיקן גערוך, לאָזט אַרויס זיין צונג, לעקט די. ערד עטלעכע פון עולם טוען נאָך; וואַרפן זיך גלייך אויף אַלע פיר און נעמען זיך נאָכדעם אַלע באַוועגן, פאַרייסן די קעפּ, און בילן, ווי הינט).

מ ר ו ד ך :

(ווערט ווי דער פירער פון די הינט; גייט פאַר זיי פריסטלעך).

און דער בעל הדר דערפילט מיטאַמאָל דעם ריח פון איר לייב.

אַ ב י ב ע ל :

(נידערט אַראָפּ פון אָקס און נעמט זיך שפּאַנען שטאָלץ, נאָכפאָלגנדיק אַלץ, וואָס מרודך זאָגט וועגן אים)

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

(בילן אויף)

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און ער לאָזט זיך נאָך איר.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און זיי טאַנצן פאַר אים.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און דער בעל מיידט זיי אויס.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און זיי לויפֿן אים נאָך.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און זיי קושן מיט ליבע די טריט פֿון זיינע פֿיס.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און די עשתרות דערשמעקט אין דער לופֿטן;
עס גייט, עס קומט צו איר דער זון פֿון די געטער.
און די עשתרות דערזעט אים, און זי גיט זיך אַ הויב,
אויף האַלב אַ הויב, אויף איר בעט פֿון בלומען,
אַף דער אָקסן־פֿעל מיט די אָנגעשפּיצטע הערנער.

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

מ ר ו ד ך :

און ווען דער גרויסער בעל קומט־צו צו דער בעלה—דער עשתרות...

י אָ י ר א ו ן אַ נ ד ע ר ע :

האַוו... האַוו...

אַ ב י ב ע ל :

(באַוועגט זיך די גאַנצע צייט פֿייערלעך צווישן עולם אויף זיין וועג צו דעם געלעגער פֿון עשתרות. די טענצערינס מאַכן, טאַנצנדיק, פֿאַר אים אַ וועג. אַ סך פֿאַרוואַרפֿן, טאַנצנדיק, זייערע שוואַרצע האָר פֿון קאָפּ, ער זאָל איבער זיי טרעטן מיט זיינע באָרוועסע פֿיס. און אַ סך פֿאַרוואַרפֿן זיך טאַנצנדיק אויפֿן וועג, און זיי ציען זיך און בויגן זיך, אַז זיין פֿוס זאָל טרעטן איבער זייערע לייבער. אַזוי ביז אביבעל שלײדערט אַוועק פֿון זיך זיין פֿייל און בויגן און רייסט פֿון זיך אַראָפּ זיין פּורפּור־קלייד און באַטרעט איר בעט. יעדע טענצערין וואַרפֿט זיך דאַן אין די אָרעמס פֿון איינעם פֿון אביבעלס דינער, פֿון די כהנים און פֿון אויפֿגעדרייצטן און צעווילדעוועטן פֿאָלק. די „הינט" צעבילן זיך מיטאַמאָל גאָר הויך און וואָיענדיק ווילד. די יפֿתח־לייט בלייבן די גאַנצע צייט זיצן, ביין און אָנגעשטרענגט פֿון זאָרג פֿון וועגן זייער גיבור)

י פ ת ח:

(האָט פאַר אַ מינוט צוגעמאַכט, פאַר אַ מינוט אויפגעמאַכט זיינע אויגן; זיך געוואָלט אויפהויבן, נאָר אביעזר האָט אים צוריקגעהאַלטן)

אַ ב י ע ז ר:

(אין אַ זייט, זאָגנדיק)

גערענק, דו האָסט דאָך צוגעזאָגט דעם פאָטער!

י פ ת ח:

(האַלט זיך צוריק, ביילט אָן זיינע פויסטן קעגן זיך אַליין; שטעלט אָן די אויגן אויף די פויסטן... אַנגעביילטע פויסטן קעגן זיך אַליין. קוקט אַזוי, קוקט בייז און לאַנג, נאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ די אויגן־גריבער גלייך אויף די פויסטן און בלייבט אַזוי מיטן קאָפּ אויף די אָנגעביילטע הענט זיצן די גאַנצע איבעריקע צייט)

י אָ י ר ד ע ר ח ו ז ה:

(קריכט צו ביז דעם געלעגער פון אביבעל און דער עשתרות, נעמט אָן אין זיינע ביידע הענט אָן עק פון אַביבעלס אַראָפּגעפאַלענעם מאַנטל און זאָגט מיט גרויס דביקות)

און די פעלדער און די וועלדער, וואָס זענען נאָענט,
און די פעלדער און וועלדער, וואָס זענען ווייט
פאַרשפּרייטן זיך איצט מיט בליאונג און בליאונג.
עם בליט און צעבליט זיך איצט די גאַנצע וועלט.

(דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק אויסער די יפתח־לייט ווערט אַלץ ווילדער. אַ סך פאַלן צו דער ערד פון אויפרעגונג און נעמען זיך אָן אָפּהאַלט וואַרפן און לאַכן. און זיי לאַכן, ביז עס שלאָגט זיי אַרויס אַ ווייסער שוים פון די מיילער)

י אָ י ר ד ע ר ח ו ז ה:

(שפּרינגט מיטאַמאָל אויף מיט אַ מעסער אין זיין האַנט, נעמט מאַכן משונהדיקע רעליגיעזע האַוואַיעס, פאַרמעסטנדיק זיך מיטן מעסער אויף זיך אַליין. צעשניידט זיך אין אַ פאַר ערטער)

י פ ת ח:

(קאָן לענגער ניט איבערטראָגן. ער שפּרינגט אויף, ציט אַרויס זיין ברייטע שווערד און לאָזט פאַלן זיין הויך קול)

נאַראָנים! זינדער!!!

(דער עולם בלייבט שטיין: זיי הערן זיך איין, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז עמיצער קאָן אַזוי הויך און אַזוי בייז שרייען, און זיי הויבן מיט שרעק אויף זייערע באַזויפּענע קעפּ און זיי דערזעען איבער זיך יפתחן. און

זיי זעען, ער האַלט זיין גרויסע שווערד איבער זייערע קעפּ. און אַט גיט ער אַ פּאַטש מיט דער ברייט פון זיין שווערד אויף דעם טיש, וואָס נעבן אים און די שווערד צעברעכט און צעפּאַלט זיך אויף שטיקער. און ער שרייט, וואַרפט זיין הויך קול איבער זייערע קעפּ)

אזוי וועט איר צעבראָכן ווערן!
ווי צו אייך, איר נאַרישע זינדער!
ווי ווערים און בייזע פליגן עסן דורך די בלעטער,
פאַרדאַרבן די צווייגן,
אזוי וועט איר דורכגעגעסן און פאַרדאַרבן ווערן
פון אייער תאווה.
ווי דער היישעריק שניידט אונטער די תבואה וואָס האַלט ערשט אין אָנהויב וואַקסן,
אזוי וועט איר פאַרשניטן ווערן דורך די פרעמדע געטער.
איר קריכט אין אַ זומפּ, וואָס וועט אייך איינשלינגען,
ווי עס וועט איינשלינגען די עמונים, די פּלישתים, די מדינים,
און די אַלע אַנדערע פעלקער וואָס אינאיינעם מיט זייערע געטער זענען זיי ניט מער ווי די וואָג וואָס זיי וועגן!
איר, וואָס זענט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט אַלס קינדער פון אברם,
קינדער פון דעם גאָט פון אברם,
איר ליגט איצט אויף דער ערד ווי חזירים.
פּפוי! פּפוי! אויף אייך,חזירים!...

(און אַזוי שפּייענדיק אויף רעכטס און אויף לינקס לאָזט זיך יפתח גיין פון וויינגאָרטן און נאָך אים זיינע געטרייע דינער. אַ סך פון עולם כאַפּן זיך פאַר די שווערדן, נאָר די תאווה און שכרות גלאַנצט פון זייערע אויגן און לאָזט זייער כעס קיין האַפּט ניט האָבן. אַ סך באַגלייטן אים מיט געלעכטערס און שלעכטע ווערטער, נאָר תאווה און שכרות פאַרטרינקט דעם קלאַנג פון זייער קול, און אַ סך וואַרפן נאָך שטיינער, וואַרפן נאָך די ליידיקע ווײַן־קריגלעך, און די לופט נעמט הילכן מיט געשרייען):

בוגד!
בן זונה!
בן זונה!
בוגד!

ע כ ן:

(שטעלט זיך אויף. אַליפז שטעלט זיך אויף אינאיינעם מיט אים. עכן נעמט אויף גיך אַרויס זיין פיילנבויגן פון אונטערן טעפּיך)

אזא בן זונה; ער מיינט נאָך ארויסגיין פון דאַנען א לעבעדיקער!

א ל י פ ז:

(צו עכנען)

מאַך שנעל, עכן, די מינוט פון רעכענונג איז געקומען!

(אַרויסשלעפּנדיק זיין מעסער)

מיין מעסער איז גרייט!

(און ווי נאָר עכן ציט אָן דעם בויגן אויף יפתחן, זעצט אליפז אַריין זיין מעסער עכנען אין בויך אַריין. עכן נעמט פאַלן, אַרויסלאָזנדיק דעם פליינבויגן פון די הענט. אַליפז כאַפּט אים אונטער, דעקט אים איבער מיטן מאַנטל. יענער קוקט אויף אים, רעדט אַרויס מיט די לעצטע כוחות)

ע כ ן:

בוגד... גנב!..

הדד! רימן הדד! שלאָג דיין דונער, שלאָג דיין בליץ!

(צו אַליפז)

געגנבעט מיין ברודערשאַפט, געגנבעט,

דער אַליפז... ג נ ב!

א ל י פ ז:

(זיך בויגנדיק איבער עכנען)

פאַר דעם גרויסן גיבור יפתח!

זיין שווערד איז דער בעסטער וואַך־הונט קעגן די וועלף,

וואָס לויערן אויף אונדזערע טשערעדעס, ברודער.

(די לופט הילכט מיט געשרייען)

האאררר... בן זונה! בן זונה! האררר....

(אליפז לאָזט איבער עכנען, שלענגלט זיך זיגזאַגיש דורך דורכן עולם און שליסט זיך אָן אָן די אַרויסגייענדיקע יפתח, לייט)

י אָ י ר:

(דער חוזה, ווי אַ פאַרלוירענער, אַליין, אינמיטן פון אַלעמען)

יפתח, גרויסער גיבור! וואָס אַרט דיך אין וואָסער גאָט זיי גלויבן,

אַבי זיי גלויבן אין אים שטאַרק!...

(הערט זיך צו צו די זידלווערטער און געשרייען. דער עולם רעוועט, כאַרכלט און לאַכט, נאָכוואַרפנדיק ווען ניט ווען עפּעס פון האַנט)

אַ ב י ב ע ל :

(אויפשפרינגענדיק. קאָן זיך קוים האַלטן אויף זיינע פיס)

זיצער פון גלעד! דער וואָס צעשטערט דאָס הייליקע דינסט פון באַפרוכפערונג,

אין דער צייט פון באַפרוכפערונג, ברענגט אַן אומגליק אויפן לאַנד.

נאָר מיט זיין קאָפּ קאָן דאָס אויסגעקויפט ווערן,

מיט זיין בלוט קאָן דאָס אויסגעקויפט ווערן.

(אַן אַלגעמיינער שכורער אויסגעשריי)

זיין בלוט! זיין קאָפּ! האררר...

ע כ ן :

(זיך אויפהויבנדיק מיט די לעצטע קרעפטן)

זיצער פון גלעד! אייער געטער־מאַכער שטאַרבט!

אייער עכן איז געשטאָכן... אליפז!... אל...

די נקמה פון הדר. הדד!... נקמה... אליפז!...

(פאַלט)

ע ט ל ע כ ע פ ו ן ע ו ל ם :

(קומענדיק צו זיך, אַרום עכנען)

עכן!!!

א י י נ ע ר :

(שרייט אויס מיט ווילדן שרעק)

דאָס פאַלן אזוי די געטער פאַר דעם גאָט פון יפתח!

(לויפט אָפּ מיט פונאַנדערגענומענע הענט צו די יפתח־לייט שרייענדיק)

פאַר דעם גאָט פון יפתח!

ע ו ל ם :

עכן, דער געטער־מאַכער

— דער הייליקער עכן!

— דער הייליקער עכן!

— געטער האָבן געפירט מיט זיינע הענט!

אַ ב י ב ע ל :

צו די שווערדן, זיצער פון גלעד!

מיט זיין בלוט זאָל ער היינט באַצאָלן פאַר עכנען,

מיט זיין קאָפּ פאַר דעם צעשטערטן הייליקן דינסט.

ווען ניט זענען מיר אַלע פאַרלוירן.

פינפטע סצענע

(עס הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיין געשלעג; אין מיטן ווערט אָבער אַריינגעבראַכט אויף אַן אַנליין־שטול דער אַלטער שופט גלעד, שוואַך, אָפּגעלעבט, נאָר קעניגלעך; עס ווערט אַן אַלגעמיין געשריי פון שטוינונג און פאַרערונג)

ע ו ל ם :

דער שופט! דער שופט! דער אַלטער האר!

ד ע ר אַ ל ט ע ר ג ל ע ד :

(זיך ניט אויפהויבנדיק פון זיין אַנליין־שטול, קוים אַרויסברענגענדיק די ווערטער צו די אַביבעל־לייט)

אַט אַזוי נעמט איר אויף דעם,
וואָס קעמפּט אייערע מלחמות?...
אַט אַזוי באַגלייט איר אַרויס דעם,
וואָס האָט אייך נעכטן ערשט אַ נייעם נצחון געבראַכט?...

אַ ב י ב ע ל :

(קניט פאַרן פאָטער, קושט די זוים פון זיין קלייד)

פאָטער, איך האָב געהאַלטן הייליק דיין פאַרלאַנג,
איך האָב מיין צוזאָג ניט פאַרשוועכט.
איך האָב אים אָנגערופן „ברודער", „טייערער ברודער".

י אָ י ר :

אמת!

ע ו ל ם :

אמת! אמת! ער האָט אים גערופן „ברודער", „טייערער ברודער".

אַ ב י ב ע ל :

און ער האָט פאַרשוועכט מיין גאַסטפריינדשאַפט,
און ער האָט פאַרשוועכט די גרויסע עבודה פון דעם הייינטיקן הייליקן דינסט.
דאָס הייליקע דינסט פאַר דער פרוכטבאַרקייט פון אונדזער לאַנד האָט ער פאַרשוועכט.
און ער האָט געלעסטערט מיינע געטער,
און ער האָט דערהרגעט דעם געטער־מאַכער עכן,
דעם שטאָלץ פון אונדזער לאַנד.

י פ ת ח:

(קומט צו. קניט).

איך קני פאַר דיר, פאָטער,

איך האָב זיך אויף גאָרניט צו קלאָגן.

זאָל זיין שטאַרק דיין געמיט און לאַנג דיינע טעג.

ר מ ל י ה ו :

(רייסט זיך פלוצלינג אַריין, לויפט צו צום קניענדיקן יפתח)

גיבור, שטיי אויף!

י פ ת ח:

(זיך גלייך אויפהויבנדיק)

וואָס איז געשען?

ר מ ל י ה ו :

אייל זיך אויף דיין פנים פון דאַנען,

און גיך זאָלסטו זיך איילן!

דאָס פערד איז שוין געזאָטלט!

לויף שנעלער פון דעם ווינט!

לויף! און זאָלן דיר די גרעניצן פון גלעד אַנטקעגן שפרינגען,

און זאָלן זיי בלייבן ווייט הינטער דיר!

לויף! און זאָל דיין פנים ניט קוקן אויף הינטן!

דיינע גיטער זענען אין פייער!

דיינע ווייבער געשענדט אין מיטן מאַרק!

דיינע קינדער געטויט!

דאָס פאָלק איז צערייצט!

עס האָט פאַרגעסן אָן דעם גוטס, וואָס דו האָסט צו דעם געטאָן.

לויף! לויף!

איך וועל דיך שפעטער אָניאָגן!

לויף אָן אָפּהאַלט, לויף!

(יפתח פאַרוואַרפט אַן עק פון זיין מאַנטל איבער זיין פנים. בלייבט שטיין,
רירט זיך ניט פון אָרט)

אַ ב י ב ע ל :

(אַביבעל לאַכט אויף צופרידן)

ר מ ל י ה ו :

(אין פאַרצווייפלונג פאַלט צו צום אַלטן שופט)

אַלטער האַר, שופט, קצין, מלך, ראַטעווע!

באַפעל אים גלייך צו אַנטלויפן.
אויף זיין פנים זאָל ער לויפן,
ווען ניט זענען מיר פאַרלוירן.

ד ע ר אַ ל ט ע ר ג ל ע ד :

(ציט אויס זיין צעפטער צו יפתחן)
איך באַפעל!
מיין לעצטער באַפעל!...
(דער אַלטער גלעד פאַלט צוריק אין שטול און פון הינטער אים גייט אויף דאָס געשטאַלט פון אברם)

י פ ת ח:

(דעקט אָפּ זיין פנים)
איך האָרך, איך מוז האָרכן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

אין גוטלאַנד

צווישן די
בערג פון
ארץ טוב
אין אַ זייט
דאָס גע־
צעלט פון
יפתח. אויפן שפּיץ פון אַ
באַרג ווייט אַרויף, רייסט זיך
אַרויס פון דעם גרין אַן אָנ־
זעעווידיקער פעלז; אַף דעם
פעלז איז פון בלאַנקע שווערדן
און שפּיזן אויפגעשטעלט אַ
פירעקיקער טורם; איבער דעם
פירעקיקן טורעם זענען צע־
שפּרייט פּיילנבויגנס, פון וועלכע עס הויבט זיך
אָן נאָך אַ טורעם, אַ קלענערער, אַ רונדער און
פאַרשפּיצטער, וואָס פאַרשניידט זיך מיט זיינע
שאַרפע שפּיזן און הויכן שפּיץ גלייך אין הימל
אַריין. אַף דעם הויכן שפּיץ פון דעם אויִ־
בערשטן טורעם שטייט אַ ווייסע טויב האַלטנ־
דיק אַ גרינע בלאַט אין מויל. — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

ערשטע סצענע

(זינגענדיק קומען מיידלעך אָן, מיט קרוגן אויף זייערע אַקסלען, אויף די קעפּ און צווישן זיי יפתחס טאָכטער, מהיטבאַל, מיט אַ הירש, האַלטנדיק איר האַנט אויף זיינעם אַ האָרן. איינער פון דעם הירשס צעצווייגטע הערנער איז באַדעקט מיט זילבער).

מ י י ד ל ע ך :

מיר גייען שעפּן וואסער
ועסטו אָנטרינקען דיין הירש.

מ ה י ט ב א ל :

איר גייט אַלע שעפּן וואסער
וועל איך אָנטרינקען מיין הירש.

מ י י ד ל ע ך :

מיר האָבן אָנגעשעפּט דאָס וואסער,
וואסער וואסער פריש!

מ ה י ט ב א ל :

איר האָט אָנגעשעפּט דאָס וואסער,
האָב אָנגעטרונקען איך מיין הירש.

אַ ל ע :

וואסער וואסער פריש!

ע ט ל ע כ ע :

דורך צוועלף וועגט געגאַנגען
זענען מיר אין ים.

אַ ל ע :

וואסער וואסער פריש!

ע ט ל ע כ ע :

דער ים איז אויפגעגאַנגען.

אַ ל ע:

וואַסער וואַסער פריש!

ע ט ל ע כ ע:

נאָך אונדזערע גלייכע טריט.

אַ ל ע:

וואַסער וואַסער פריש!

(בלייבן שטיין פאַרן קוואַל. זינגען אויף, ווי אַ ברכה אויף וואַסער)

געדענק דעם נס פון וואַסער, ישראל,

געדענק!

גאָט, דער גאָט פון אברם,

דער גאָט פון הימל —

איז דיין גאָט,

ישראל!

(שעפּן אָן וואַסער, שטיפן, ריידן)

א י י נ ע פ ו ן ד י מ י י ד ל ע ך:

זע נאָר, פרעמדע!

אַ ל ע:

(זיך אומקוקנדיק)

פרעמדע!

א י י נ ע פ ו ן ד י מ י י ד ל ע ך:

איז וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן?!

(שרייט אויס צו די אָנקומענדיקע)

פרידן צו אייך, דורכגייער!

איר זענט איצט אין ארץ טוב,

אין דעם לאַנד פון יפתח.

צווייטע סצענע

(אַ פּאָר פרעמדע קומען אַרויף)

א י י נ ע ר:

פרידן צו אייך, טעכטער פון ישראל,

שטערן פון דעם הימל פון יעקבן!

און איך זאָג דאָ צו מיינע חברים, —

דאָס מוז זיין ארץ טוב —
דאָס לאַנד פון יפתח.

איינע פון די מיידלעך:

און רעכט האָסטו געזאָגט, מיין האר.

עטלעכע מיידלעך:

(אָנבאָטנדיק זייערע קרוגן)

נאַט אייך וואַסער און וואַשט אייערע פיס,
און וואַשט אייערע הענט און אייערע פנימער.

אַלע פרעמדע:

אַ לויב צו אייך, דערפאַר.

(וואַשן זיך)

איינער:

איז דאָס טאַקע דער אייגענער גיבור יפתח,
וואָס פון גלעד איז ער פאַרטריבן?

איינע:

יאָ, מיין האר.

איינער:

און אָט דעם טורעם פון שפּיזן און שווערדן
האָט איר גלאַט אַזוי פון שיינקייט־וועגן
פאַר זיך דאָרט אויפגעשטעלט אויפן באַרג?

איינע:

יאָ, מיין האר.

איינער:

און צוליב וואָס אָט די ווייסע טויב,
אויף אייער שפּיזן און שערדן־טורעם דאָרט?

איינע:

דעם גיבורס צייכן, אַז פרידן הערשט אין לאַנד.

איינער:

פרידן, הם... און פרידן איז טאַקע דאָ ביי אייך!
אַך, אַך, יאָ, יאָ, פרידן. גוט איז פרידן —
אויף שווערדן און שפּיזן אָנגעשריבן: — פרידן...
איז אייך גוט, אוודאי, אַ טויב אַ ווייסע, יאָ,
און קיינער וואַגט ניט צוקומען צו אייך... פרידן...

אַ צווייטער:

איז דאָס אמת, אַז פאַרטריבן געוואָרן
פון גלעד איז אָט דער גרויסער גיבור אייערער
אין מיטן פון דער נאַכט?
פונקט דעמאָלט, ווען ער איז געקומען
פון אַ מלחמה אַ נייער, וואָס ער האָט געוואונען פאַר גלעד?

איינע:

יאָ, מיין האַר.

איינער:

און אמת איז אויך, אַז אַ וואונדערלעך מלחמה־פערד
איז דאָ צו אייער גיבור.

אַ צווייטער:

(אַריינפאַלנדיק אין די רייד)
אַז געשענקט אים דאָס מלחמה־פערד האָט
דער ליכטיקער גרייז — אברם אַליין?

איינע:

יאָ, מיין האַר. — עס ווערט דערציילט:
און עס איז געווען אין מיטן פון דער נאַכט,
דער שטערן ישתר איז שוין דעמאָלט אויף דער זייט פון דעם הימל
נעבן דער לבנה געשטאַנען.
(פאַרהאַקט זיך, ווי זי וואָלט זיך פאַרפלאָנטערט; כאַפּט זיך און הויבט ווידער אָן)
יאָ... עס ווערט געזאָגט:
די בלויע נאַכט האָט צעבליט זיך
ווי אַ בוים אַ צעבליטער;
מיטן צעשפּילטן שיין פון די רונדע שטערן
און מיטן שיין פון דער פולער לבנה,
האָט די נאַכט צעבליט זיך ווי אַ בוים אַ גרויסער.
און ווי דער וואָרצל פון דעם בוים,
און ווי דער שטאַם פון דעם בוים
האָט זיך אויפגעהויבן אין מיטן פון דער צעבליטער נאַכט דער בלויער
דער גרויסער גיבור יפתח מיט זיין שווערד און מיט זיין פערד.
(פאַרשעפּעט זיך ווידער, בלייבט שטיין. דער ערשטער פרעמדער קומט איר צו הילף)

ע ר ש ט ע ר פ ר ע מ ד ע ר :

יאָ, יאָ. און דער גרויסער גיבור האָט זיך מיט זיין שווערד און מיט זיין פערד
דורכגעריסן דורך די מחנות קריגער, וואָס האָבן אים געזוכט און וואָס זענען אים באַפאַלן.
און ער איז מיט זיין פערד אַריבערגעשוואומען,
דעם מיט לבנות פאַרשפּיגלטן טייך ארנון איז ער אַריבערגע־שוואומען,
צווישן לבנות אין דעם וואַסער איז ער אַיילנדיק געשוואומען.
און מען האָט אים נאָכגעיאָגט
און ער איז ווייטער געלאָפן;
און ער איז געלאָפן אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק, ביז דאָס פערד איז אונטער אים געפאַלן.
(לאַנגזאַמער)
יאָ, יאָ, אַזוי ווערט דערציילט, און עס ווערט געזאָגט:
...און עס איז געווען, ווען דאָס פערד איז אונטער אים געפאַלן,
האָט זיך אויף איינעם פון די בערג צו אים באַוויזן אברם,
דער גרייז מיט דער זילבערנער באָרד;
אין איין האַנט האָט דער גרייז געהאַלטן אַ הויכן שטעקן
און אין דער צווייטער האַנט פאַרן צוים — אַ גרויס פערד.

ד אָ ס מ י י ד ל :

יאָ, פרעמדער, יאָ, און גוט האָסטו דערציילט.
און דער גרייז האָט צו אים געזאָגט:
דאָס פערד איז צו דיר;
און דו זאָלסט שטענדיק געדענקען אין דעם אמתן גאָט,
ער איז דיין באַשיצער — ער וועט דיר העלפן,
און דו וועסט נאָך ווערן דער שטאַרקסטער צווישן די יידן
און דו זאָלסט זיי ניט געדענקען דאָס שלעכטס.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע :

(הויבט אָן)
לאַנג האָט דערנאָך דער גיבור געוואָגלט אַליין צווישן די בערג,
און דער גיבור האָט געליטן הונגער און קעלט,
ביז רמליהו איז צו אים געקומען מיט אַ מחנה קריגער.
און רמליהו האָט אים אויך מיטגעבראַכט זיין קינד.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע :

זיין מהיטבאל —

(ווייזנדיק אויף מהיטבאל)

דאָס איינציקע איבערגעבליבענע פון זיין הויז־געזינד.

מ ה י ט ב א ל :

(פאַרשעמט, מיט קאַפּריז)

מיר גייען מיידלעך צוריק פון קוואל!

ד י פ ר ע מ ד ע :

(זי אַנקוקנדיק, צווישן זיך)

אַ שעמעוודיקע אַזאַ.

נאָך אַ קינד.

מ ה י ט ב א ל :

— לאָמיר גיין.

א י י נ ע פ ו ן ד י מ י י ד ל ע ך :

(צו די פרעמדע)

גייט מיט אַט דעם וועג וועט ער אייך ברענגען צו די מענער,

וועט איר דאָרט אונטערלענען אייערע הערצער.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י מ ע נ ע ר :

(אָפּגייענדיק מיט די אַנדערע)

אַ לויב צו דיר דערפאַר.

און ווי פרידלעך און גוט דאָ איז ביי אייך!

(אָפּגייענדיק, רעדט צו זיינע חברים)

זיי איז דאָס געגאַנגען אין דעם וואָס אַ בן זונה איז דער יפתח.

יהוה, דער גאָט פון חיילות, האָט געצויגן זיין בויגן,

און אַ גאָלדענע פייל געוואָרפן קיין גלעד,

יהוה ווייסט זיינע וועגן.

און זיי די נאַרן האָבן יהוהן

די גאָלדענע פייל צוריק אין פּנים געוואָרפן.

(אָפּ)

דריטע סצענע

מ ה י ט ב א ל :

(ווי אַ באַפרייטע)

ווי שיין און שלאַנק און ליכטיק עס איז מיין הירש!

מ י י ד ל ע ך :

אָבער נאָך ליכטיקער ביזטו, שלאַנקענדיקער און שענער!

מ ה י ט ב א ל :

ווי שיין עס באָדט די זון זיך אין דעם ריינעם קוואַל!

מ י י ד ל ע ך :

דו אָבער, מהיטבאל ביזט אַליין ווי אַ זון
און ביסט נאָך א סך שענער פון דער זון.

מ ה י ט ב א ל :

(פאַרשעמט זיך, נעמט אַ דעם הירש ביי די הערנער)

מיר גייען מיידלעך צוריק פון קוואַל!

אַ ל ע :

(שטעלן אַרויף זייערע קרוגן)

מיר גייען מיידלעך צוריק פון קוואַל,
מיט דעם קוואַל פון אונדזער גיבורס פרייד!
מיר גייען מיידלעך צוריק פון קוואַל
מיט דעם קוואַל פון אונדזער גיבורס פרייד —
מיט דעם קוואַל פון אונדזער גיבורס פרייד —
מהיטבאל, מהיטבאל!

(עס דערטראָגט זיך דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון אַ רייטער אין די בערג).

א י י נ ע פ ו ן ד י מ י י ד ל ע ך :

דער גיבור יפתח אויף זיין פערד!

מ ה י ט ב א ל :

(מיט פלוצלינגער שווערער זאָרג)

דער פאָטער איז אומרואיק,
דעם פאָטער טוט וויי די נשמה.

(קוקט נאָך... עס ווערט שטיל און באַלד דערהערט זיך אַ נייער, גרעסערער גערויש פון אַן אַנדער זייט)

א י י נ ע פ ו ן ד י מ י י ד ל ע ך :

(מיט שרעק צו דער זייט פון דעם נייעם גערויש)

ווי ווילד עס האָבן דאָרטן געגומען לויפן די היילּיקע אָקסן!
איבערן טאָל אויף יענער זייט באַרג
לויפן די הייליקע אָקסן ווילד,
און אַליפּז נאָך זיי...
(עס דערהערט זיך פון ווייט אַליפּס שאַרף און ווילד־טרייבנדיק געשריי)
יאַ—האַ—דאַ—דאַ—דאַ—דאַ—האַ!

מיידלעך:

— הערסט!?...
און זע נאָר!
ער ציט זיין שווערד!
ער צילט זיין מעסער!

איינע:

און שוין ניט איינמאָל אַזוי...

מהיטבאל:

(בלייבט שטיין. נעמט קוקן ווילד פאַר זיך, ווי איינע, וואָס קוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין און פאַרגעסט זיך, אַז זי קוקט. שטייט אַזוי ווי אַ פאַרווירטע פאַר אַ צייט. דאָס גערויש שטילט זיך אַיין; די מיידלעך, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער וואַסער צו די פרעמדע שעפּן אָן פון דאָס ניי און אַלע זינגען פון דאָס ניי אויף געבן וואַסער)

געדענק דעם נס פון וואַסער, ישראל,
געדענק.
גאָט, דער גאָט פון אברם,
דער גאָט פון הימל,
איז דיין גאָט,
ישראל.

איינע:

(צו די אַנדערע)
מהיטבאל זעט אַ זעאונג!
זע נאָר, ווי גרויס זי האַלט אָפן די אויגן אירע...

אַן אַנדערע:

זע נאָר — זי פאַרמאַכט די אויגן גאָר אין גאַנצן איצט.

מהיטבאל:

(קומט צו זיך אַ באַרואיקטע)

אין דעם הימל מיט דער נאַכט,
גייט אויף אַ ווייסע די לבנה.

מ י י ד ל ע ך :

ווייס, ווי די טויב,
וואָס אויף אונדזער גיבורס טורעם.

מ ה י ט ב א ל :

ווייס, ווי די באָרד
פון דעם ליכטיקן גרייז
אברם, אברם...

מ י י ד ל ע ך :

ווייס, ווי די ציין פון דיין מויל,
ווי די ווייסלען פון דיינע אויגן,
ווי די נעגל פון דיינע פיס, מהיטבאל.

מ ה י ט ב א ל :

מיר שיידן זיך דאָ.

א י י נ ע :

מיר שיידן זיך און בלייבן מיט דיר
פאַר דער נאַכט ביז מאָרגן,
מהיטבאל, מהיטבאל;
אַלע טאָג אַזוי,
היינט אָבער נאָר ביז פאַרנאַכט, מהיטבאל,
ביז דעם טאַנץ,
דעם היינטיקן
כלה־חתן טאַנץ.

אַ ל ע :

היינט טאַנצסטו דאָך מיט אונדז
צום ערשטן מאָל, מהיטבאל,
אין דעם כלה־חתן טאַנץ,
אין דעם כלה־חתן טאַנץ,
(אַלע אינאיינעם אָפגייענדיק, שטיפעריש)
אין דעם היינטיקן חתן־כלה טאַנץ,
אין דעם היינטיקן חתן־כלה טאַנץ.
(די מיידלעך גייען אָפּ. ברכיה קומט אָן)

פערטע סצענע

(ברכיה און מהיטבאל)

ב ר כ י ה :

מהיטבאל, דאָ האָסטו לבנה־שטיינער און ים־שיסעלעך
אויף צו באַפּוצן דעם צודעק פאַר דעם הירש.

מ ה י ט ב א ל :

שיט זיי מיר אויס אַהער.

(הויבט אויף אַן עק פון איר קלייד. ברכיה שיט זיי אַריין צו איר אין קלייד)

אָ, ווי פיל דו האָסט פון זיי געבראַכט
וואו נעמסטו די אַלע בליצנדיקע זאַכן?

ב ר כ י ה :

גאָט שטעלט אָן מיינע פיס און מיינע אויגן פאַר זיי.

פינפטע סצענע

(יאָיר דער חוזה קומט אָן, געעלטערט, פאַרשטויבט, מיט אַ שטעקן אין האַנט; אַן אַלט פרויען־קלייד איז איבערגעבונדן איבער זיינע לענדן, אַ פּאָר ניט־פאַרהיילטע מעסער־שניט אויף זיין פנים. קוקט זיי אָן, גייט צו. מהיטבאל דערשרעקט זיך אַ ביסל פאַר אים)

מ ה י ט ב א ל :

ווער ביזטו?

י אָ י ר :

אַ וואַנדערער.

מ ה י ט ב א ל :

(מיטפילנדיק)

ביזט אַזוי פאַרשטויבט.

י אָ י ר :

דער שטויב פון וועג איז אויף מיר.

מ ה י ט ב א ל :

(מיט שרעק)

דיין פּנים איז אַזוי צעשניטן!
פון וואָס איז ביי דיר דאָס פּנים צעשניטן,
ווער האָט דיר דאָס פּנים אַזוי בייז צעשניטן?!

י אָ י ר :

קיינער האָט מיר דאָס פּנים ניט צעשניטן.
מיין אייגענע האַנט געפירט פון אַ גאָט אַ גרויסן
אין דער צייט פון אַ הייליקער עבודה, צו דעם גאָט.
מיט מיין בלוט באַהעפט איך זיך מיט דעם גאָט, וואָס איז מיר ליב,
— מיין בלוט — מיין קרבן צו די געטער.
און די געטער זענען גוט צו מיר;
און וועלכן טייל פון ליב זיי קלייבן אויס,
אַהין וועגדן זיי מיין האַנט און מעסער —
מיך אינגאַנצן אָבער ווילן זיי ניט קלייבן.
און ביי אייך איז דאָ. מען זאָגט, אַ קוואַל אַזאַ פּאַראַנען —
— דער קוואַל פון דער הייליקער שלאַנג —
פון דורות לאַנג צוריק איז דאָ אַ קוואַל אַזאַ פּאַראַנען,
און אַ היילונג צו וואונדן אַלערליי איז דאָס וואַסער
פון דעם קוואַל פון דער הייליקער שלאַנג —
אַן אָפּשטאַם פון דעם גרויסן גאָט, תנין
איז אפשר די הייליקע שלאַנג
אין דעם קוואַל דאָ ביי אייך.
אפשר גאָר דער פאַרשטעלטער גאָט תנין אליין.

מ ה י ט ב א ל :

ניטאָ אַזאַ שלאַנג מער אין דעם קוואַל,
מיט זיין שווערד האָט מיין פּאָטער שוין לאַנג שוין
אָט די שלאַנג דערהרגעט, פרעמדער.

י אָ י ר :

(מיט זאָרג און שרעק)
געהרגעט די שלאַנג?!
די הייליקע שלאַנג,
פון דעם הייליקן קוואַל —
און סם איז איצט דאָס וואַסער?!

מ ה י ט ב א ל :

ניין, דאָס וואַסער איז איצט גוט און זיס צום גומען.
(פאַרלאָרן)
אָט נאָ דיר אַ ביסל פון מיין קרוג.

י אָ י ר :

איך וויל ניט טרינקען.

מ ה י ט ב א ל :

אפשר ווילסטו עסן?

י אָ י ר :

ניט עסן, ניט טרינקען בין איך געקומען אהער,
נאָר זוכן טו איך וואָס...

מ ה י ט ב א ל :

וואָס?...

י אָ י ר :

נאָר פרעגן וויל איך וואָס...
ביי אייךביידן וויל איך פרעגן וואָס...

מ ה י ט ב א ל :

פרעג.

י אָ י ר :

וואָלט איר מקריב געווען אָט דעם הירש פאַר א קרבן?

ב ר כ י ה :

דער הירש איז דאָך אירער...

מ ה י ט ב א ל :

(מיט אַ דערשראָקענעם שמייכל)
דעם הירש האָט ער דאָך געכאַפּט פאַר מיר.

י אָ י ר :

(אויסזיפצנדיק, כמעט ווי זינגענדיק, וויינענדיק)
געטער האָבן ליב קרבנות,
שטאַרקן זיי דערפאַר די הענט פון די מדינים,
די עמונים און די פּלישתים.
די פעלקער ברענגען ניט נאָר חיות צו די געטער —
נאָר אַפילו קינדער אייגענע ברענגען זיי צו די געטער,
קינדער גייען אליין פאַר זייער פאָלק און פאַר זייער גאָט.
און די געטער שטאַרקן זיך פון דעם,
שטאַרקן זיך די פעלקער אויך.
דורך זייערע געשטאַרקטע געטער ווערן זיי געשטאַרקט;
איז וויי צו אונדז דערפאַר.
(וויינט זיך פאַנאַנדער)



אָהאָ... אָהאָ...

(גייט אָפּ)

מהיטבאל און ברכיה:

(קוקן אים נאָך אַ ווײַלע, קוקן זיך איבער און צעלאַכן זיך)

יאָיר:

(קערט זיך אום)

איך האָב געהערט איר האָט געלאַכט...

מהיטבאל:

(נאָך לאַכנדיק)

ניין... מיר האָבן ניט געלאַכט... מיר האָבן געלאַכט.

יאָיר:

דו ביזט אַ ריין קינד.

דו האָסט געוואָלט אַ ליגן זאָגן און קאָנסט ניט.

מהיטבאל:

מעג מען דען וועלן אַ ליגן זאָגן, מעג מען דען קאָנען?...

יאָיר:

(קוקט זי אָן, פאַרשנדיק)

האָסטו ניט געהאַט אַ זעאונג היינט?

מהיטבאל:

(מיט אַ ביסל שרעק)

ווי אַזוי ווייסטו, אַז איך האָב געהאַט אַ זעאונג?...

יאָיר:

איך בין אַ זעער.

מהיטבאל:

(מיט מער שרעק, כאַטש זי לאַכט)

זע נאַר, ברכיה, ער איז אַ זעער!...

(יאָיר קוקט אַלץ אויף איר... זי קוקט צוריק און ענטפערט)

יאָ...

יאָיר:

און וואָס איז געווען די זעאונג, וואָס דו האָסט געזען?

מהיטבאל:

(אַ פאַרווירטע דערציילט)

איך גיי מיט די מיידלעך ערשט פון קוואַל. —

און, ווי איך דערהער אַזוי דאָס האַסטיק־קלאָען־קלאַפּן

פון די פיס פון דעם פאַטערס מלחמה־פערד,
וואָס טראָגט אים מיט זיין צעווייטאָגט האַרץ
איבער דעם ווייסן בויג־וועג אין די בערג;
און, ווי איך קוק אים נאָך אַזוי, דערזע איך מיטאַמאָל פאַר די
אויגן מיינע,—
אַ ווייסער וואָלקן קומט. —
אַ ווייסער וואָלקן נידערט אַראָפּ פאַר מיר צווישן די בוימער,
האָב איך זיך דערשראָקן און האָב זיך דערפרייט.
(בלייבט שטיין אַן אָפּהענטיקע)

י אָ י ר :
וואָס איז געוועזן דיין שרעק, וואָס דו האָסט זיך געשראָקן?

מ ה י ט ב א ל :
איך האָב געמיינט דער וואָלקן איז געקומען און וועט נעמען מיך
צו גאָט.

י אָ י ר :
שרעקסטו זיך פאַר גאָט?

מ ה י ט ב א ל :
יאָ
(האָט חרטה)
ניין... נאָר אַ שרעק איז מיך באַפאַלן...

י אָ י ר :
און וואָס איז געוועזן די פרייד, וואָס דו האָסט זיך געפרייט?

מ ה י ט ב א ל :
איך וועל קומען פאַר יהוהן, וועל איך ביי אים בעטן
פאַר דעם שווערן האַרץ פון מיין פאָטער.

י אָ י ר :
און וואָס נאָך האָסטו געזען?

מ ה י ט ב א ל :
יאָ —

י אָ י ר :
וואָס?

מ ה י ט ב א ל :
עס האָט זיך אין דעם וואָלקן באַוויזן.
דער ליכטיקער גרייז אברם באַוויזן.

י אָ י ר :

אוּן וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

מ ה י ט ב א ל :

ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט;
ביז צו מיר איז ער צוגעקומען
און ווי ער איז צוגעקומען איז ער ניט געוואָרן.

י אָ י ר :

א גרויסע זעאונג, טאָכטער, האָסטו היינט געזען.
אזא ווי דו דאַרפסט ווייסן, וואָס עס הייסט א געהייליקטער קרבן.
אזא ווי דו, איז א ליכט א גרויס —
א ליכט א גרויס ביסטו;
לייכטן דאַרפסטו פאַר דעם פאָלק.
— —א קרבן דאַרף דאָס פאָלק, א גרויסן איצטער; — — —
בענטשן זאָלן דיך די געטער?

מ ה י ט ב א ל :

ניט די געטער, זעער, נאָר גאָט,
און יהוה איז זיין נאָמען.

י אָ י ר :

יהוה איז דער אויסדערוויילטער פון דיין האַרץ?

מ ה י ט ב א ל :

פון אונדזער אַלעמענס האַרצער, דאָ אין אַרץ טוב.

י אָ י ר :

און פון יהוהס וועגן וואָלסטו גרייט געווען צו טאָן
אַלץ, וואָס ער וועט הייסן און באַפעלן?

מ ה י ט ב א ל :

אַלץ.

י אָ י ר :

האָסט אויפגעציטערט, קינד,
ווען דו האָסט געזאָגט דאָס וואָרט.

מ ה י ט ב א ל :

איך ציטער אַלעמאָל־אויף, ווען עס טראַכט
דאָס האַרץ מיינס פון יהוה.

י אָ י ר :

זאָל יהוה בענטשן דיך פאַר דיין ליבע צו אים,

און גרוים זאָל ער דיך מאַכן,
וואָס גרוים העלפסטו אים זיך גרויסן אין דעם היינטיקן טאָג.

ב ר כ י ה :

(לאַכנדיק)

וואָס טראָגסטו דאָ אַרומגעבונדן אַרום די לענדן דיינע?

י אָ י ר :

(ניט ענטפערנדיק ברכיהן. צו מהיטבאל)

און אין דעם היינטיקן חתן־כלה טאַנץ טאַנצסטו שוין?

מ ה י ט ב א ל :

היינט, צום ערשטן מאָל.

י אָ י ר :

(מיט פרייד)

היינט צום ערשטן מאָל!

(לאָזט פאַלן זיין שטעקן. נעמט פיבערדיק פונאַנדערבינדן דאָס אַלטע פרויען־קלייד, וואָס אויף זיינע לענדן)

ווי שיין, ווי גוט!

(נעמט פונאַנדער דאָס אַראָפּגענומענע אַלטע פרויען־קלייד)

זעסט אָט־דאָס אַלטע קלייד?
יעדעס מאָל, ווען איך לאָז זיך אין אַ וועג אַ ווייטן,
טו איך דאָס אויף מיינע לענדן אָן.
עס איז אַ סגולה אַ גוטע.
עס איז פון מיין מוטער —
אַן עקרה געווען איז מיין מוטער;
נאָר פון מיינטוועגן האָבן די געטער געעפנט איר טראַכט,
כדי זי זאָל מיך, אַ חוזה — ברענגען אויף דער וועלט.
ליי פון מיר דאָס מזלדיקע עקרה־קלייד
פאַר דיין היינטיקן טאַנץ.

ב ר כ י ה :

(צעלאַכט זיך)

אַזאַ אַלט שמאַטע־קלייד פאַר אַ כלה־חתן־טאַנץ?!

מ ה י ט ב א ל :

(מיט אַ שמייכל)

ווי אַזוי קאָן איך פון דיר דאָס אַלטע קלייד נעמען, זעער,
איך וואָלט דאָך ווערן דערקאָנט און אויסגעאיינצלט אין דעם טאַנץ.

י אָ י ר :
איר זייט נאָך ביידע יונגע קינדער,
אָבער ווייסט איר דען ניט, אַז אין דעם חתן־כלה טאַנץ
דאַרפן אַלע מיידלעך טראָגן אַנטליענע, אַלטע קליידער —
כדי מען זאָל ניט דערקענען דעם יחוס און דעם שטאַנד?
פירט זיך ניט ביי אייך דען ווי ביי אַלע קינדער פון די יידן?

ב ר כ י ה :
(לאַכט)
דער מוז ערגעץ קומען פון גלעד, צי פון וואַן;
עס מישן זיך ביי אים גאָט און געטער;
יחוס־טאַנץ און שמאַטע־קליידער...

מ ה י ט ב א ל :
(צו ברכיהן)
מען טאָר פון אים ניט לאַכן;
ער איז אַ פרעמדער, ער איז אַ זעער...
(צו יאָירן)
ביי אונדז, אין ארץ־טוב, גלויבט מען ניט אין יחוס;
ביי אונדז טאַנצן אַלע מיידלעך
אין אַלצאיינע ווייסע, לייוונט־קליידער...

י אָ י ר :
אַזוי, אַזוי... — נייע פירונגען דאָ ביי אייך.
— אין ווייסן אַלע, ווי מלאכים אַלע...
— אין ווייסן איז ניט שלעכט...
גוט איז אין ווייסן;
אין ווייסן וועל איך זיין דאָ;
וועל איך זען אייך אין ווייסן טאַנצן.
נאָר, ווער איז אָט דער בחור, דער?!

מ ה י ט ב א ל :
ער איז דער זון פון רמליהו,
וואָס איז דער געווער־טרעגער פון מיין פאָטער.

י אָ י ר :
און מיט וואָס צייכנט ער זיך אויס —
ער — ניט זיין פאָטער?...

מ ה י ט ב א ל:

זיי ניט בייז אויף אים. ער איז אַ גוטער.
ער איז דער בעסטער פערד־שפּרינגער;
ער איז דער ערשטער פערד־שפּרינגער,
צווישן די פערד־שפּרינגער פון מיין פאָטערס מחנות;
ווי אַ הירש און ווי אַ לייב־חיה,
שפּרינגט אונטער דאָס פערד אונטער אים.
אַלע יונגען האָבן אים ליב און לערנען זיך פון אים
צו מאַכן שפּרינגען אין דער לופטן
די פערד אונטער זיך.
און אָט דעם הירש האָט ער פאַר מיר געכאַפּט,
אַ לעבעדיקן, אָן איין וואונד אַפילו,
האָט ער אים פאַר מיר אַזוי געכאַפּט.
און דעם איינעם פון זיינע הערנער האָט ער אַליין באַדעקט מיט זילבער.

און אויפן פייפל קאָן ער שפּילן און ער שפּילט שיין,
און אָט־די לבנה־שטיינער און אָט די שיסעלעך פון ים,
זוכט ער אויף און קלייבט זיי אָן פאַר מיר.

(צעגעמט די פּאַלע, וויזט זיי דעם זעער, יענער קוקט אַריין אין זיי, לאַנג און פּיל־דייטיק)

ב ר כ י ה:

(שפּעטנדיק)

וואָס קוקסטו אַזוי לאַנג אין די שטיינער?
וואָס זעסטו דאָרט?

י אָ י ר:

ניט דיין זאַך בחור. ניט דיין זאַך.

מ ה י ט ב א ל:

(מיט לייכטן שרעק)

וואָס זעסטו אין די שטיינער, זעער?
וואָס זעסטו?

י אָ י ר:

דיין מזל זע איך.
אויסגעשריבן אויף די שטיינער זע איך דאָס מזל דיינס.

מ ה י ט ב א ל :

(מיט נאָך מער שרעק)

און וואָס איז מיין מזל?

י אָ י ר :

אַ שטערן אין הימל, דיין מזל.

מ ה י ט ב א ל :

(מיט שרעק און שטוינען)

אַ שטערן אין הימל!

זעקסטע סצענע

(עס קומען אַן יונגען, קריגער, פּאַסטוכער, זינגען)

מיר גייען היינט צום טאַנץ,

צום חתן־כלה טאַנץ,

צום היינטיקן

כלה־חתן טאַנץ.

כאַפּן וועט ווער, וואָס וועט כאַפּן,

וועט ער כאַפּן, כאַפּן, כאַפּן,

אין היינטיקן טאַנץ,

אין דעם היינטיקן טאַנץ.

א י י נ ע ר :

אַט איז ברכיה מיטן הירש.

אַ ן א נ ד ע ר ע ר :

אַט איז מהיטבאל מיטן הירש.

אַ ל ע :

וואויל, אַ וואויל מהיטבאל,

וואויל, אַ וואויל דעם גיבורס פרייד!

(בוקן זיך אַלע)

וואויל, אַ וואויל, מהיטבאל,

גרויס, אַ גרויס דעם גיבורס פרייד!

ד ע ר ע ר ש ט ע ר :

און ווער איז אַט דער פרעמדער?

(קוקן אים אָן און צעלאַכן זיך אַלע)

ב ר כ י ה :

(לאַכנדיק)

פון פרעמדע קאַנטן, אַ פרעמדער. —

(ציט אויס)

אַ ז ע ע ר!...

אַ ל ע :

אַ זעער? זאָל ער מיר מיין מזל טרעפן.

(טראָגן אים אַלע אונטער די הענט)

טרעף מיין מזל, טרעף!

י אָ י ר :

(בלייבט פאַר א ווילע אין אַ רינג פון אויסגעשטרעקטע הענט)

ב ר כ י ה :

און געבראַכט מיט זיך האָט ער

אַן אַלט שמאַטע־קלייד.

אַ ל ע :

כאַ—כאַ—כאַ— ....

מ ה י ט ב א ל :

ברכיה, מען טאָר פון אים ניט לאַכן,

ער איז אַ געטלעכער מענטש.

איך פיל ער איז אַ געטלעכער מענטש!

אַ ל ע :

(בוקן זיך מיטאַמאָל פאַר יאָירן)

מהיטבאל זאָגט, מען טאָר פון דיר ניט לאַכן,

מהיטבאל זאָגט, דו ביסט אַ געטלעכער מענטש.

(עס דערהערט זיך דאָס געזאַנג פון די אָנקומענדיקע מיידלעך)

מיר גייען היינט צום טאַנץ,

צום כלה־חתן טאַנץ.

כאַפּן וועט ווער וואָס וועט כאַפּן,

וועט ער כאַפּן, כאַפּן, כאַפּן,

מיין באַשערטער וועט מיך כאַפּן

אין דעם היינטיקן טאַנץ,

אין היינטיקן טאַנץ.

(די בחורים צעלויפן זיך, באַהאַלטן זיך ווער אונטער אַ בוים, צי אונטער אַ

שטוירך. יאָיר זעצט זיך אַוועק אונטער אַ פעלז, אַזוי אַז דער פעלז פאַר־
שטעלט אים און פאַרשטעלט אים ניט)

זיבעטע סצענע

(רמליהו און זיין ווייב זילפה קומען אָן)

ר מ ל י ה ו :

(צו מהיטבאלן)

פרידן דיר, ליכטיקער שטערן.

ז י ל פ ה :

(זאָגט נאָך)

פרידן דיר, ליכטיקער שטערן.

מ ה י ט ב א ל :

פרידן דיר, רמליהו, פרידן דיר, זילפה.

ב ר כ י ה :

פרידן דיר, פאָטער, פרידן דיר, מוטער.

ר מ ל י ה ו :

(צו ברכיהן)

נעם דעם הירש פון מהיטבאלס הענט
און פיר אים הינטערן צאַם.

ב ר כ י ה :

(צו מהיטבאלן)

דער פאָטער זאָגט איך זאָל נעמען דעם הירש.

מ ה י ט ב א ל :

(צעשמייכלט זיך פאַרשולדיקט)

יאָ, נעם דעם הירש הינטערן צאַם.

(ברכיה נעמט דעם הירש, גייט אָפּ)

אכטע סצענע

(עס קומען אָן קריגער, פּאַסטוכער, מענער און פרויען און אויך די פּאָר
פרעמדע)

א י י נ ע ר פ ו ן ד י פ ר ע מ ד ע :

(צו די זייניקע)

די רו די גרויסע דאָ.
די זעט די גרויסע דאָ,
די פרייד די גרויסע דאָ!

א ז א נ ד ע ר ע ר :
און די גרויס פון די אָקסן דאָ.
אַזוינע גרויסע, דאָ.
די גרויס פון העלפאַנטן פון די קעניגרייכן די ווייטע.

א ז א נ ד ע ר ע ר :
און די פיס ביי די אָקסן זענען דווקא דינע,
ווי ביי הירשן גרינגע.

א ז א נ ד ע ר ע ר :
און די הערנער אַזוינע גרויסע, שפּיציקע.
קוקסט אויף די הערנער און עס קומט דיר פאָר: —
אַזוינע גרויסע, און זיי וואַקסן נאָך ערשט!
שפּראָצן דיר אין די אויגן אַריין,
שפּיצן זיך אין דעם ליכט פון דער זון;

א ז א נ ד ע ר ע ר :
אָט ווי עס ליגט זיך אַ שטראַל אויפן האָרן
אַזוי טוט דער האָרן וואַקסן
און ווערט אַלץ גרעסער מיט אַ שטראַל.

א ז א נ ד ע ר ע ר :
פאַר הייליק, זאָגט מען דאָ, האַלט דער יפתח די אָקסן זיינע.
און אַלע רופן זיי דאָ: „די הייליקע אָקסן",
„די הייליקע אָקסן פון ארץ־טוב".

ז י ל פ ה :
(אין דער צייט פון דעם געשפּרעך פון די פרעמדע, נעמט זילפה פונאַנדער אַ וויס קלייד, דאָס אָנטועדיק אויף מהיטבאל)
פאַר דיר האָב איך אָט־דאָס ווייסע קלייד געוועבט,
מיט מיינע אייגענע הענט געוועבט —
פאַר דיר האָב איך געוועבט, מהיטבאל.
און מיט נאָר־וואָס געלייגטע אייער
האָב איך קייקלען דאָס געקייקלט.
וואַרעמע אייער פון גרויסע פויגלען ווייסע
האָב איך איבער דעם געקייקלט.

פאַר דיין מזל־וועגן האָב איך זיי געקייקלט,
זיבן טעג אַזוי כסדר געקייקלט;
זיבן טעג אַזוי געקייקלט;
אַז געבענטשט זאָלן זיין דיינע טריט,
אַז געגרויסט זאָל זיין דיין נאָמען, מהיטבאל.

אַ ל ע :

אָמן.

(עס ווערט דורכגעפירט דער טאַנץ פון די כלות. יעדער מיידל ווערט געגעבן די געלעגנהייט אַליין דורכצוטאַנצן די ערטער, וואו עס ליגן די בחורים באַ־האַלטענע. ווען עס קומט צו מהיטבאל, גיבן עטלעכע בחורים שטיל אַ רעד צווישן זיך)

א י י נ ע ר :

ניט וואָגן וועט היינט קיינער צו כאַפּן זי.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

קיינער וועט ניט וואָגן כאַפּן היינט די מהיטבאל.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

וואָלט נאָר דער גיבור דאָ געווען, וואָלט שוין אפשר עמיצער געוואָגט —

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

געווים, וואָלט עמיצער געוואָגט...

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

אַזוי אָבער אָן דעם גיבורס זיין דאָ...

(ווען זי טאַנצט אָבער פאַרביי ברכיהן, גיט ער זיך אַ הויב. זיין פאָטער רמליהו, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען, גייט צו אים צו, האַלט אים אָפּ מיט די בליקן און שטעכט נאָכדעם גלייך אַנט־קעגן ברכיהן אַריין זיין שווערד אין דער ערד; דאָס האַלט ברכיהן אינגאַנצן אָפּ און אַזוי בלייבט מהיטבאל ניט קיין געכאַפּטע און בלייבט שטיין אין מיטן אַ פאַרשעמטע, און צעשמייכלט זיך פאַרשעמט)

י אָ י ר :

(גייט צו אַלעמעס שטוינען אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, גייט צו צו דער פאַרלוירענער מהיטבאל, און שרייט צו איר טרייסטנדיק אויס)

דו, די ניט־געכאַפּטע, ביסט געכאַפּט!

מ ה י ט ב א ל:

(ווערט אויפגעציטערטער, דערשראָקענער און זאָגט לאַכנדיק)

פרייד ברענגט דער זעער.

י אָ י ר:

און אברם איז היינט געווען דיין אָנזאָגער און דיין אָנזאָגער בין איך.

(אביעזר און רמליהו קומען צו צו יאָירן)

ר מ ל י ה ו:

ווער ביסטו און וואָס טוסטו דאָ?

(זיי ווענדן נאָכדעם זייערע בליקן פרעגנדיק צו מהיטבאל)

מ ה י ט ב א ל:

איך ווייס ניט ווער ער איז, רמליהו,

נאָר איך ווער אויסגעטאָן פון זיך, ווען ער רעדט.

וואָלט כאָטש דער פאָטער דאָ געווען....

אָ ב י ע ז ר:

(צו יאָירן)

איך דערקאָן דיך...

י אָ י ר:

(ענטפערט ניט. פאַרוואַרפט זיין קלייד איבער זיך, נעמט אומדערוואַרט פאַר אַלעמען, אָפגייענדיק אויסרופן אויפן קול; כמעט זינגענדיק, כמעט וויי־נענדיק)

געטער האָבן ליב קרבנות.

שטאַרקן זיי דערפאַר די הענט

פון די מדינים, די עמונים און די פלישתים.

פעלקער ברענגען ניט נאָר חיות צו געטער,

קינדער אייגענע ברענגען זיי צו געטער,

קינדער גייען אליין פאַר זייער פאָלק און פאַר זייער גאָט,

שטאַרקן זיך פון דעם די געטער,

שטאַרקן זיך די פעלקער אויך פון דעם.

דורך זייערע געשטאַרקטע געטער ווערן זיי געשטאַרקט.

(וויינט)

איז וויי צו אונדז דערפאַר,

אָהה, אָהה,

(גייט אָפּ)

(אביעזר קוקט אים נאָך, דער עולם צעלאַכט זיך, טאַנצט זיך נאָכדעם פֿור־

נאַנדער אין אַן אַלגעמיינעם טאַנץ און טאַנצט אַזוי ביסלעכווייז אַרויס און פאַרשווינדט ביסלעכווייז זינגענדיק)

די אַפּגייענדיקע:

עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט,
אין הימל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט,
אין הימל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַן,
אונדזער גיבור.
ער איז פון אַלעמען שטאַרקער, גרעסער,
אונדזער גיבור.
ער האָט ליב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער,
זיין מהיטבאל.
ער האָט ליב זיין פאָלק ווי זיין טאָכטער,
זיין מהיטבאל.
זיין מהיטבאל.

(עס ווערט אַלץ פינסטערער)

מהיטבאל:

(אַ פאַרלוירענע צו זילפּהן)
נעם מיך צו פון דאַנען, זילפּה.

רמליהו: (צו זילפּהן)
פיר זי אָפּ צו איר געצעלט.

זילפּה:

(נעמט פונאַנדער אירע הענט, ווי בענטשנדיק, ווי לאַדנדיק)
— קום, ליכטיקער שטערן.
(זילפּה נעמט גיין, מהיטבאל נאָך איר)

זילפּה:

(מיט שטאָלץ, ווי ריידנדיק, ווי זינגענדיק צו זיך אַליין)
מזלדיק איז געווען מיין קלייד.
מהיטבאל איז געכאַפּט.
אברם איז געקומען פון הימל.
דער זעער האָט געזאָגט.
דער זעער האָט געזען.
(אָפּ. מהיטבאל מיט איר)

ניינטע סצענע

(נאַכט, עס הערט זיך פון צייט צו צייט דאָס הירזשען פון פערד, דאָס מרוקען פון טשערעדעס)

איינער פון די פרעמדע:

(וואָס קוקט זיך אַלץ אום, ווענדט זיך צו איינעם פון די קריגער)
ווי גוט און פרידלעך דאָ איז אַלץ.
און די לופט ביי אייך דאָ לייגט זיך
ווי מילך און ווי האָניק צו דעם גומען.

אַן אַנדערער:

(ווי מיט אַ זיפץ)
יאָ, אינאיינעם מיטן גרויסן כוח
האָט גאָט אויך געגעבן
גרויסן שכל צו אייער גרויסן גיבור.
געלייטזעליקט האָט יהוה אייער גיבור.

איינער פון די קריגער:

עס זאָגט אביעזר —
כדי צו באווייזן, אַז ביי אים גייט דאָס ניט אין יחוס,
האָט יהוה פון אַ זונהס טראַכט און פון גלעד
אויפגעשטעלט זיין גיבור.

ערשטער פרעמדער:

און דערפאַר גלויבט איר דאָ ניט אין יחוס אַלע.
איך פאַרשטיי. יאָ, איך פאַרשטיי.
עס וועט נאָך יהוה אייער גיבור דערהויבן.
אפשר ביז צו דעם פאַסטוך דעם זיבעטן פון ישראל דערהויבן.
(אַלע קוקן זיך איבער)

ערשטער פרעמדער:

(נאָך אַ ווייל פון טראַכטן):
יאָ, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי און איך זאָג:
אומווירדיק זענען די מענטשן וואָס האָבן פון צווישן זיך
אַזאַ גרויסן גיבור פאַרטריבן.
— אַן אַ משפט פאַרטריבן.

אליפז:

אַ משפט איז געווען, געווען.

זיינע ברידער די מיוחסים
האָבן נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער,
געבראַכט אונדזער גרויסער גיבור צו משפט.

אַן אַנדער פּאַסטוך:

פאַר די זקנים פון גלעד האָט ער זיי צום משפט געבראַכט,
און האָט צו זיי געזאָגט:
„אין נאָמען פון יהוה, גרויבערדיקע משפטער און באַשיידער!
אין נאָמען פון זיין פאָלק און פון זיין לאַנד,
אין נאָמען פון מיין פאָטער גלעד, דעם שופט דעם גערעכטן,
בעט איך אייך, משפט צווישן מיר און צווישן זיי, מיינע ברידער".

אַן אַנדער פּאַסטוך:

און נאָך האָט ער געזאָגט: —
„איך ווייס מען שרעקט אייך: —
די שווערד פון אבימלך הענגט איבער דעם הויז פון גלעד.
אָבער מיין הארץ און יהוה זענען עדות היינט פאַר אייך,
אַז מיינע געדאַנקען זענען ריין".

אַן אַנדער פּאַסטוך:

(מיט ביטערקייט)
און זיי האָבן געהערט מיט פאַרמאַכטע אויערן.
און זיי האָבן געמשפט זייער משפט.

איינער פון די קריגער:

(מיט פאַרדראָס אַרויפקוקנדיק צו דער ווייסער טויב)
און איצט האָט אויפגעשטעלט דער גיבור
איבער אונדזערע קעפּ
די טויב די ווייסע.
עס זאָלן פון אַן אבימלך אַ צווייטן
באַשיצט זיין זיינע ברידער.
זיינע ברידער די נאַרן וואָס גלויבן
אַז זייער אָפּשטאַם איז ניט פון מענטשן נאָר פון געטער.

איינער פון די פרעמדע:

און גוט איז אייך דאָ,
און ליב איז אייך דאָס לאַנד.

אַלע איינגענע:

יאָ.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י פ ר ע מ ד ע:

און איר רופט דאָס גוט־לאַנד?

אַ ל ע א י י ג ע נ ע:

יאָ.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י פ ר ע מ ד ע:

(מיט קנאה)

און ווי דער נאָמען פון דעם לאַנד
אזוי איז דאָס לאַנד.

א ב י ע ז ר:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט די פרעמדע, און אונטערגעהערט זייערע לעצטע רייד, קומט צו צו זיי און זאָגט)

שלעכט מוז זיין אין דעם לאַנד פון גלעד...

ע ר ש ט ע ר פ ר ע מ ד ע ר:

(צעטומלט)

מיר קומען ניט פון גלעד...
פון לעבן גלעד...

אַ ב י ע ז ר:

(פאַרשנדיק)

די עמונים?...

צ ו ו י י ט ע ר פ ר ע מ ד ע ר:

(האַלט ניט אויס. זיפצט אַרויס)

די עמונים, די עמונים. פריער מיט זייערע שווערע געטער,
און נאָכדעם מיט דעם גרויסן שאַרף פון זייער שווערד;
און זיי זאָגן, אַז זייערס איז דאָס לאַנד, זייערס.
נאָך פון די טעג, איידער דער אמורי האָט זיי פאַרטריבן, איז דאָס לאַנד, זאָגן זיי, זייערס.

ד ר י ט ע ר פ ר ע מ ד ע ר:

און קיין שיצנדיקע האַנט איז ניטאָ.

ע ר ש ט ע ר פ ר ע מ ד ע ר:

ציען זיך דערפאַר אַלע גלויביקע אין יהוה צו אייך,
צו אייער גרויסן גיבור,
צו אייער לאַנד, וואָס איז זיכער,
צו אייער לאַנד, וואָס איז פעט,

צו אייער לאַנד, וואָס איז רייך.
געבענטשט האָט יהוה דאָס לאַנד!

אַ ב י ע ז ר :

(זעצט זיך־צו לעבן זיי)
און געבענטשט זאָלן זיין די,
וואָס קומען רוען אין אונדזער שאָטן.
(עס דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ טיפּנאַכטיקער גערודער; אַלע ווערן שטיל, הערן זיך אַיין).

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ק ר י ג ע ר :

(אויפשפּרינגענדיק)
זעט נאָר דאָרט אויפן באַרג. אַהין אויף יענעם באַרג!

אַ ז אַ נ ד ע ר ע ר :

(אויפשרייענדיק לעבן ערשטן)
דאָס יאָגט זיך דאָרט אַזוי חוצפּהדיק אַן עמוני נאָך אַ הירש.

אַ ז אַ נ ד ע ר ע ר :

ער יאָגט זיך דאָרט נאָך אַ הירש צו נאָך אַן אינה,
גלייך דאָרט אַרויף לעבן די שטערן.

אַ ז אַ נ ד ע ר ע ר :

זעט, ער דעריאָגט דאָרט די חיה,
כאַפּט זי אויף זיין שפּיז.
(נאָך עטלעכע שפּרינגען אויף :)
ס'אַרא חוצפּה!
(אַן אַנדער אויפגעשפּרונגענער :)
צום געווער, ברידער! צום געווער, און צו די פערד!

אַ ז אַ נ ד ע ר ע ר :

צום געווער! און צו די פערד!
(זיי כאַפּן זיך פאַרן געווער, גיבן זיך אַ לאָז צו די פערד וואָס פּיטערן זיך ניט ווייט פון זיי, בלייבן אָבער מיטאַמאָל שטיין. אביעזר וואָס האָט זיך גאָר ניט אויפגעהויבן, ווייזט מיטן פּריסטער־שטעקן אַרויף... אייניקע שמייכלען זיך איבער בייז, אַנדערע קוקן זיך איבער מיט אַנגעצונדענע אויגן. עס פילט זיך דער ווילדער חשק אַרויפצושפּרינגען אַף די פערד, נאָר ניט ווילנדיק הויבן זיי זייערע קעפּ אַרויף אין דער נאַכט צו דעם אָרט וואוהין אביעזר ווייזט מיטן שטעקן — צום שפּיץ באַרג, צום הויכן טורעם, צו דער ווייסער טויב)

עטלעכע:
(ווי געפּלעפּטע)
די ווייסע טויב!
די ווייסע טויב!

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

פאַרן געצעלט פון יפתח

ערשטע סצענע

(פֿאַרנאַכט פֿאַרן געצעלט פֿון יפתחן. מהיטבאל וואַרט. אַליפֿז קומט אַרויף.)

א ל י פ ז :

זיי געגריסט, שטערן ליכטיקער פֿון ארץ־טוב,
פֿון גלעד און פֿון הימל.
ברכיה זאָגט דו שיקסט מיך רופֿן.

מ ה י ט ב א ל :

אַליפֿז, אַליפֿז!
פֿאַרוואָס זענען ביי דיר נעכטן אזוי ווילד געוואָרן די אָקסן?
די געטלעכע אָקסן?

א ל י פ ז :

(צעטומלט פֿון דער פֿלוצלינגער שאַרפֿער פֿראַגע. כאַפּט זיך)
פֿון דער היץ ווערן אָפּט אזוי ווילד די אָקסן.

מ ה י ט ב א ל :

אַליפֿז, אַליפֿז!
פֿון וואָס זענען נעכטן ביי דיר אזוי ווילד געוואָרן דיינע אָקסן,
די געטלעכע אָקסן פֿון וועלכע עס נעמט דער פּאָטער נאָר
פֿאַר דעם קרבן פסח אַן אָקס?

א ל י פ ז :

פֿון בייזע פֿליגן ווערן אזוי אָפּט ווילד די אָקסן.
ביז משוגעת זעצן זיך אָפּט אָן די ווילדע פֿליגן אויף די אָקסן
אין די היצן!

מ ה י ט ב א ל :

אַליפֿז, אַליפֿז!
פֿאַרוואָס זענען ביי דיר נעכטן אזוי ווילד געלאָפֿן די אָקסן?
אויף די בערג און אַריבער זענען ביי דיר נעכטן אזוי ווילד געלאָפֿן —
די אָקסן, די הייליקע אָקסן.

אליפז:

(בלייבט שטיין)

דו ביסט ווי דיין פאָטער!

זאָג, וואָס ווילסטו?

מהיטבאל:

פאַרוואָס האָסטו נעכטן געצויגן דיין שווערד אויף די אָקסן,

אויף די געטלעכע אָקסן!?

אליפז:

ניט אויף אַלע אָקסן,

אויף איין אָקס נאָר האָב איך מיין שווערד געצויגן,

אויף איינעם!

מהיטבאל:

אויף וועלכן פון די הייליקע אָקסן האָט אליפז

געהויבן זיין שווערד,

אויף וועלכן?

אליפז:

אויף דעם בעסטן.

מהיטבאל:

אַלע אָקסן פון מיין פאָטער זענען גוט,

ס'שמעקן איבערן גאַנצן לאַנד

די גרויסע, פעטע אָקסן פון יפתח,

די הייליקע אָקסן פון ארץ־טוב.

אליפז:

אַלע אָקסן פון דיין פאָטער זענען גוט,

נאָר מיינע ציין זענען ווילד —

זיי האָבן ליב דאָס הייסע פלייש פון דעם ווילד־צערייצטן אָקס,

דעם ווילדסט־צעטריבענעם, דעם ווילדסט־לויפנדיקן אָקס.

אַ גרויס פייער צינדט זיך דעמאָלט אָן אין די געדערים פונם אָקס,

זידט אים אויף דאָס בלוט,

מאַכט בלוטיק רויט די ווייסלען פון זיינע אויגן,

זעצט אַרויס אַ רויך פון זיין מויל און פון זיינע נאָזלעכער,

מיין פערד קאָן קוים אָנהאַלטן דעם גײעג פון אַזאַ צעווילדעטן אָקס,

מיין שווערד קאָן קוים גרייכן זיין אונטערשטן טייל.

איך וואַרף געניט מיין מעסער,

מיין מעסער ווי אַ בליץ אַ קורצער פליט, טרעפט,
שניידט פלינק אָפּ אַ שטיק פון זיין הינטערחלק.
דאָס גוטע אָפּגעהאַקטע שטיק פון אַזאַ צעיאָגטן אָקס איז היים,
איז זיס.
(מאַכט מיטביידע הענט אַ ווילדע באַוועגונג, ווי ער וואָלט אַזאַ שטיק פלייש געהאַלטן, און צום ווילד־צעעפנטן מויל געטראָגן)
איז זיסער פון צעבליטן האָניק צו די ציין, צום גומען און צום האַלדז.
דערציייל דאָס ניט דעם פאָטער, מהיטבאל,
דערציייל דאָס ניט דעם פאָטער.
זאָל מיין שונא, דער גאָט הדד זיך ניט קאָנען רימען — זיין
האַנט האָט דאָס געטאָן,
דאָס האָט ער געוויס אומיסטן פאַר מיר אַזוי זיין נעץ פאַרשפּרייט.
ער זוכט אָן מיר נקמה פאַר זיין עכן;
ער שיקט אָפּט אַריין זיין אָקס צווישן מיינע אָקסן, כדי מיך צו רייצן
און פירן אויף וועגן, וואו מען קען מיך זען.
מהיטבאל:
און וואָס וועט זיין, ווען עס וועט זיך פון דעם דערוויסן דער פאָטער,
אליפז?
אַז דער פאָטער וועט זיך דערוויסן, אַז דו שניידסט שטיקער פון אַ
לעבעדיקער חיה
און אַז דו טוסט דאָס צו זיינע היילִיקע אָקסן
פון וועלכע ער נעמט בלויז פאַר דעם קרבן פּסח אַן אָקס?
אליפז:
דעם קאָפּ וועט ער אָפּהאַקן מיר היימן, מהיטבאל,
ער וועט מיר הייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ.
ניט זאָג אים דאָס, איך בעט דיך, ניט זאָג.
מהיטבאל:
ווען דו טוסט עס און ער ווייסט פון דעם ניט,
איז ער שוין אומגליקלעך גענוג;
און ווען ער וועט דאָס וויסן,
וועט זיין אומגליק ווערן אויף אַזויפיל גרעסער נאָך.
מיין פאָטער, מיין פאָטער?!
(עס דערהערט זיך עמיצער קומט)
אַנטרין, אליפז, עמיצער קומט...

(אליפז קוקט זיך אַ פּאָר רגעס אום אין ווילדן שרעק. אַנטרינט. מהיטבאל קוקט אים נאָך)

צווייטע סצענע

ר מ ל י ה ו :

(קומט אַרויף)

פרידן צו דיר, ליכטיקער שטערן!

מ ה י ט ב א ל :

(מיט אַ שמייכל)

פרידן צו דיר, רמליהו, דאָס ביזטו?

ר מ ל י ה ו :

איך. אויב אָט די פיס זענען מיינע.

מ ה י ט ב א ל :

(קוקט אָן רמליהון)

דער פאָטער איז נאָך ניטאָ;
דער פאָטער איז אומרואיק;
דעם פאָטער טוט וויי די נשמה. —
עס ווערן אַלץ האַרטער די האָר פון זיין באָרד.

ר מ ל י ה ו :

אונדזער גיבור, דיין פאָטער וואָלט וועלן אויסרייסן די בערג
און זיי צעשיטן איבער די קעפּ פון די זינדיקע זיצער פון גלעד.
אויף זיינע ברידער, די זין פון זיין פאָטער, וואָס האָבן פארשטאָפּט זייער שכל
מיט אַ פלאָנטער פון געטער, מיט ווילדע געדאַנקען —
אַז אַ גאָט, דער זון פון גאָט איז זייער זיידע געווען.
גרוים איז זיין ווייטיק און זיין כעס אויף זיינע ברידער די נאַרן,
וואָס האָבן אים פאַרטריבן פון זיין פאָטערס הויז, וואָס ער האָט ליב;
האָט ער אָבער אויפגעשטעלט אַ ווייסע טויב אויף זיין טורעם,
איז אים צוויי מאָל ביטער.

מ ה י ט ב א ל :

ווען דו האָסט מיך געבראַכט צו מיין פאָטער
נאָכדעם ווי מען האָט אים פאַרטריבן פון זיין היים,
בין איך טאָקע געווען זייער קליין?

ר מ ל י ה ו :

די גרויס, ווי די שייד פון מיין קורצער שווערד.

איך האָב דיך מיט דער שווערד טאַקע געמאָסטן.

(הויבט אויף די שווערד אין זיינע הענט, ווייזט)

אָט אזוי־אָ.

און ליכטיק ווי דער שטערן פון פרימאָרגן.

(גיט אַ וואָרף מיטביידע הענט צום הימל ווי וועלנדיק אויף אַן אומבאַהאָלפענעם אופן אַנצייכענען אַ סך ליכטיקייט. עס דערהערט זיך דאָס שפילן אויפן פייפל)

מ ה י ט ב א ל :

ברכיה שפּילט.

ר מ ל י ה ו :

איך וועל אים הייסן אויפהערן.

(מאַכט אַ באַוועגונג)

מ ה י ט ב א ל :

לאָז אים שפּילן גוטער רמליהו.

ר מ ל י ה ו :

דאָ איז ניט זיין אָרט.

מ ה י ט ב א ל :

(אים אָפּהאַלטנדיק ביים קלייד)

האָסט געדאַרפט זען, ווי שיין דער הירש

הערט זיך צו צו זיין שפּילן!

מיט אזוינע אָנגעשטעלטע אויערן!

מיט אזוינע ליכטיקע אויגן!

אָט אזוי —

(מהיטבאל גיט זיך אַ שטעל אין אַ פאַרווילדעוועטער פּאָזע אָנשטעלנדיק צום קאָפּ די פינגער פון אירע הענט ווי צוויי אויערן, אָנשטעלנדיק די הענט ווי צוויי הערנער, אָנשטעלנדיק דאָס פּנים און די אויגן ווי זי וואָלט נאָכגעטאָן דעם הירש, וואָס הערט זיך צו צו ברכיהס שפּילן. רמליהו קוקט זי אָן, זי ענדערט זיך גלייך און זאָגט)

מ ה י ט ב א ל :

רמליהו, זאָל ער מיר אויך באַשלאָגן מיט זילבער

איין קלאָ פון דעם הירש,

ווי ער האָט באַשלאָגן מיט זילבער איין האָרן.

ר מ ל י ה ו :

גוט איך וועל אים זאָגן.

מ ה י ט ב א ל :

(אים אָגרירנדיק ביים קלייד)

קום זאָג אים דאָס שוין.

(עס דערהערט זיך דאָס אָנקומען פון אַ רייטער)

מ ה י ט ב א ל :

(מיט פרייד)

דער פאָטער קומט! דו גיי אַליין רמליהו, זאָג אים.

ר מ ל י ה ו :

יאָ, דו בלייב בעסער דאָ,
רייד צום פאָטער,
רייד צו אים אַ סך.
נאָך דיין סך ריידן
ווערט ווייכער זיין געמיט.
(גייט אָפּ)

דריטע סצענע

מ ה י ט ב א ל :

(אַליין אין פלוצלינגן אויסברוך)

יהוה, פון אַליפזס זינד ווייסט נאָך ניט מיין פאָטער,
מאַך, ער זאָל ניט וויסן!
זאָל זיך ניט מערן נאָך אַ פּיין פאַר זיין געמיט.
און זאָל דער גאָט הדד ניט זאָגן: זיין האַנט האָט דאָס געטאָן.
דעם פאָטערס לעבן איז דאָך געראַטעוועט געוואָרן דורך דעם
מעסער פון דעם אליפז.

יהוה, איך האָב ליב מיין פאָטער.
זינט דער חוזה האָט מיך באַרירט
בין איך דיינע, —
נעם מיך צו זיך!
איך וויל גיין צו דיר פון וועגן מיין פאָטער!
מאַך אַז מיין פאָטער זאָל מיך שיקן צו דיר.
מאַך אַז מיין פאָטער זאָל מיך שיקן צו דיר.
יהוה, יהוה!

פערטע סצענע

(יפתח קומט אָן אויף זיין פאַרשוויצטן פערד. אַ פּאָר יונגען קומען אָן. מהיטבאל און רמליהו קומען אים אַנטקעגן. זי נעמט מיט איר האַנט אָן דעם פערדס צוים. ביז דער גיבור נידערט אַראָפּ פון פערד גלעט זי דעם פערדס קאָפּ, זיין האַלדז און זיין מויל. אַ יונג נעמט אַוועק דאָס פערד. אַן אַנדער יונג נעמט אַראָפּ דאָס פאַרשטויבטע אויבער־קלייד פון דעם גיבור. ס'ווערט אַרויסגעבראַכט וואסער. די טאָכטער העלפט דעם פאָטער זיך אַרומוואַשן. ער זעצט זיך נאָכדעם אַוועק, לייגט צונויף זיינע פיס אונטער זיך. עפּעס עסט אים פון אינ־נעווייניק. זיצט ער שטיל און שווייגט. מהיטבאל רעדט זיך קלינגענדיק פאַר־נאַנדער)

מ ה י ט ב א ל :

פאָטער, פאָטער, ווייסט, אַ חוזה איז דאָ היינט געווען!
און געזוכט האָט ער אַ קרבן.
מיין הירש האָט ער געוואָלט פאַר אַ קרבן.
אַזאַ אַנדערשדיקער איז ער געווען.
אַ פרויענקלייד אָן אַלטס, אויף זיינע לענדן
האָט ער פאַר אַ סגולה מיטגעבראַכט.
די עמונים זענען שטאַרק, זאָגט ער.
ווייל קינדער לעבעדיקע זענען זיי מקריב צו די געטער...
און ביי דעם היינטיקן כלה־חתן טאַנץ איז ער געווען,
און איז דאָס געווען אַ טאַנץ אַ שיינער, פאָטער, פאָטער!
מיט שווערדן האָבן זיך אַ פּאָר מאָל די בחורים
אין מיטן טאַנץ דעם וועג געצאַמט,
און אַ דריטער, צו אַ פערטער האָט
פון אונטער זייערע הענט, און פון אונטער זייערע שווערדן
די כלה אויסגעכאַפּט.
און מיך האָט אויך עמיצער געכאַפּט,
דער חוזה האָט געזאָגט...

י פ ת ח :

געכאַפּט! ווער!?...

מ ה י ט ב א ל :

(מיט אַ ציטערדיקן לאַכן)
אַ ליכט אַזאַ געקומען איז ביז צו מיר

און האָט מיך געכאַפּט.
די ערד איז אַוועקגעשוואומען פון אונטער מיינע פיס
ווען דאָס ליכט האָט מיך געכאַפּט.
(זי בלייבט שטיין אויף אַ ווײַלע, קוקט אויפן פּאָטער. ער שווייגט. זיין האַרץ איז ביטער. קוקט, פילט מיט דער האַנט זיין באָרד. די האָר פון זיין באָרד זענען האַרט. נעמט זי נאָך איבערגעגעבענער קוקן אין זיינע אויגן און געטרייער, קלינגענדיקער ריידן)
פּאָטער, די חברטעס דערציילן מיר אַזוינע שיינע מעשות,
די מעשות זענען ווי האָניק צו מיין גומען,
זיי הערן זיי פון די קריגער און פון די פּאַסטוכער,
מעשות, ווי די וועלט האָט אויסגעזען איידער יהוה האָט זי באַשאַפן
און נאָכדעם, ווי ער האָט זי באַשאַפן,
ווי אין וואַסער האָבן זיך די געטער — רהב און תנין באַהאַלטן,
און פון דער גרויסער מלחמה וואָס יהוה האָט מיט זיי געהאַט
און ווי אַזוי ער האָט זיי פאַרטיליקט;
און וועגן די פרעמדע געטער צו וועלכע די מענטשן פון גלעד האָבן זיך גענומען דינען,
און וועגן דער שטראָף וואָס וואַרט אויף זיי דערפאַר.
די עמונים מעגן דינען צו זייערע ווילדע געטער.
און ווען זיי זענען מקריב זייערע קינדער צו זיי,
איז דאָך דאָס ווייל זיי האָבן שטאַרק ליב זייערע געטער,
און זייערע געטער העלפן זיי דערפאַר,
געטער האָבן ליב מען זאָל זיי ליב האָבן מיטן לייב און מיטן לעבן,
אָבער די קינדער פון די יידן דאַרפן דינען נאָר צו זייער גאָט יהוה,
ער איז זייער שטאַרקער פעלז, זייער אָנליין, זייער אָדלער און באַשיצער.

יפתח:

(לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר קאָפּ)
ווי ווייניק דו ווייסט נאָך וואָס דו רעדסט קינד.
נאָר דאָס האַרץ דיינס איז מיט יהוה.
הויב אויף דעם גוטן פינגער פון דער רעכטער האַנט.
(זי הויבט אויף דעם ווייז־פינגער)
און זאָג:
(זי זאָגט נאָך)
נאָר א י י ן גרויסער גאָט איז פאַראַנען אויף דער וועלט.

י פ ת ח :

(זיפצט אָפּ)

ב י י ד ע :

און נאָר איין פאָלק וואָס ווייסט ביז איצט פון אים.

(מהיטבאל לאָזט נאָכדעם ווידער קלוג אַראָפּ איר האַנט אויף זיין באָרד. רירט זי אָן מיט די פינגער. דערשרעקט זיך פאַר דער האַרטקייט פון די האָר. טראַכט אַ רגע און נעמט זיך גלייך ווידער ריידן, באַמיענדיק אַריינצוגעבן מער פרייד, טרייסט און שפּילעוודיקייט)

מ ה י ט ב א ל :

און דו ווייסט פאָטער, פאָטער גוטער,
ברכיה, רמליהוס זון קומט אָפּט צו אונדזער געצעלט,
און ער שפּילט פאַר מיר אויפן פייפל,
ער שפּילט דאָס ליד פון אהוד,
וואָס האָט מיט זיין געליימטער רעכטער האַנט
אָפּגענאַרט דעם עגלון, דעם קעניג פון די מואבים,
און מיט דער לינקער האַנט אַריינגעשטאָכן
זיין צוגעגרייטע צוייזייטיק שאַרפע שווערד
אין דעם טיפן גרויסן בויך פון דעם ווילדן, פעטן קעניג,
און באַפרייט דורך דעם דאָס אונטערדריקטע פאָלק.
און דאָס ליד פון עתניאל דער זון פון קנז,
און דאָס ליד פון שמגר דער זון פון ענת,
און דאָס ליד פון ברק דער זון פון אבינעם,
און פון דבורהן, וואָס איז אויפגעשטאַנען ווי אַ מוטער
און באַפרייט דאָס פאָלק פון דעם שרעקלעכן סיסרא,
און פון זיינע ניין הונדערט אייזערנע רייטוועגן.
און פון יעלן דער גוטער וואָס האָט מיט איר טיר־פּלאָקן
דורכגעשלאָגן די שלייפן פון סיסראָס גרויסן קאָפּ.
ביז טיף אין דער ערד האָט זי דורך זיינע שלייפן איר פלאָקן
געשלאָגן.

און וועגן דעם געזאַנג פון משה
וואָס עס דאַרף פאַרנעמען די ערד
און אָנשטעלן אויערן דאַרפן די הימלען אַלע.
און נאָך און נאָך אַזוינע גוטע לידער קאָן ער זינגען.
און ער ברענגט מיר אויך ים־שיסעלעך,

און לבנה־שטיינער,
און ער האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען נאָך,
נאָך לבנה־שטיינער, פאָטער.
(און ווען זי דערציילט וועגן ברכיהן, צעפלאַמען זיך אירע באַקן און אירע אויגן זענען ווי דעם גיבורס, גרויסע, שוואַרצע, ציטערן זיי אויף און קוקן צע־שראָקן)
און דאָס וואָס דו האָסט געלאָזט אַז ברכיה זאָל מיר שענקען דעם הירש,
איז וואויל פון דיר, פאָטער.
און אַלע וואָס זעען דעם הירש, פאָטער, רימען און לויבן ברכיהן.
און צי האָסטו געזען, פאָטער, ווי שיין דער הירש איז
ווען ער בלייבט מיטאמאָל שטיין אַזוי און קוקט?...
און ער קוקט ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט,
און ער שטייט אַזוי אַן אויסגעצויגענער,
און דער קאָפּ איז ביי אים אַ קליינער, אַ קלוגער,
און צווייגהאפטיק זענען זיינע הערנער,
ווי יונגע בוימעלעך צעצווייגטע.
און זיין געלע וואָל איז גלאַט און גלאַנצט מיט אַ שיין אַ רויטן
און די פיס נעבן די געלע קלאָען די צעשפּאָלטענע זענען גלאַט און שוואַרץ.
און ווען דער הירש, אָ, פאָטער, פאָטער ליבער!
ווען דער הירש קוקט אויף מיר, דוכט זיך מיר אויס, —
ער קאָן ריידן און וויל מיר עפּעס זאָגן.
און דו ווייסט, פאָטער! דער הירש האָט זיך שוין אינגאַנצן צוגע־וואוינט צו מיר.
און איך טו אים שוין אַליין אָן די צוים און זעץ זיך שוין אויף אים.
און דאָס וואָס ברכיה האָט איין האָרן באַדעקט מיט זילבער איז שיין אַזוי.
אוןביידע הערנער זענען ביי אים אַלץ איינס ברייט צעצווייגט
און עס זעט אויס, איין האָרן איז ביי אים אויסגעוואַקסן אַ צע־צווייגטער, אַ זילבערנער,
און דער צווייטער, אַ צעצווייגטער אַזוי!...
און פאָטער ווי שיין עס איז, פאָטער, פאָטער!
דער הירש קלאַפּט אָפּט אָן אין מיין פענצטער, ער רופט מיך.

און ווען ער קלאַפּט צו מיר אָן מיטן זילבערנעם האָרן,
וויים איך אַז אַ גוטע בשורה האַלט אין קומען,
אַז מונטער וועט היינט זיין מיין פאָטער...
און אָפּגעמאַכט האָב איך ביי מיר, פאָטער,
צו מאַכן אַ שיינע פאַרשפּרייטונג אויפן רוקן פון דעם הירש...
און די ברעגן פון דער פאַרשפּרייטונג וועלן זיין באַדעקט
מיט ים־שיסעלעך און לבנה־שטיינער.
און עס וועט זיין ערב אַ מלחמה, וועל איך... עס וועט זיין אַזוי שיין!
איך וועל רייטן אויף מיין הירש צווישן די קריגער,
און איך וועל שרייען און איך וועל רופן:
פאַרן גאָט און פאַר זיין לאַנד, פאַרן גאָט און...

(מהיטבאל ווערט שטיל. רירט אָן מיט איר האַנט די באָרד פון איר פאָטער. נורעט נאָכדעם איין איר קאָפּ אין זיינע קניען און דער פאָטער לייגט נאָכדעם זיין האַנט אויף אירע געדיכטע האָר. אַ לאַנגע שטילשווייגנדיקע ווילע. זי שלאָפט איין. יפתח הויבט נאָכדעם אויף זיין איינגעשלאָפענע טאָכטער אויף זיינע הענט. טוליעט זי צו זיין פאַרביטערט האַרץ און טראָגט זי נאָכדעם אַוועק אין זיין געצעלט)

פינפטע סצענע

(רמליהו און אביעזר קומען אָן פאַרן געצעלט)

ר מ ל י ה ו :

(צו אביעזרן)
דו ביסט דאָך געווען זיין וועגווייזער אין די וועגן פון יהוה,
פון קינדהייט אָן האָסטו אים אין די וועגן געלערנט.

אַ ב י ע ז ר :

און דו האָסט אים געלערנט צו רייטן אויפן פערד, שיסן פון בויגן,
אויך דו ביסט זיינער אַ רבי.
ער איז דאָך אָבער אונדז ביידן אַזוי שטאַרק אריבערגעוואַקסן.
ניט דו קענסט זיך מיט אים פאַרמעסטן אין געשלעג אויפן מלחמה־
פעלד,
ניט איך אין זיינע השגות, און אין זיינע וועגן פון יהוה.

ר מ ל י ה ו:

מהיטבאל איז די איינציקע וואָס קאָן זיך אונטערשטעלן צו ריידן צו אים.

זי איז זיין הארץ.
און אַז זי רעדט, שווייגט ער.
ער הערט און שווייגט.
אויף שעהן קאָן ער אַזוי זיצן
הערן ווי זי רעדט און שווייגן.

אַ ב י ע ז ר:

יאָ, ער איז אויך דער גיבור אין שווייגן.
שטאַרק און שאַרף ווי אַ פעלז איז זיין שטילקייט, ווען ער שווייגט.
און רעדט ער, דוכט זיך די פשוטסטע ווערטער,
איז עס דאָס דונערן פון הימל געמישט מיטן זיפץ פון דער ערד.
ניט נאָר אין מלחמה דערקענט מען די גבורה פון אַ גיבור:
גרויס און שטאַרק אָן אַ שיעור קאָן אויך זיין דער גיבור
וואָס הויבט אויף אַ ווייסע טויב אין דער הויך אויף דעם שפּיץ פון זיין טורעם
און זאָגט צו זיינע קריגער און צו זיך: —
„פרידן!”
און פרידן זאָל זיין!
ביי אַ גיבור פרידן, הייסט, שווייגן שטאַרק און שווייגן שאַרף.
מעג דאָס הארץ ריידן; מעג דאָס רופן און רייצן.

ר מ ל י ה ו:

ער ווערט אָבער פאָרט אַ ביסל ווייכער און ניט אַזוי קאַרג אויף רייד נאָכדעם ווי מהיטבאל רעדט צו אים.

אַ ב י ע ז ר:

יאָ, יאָ. דאָס איז אמת.

ר מ ל י ה ו:

די מהיטבאל זאָגט אַז די האָר פון זיין באָרד
ווערן ביי אים שטייפער פון מאָל צו מאָל.

אַ ב י ע ז ר:

ווייל ביטער איז אים און וויסט.

ר מ ל י ה ו:

ווי בייזע שלאַנגען האָבן די פּאַסן פון זיין באָרד
זיך איינגעביסן אין זיין ברוין פּנים.

אַ ב י ע ז ר:

די עקשנות די גרויסע עסט זיך אין אים אין בייז און ווילד,
אַלץ מוז דאָ ביי אים זיין אַנדערש.
איך, דער פּשוטער בן־ישראל, מוז זיין דער כהן דאָ אין ארץ טוב.
און אַז איך בעט זיך:
„גיבור, איך בין דאָס ניט ווערט.
דיין פאָטער האָט מיך אָנגעשטעלט פאַר וועגווייזער פאַר דיר, ניט
ווייל איך בין דאָס ווערט
נאָר ווייל ער האָט ניט געוואָלט אויפרייסן די אויגן פון די איבע־
ריקע ברידער דיינע".
האָט ער מיט עקשנות מיר דערויף געענטפערט: —
„ניט דער יחוס מאַכט איינעם פאַר אַ כהן און איינעם פאַר אַ הדוט.
אַ פאָלק פון כהנים איז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.
און אַ כהן איז דער וואָס טוט מיט אַ ריינעם געמיט די טואונג
פון אַ כהן.
און דיין געמיט איז ריין".

ר מ ל י ה ו:

און גערעכט זענען זיינע רייד און גערעכט איז זיין עקשנות.
דערפאַר איז טאָקע אונדזער לאַנד גוט
און אַנדערש דער סדר פון אונדזער לעבן.
ווייל ניטאָ ביי אונדז די שלאַנג פון יחוס. —
די גוטע טואונג איז דער יחוס.

אַ ב י ע ז ר:

איך טראַכט פאָרט: —
ווען ער וואָלט זיך אפשר ניט געעקשנט אַזוי שטאַרק,
ווען ער וואָלט געוואָלט נעמען צו זיך אַ ווייב,
אַ ווייב צו טיילן זיין געלעגער,
וואָלט זיין אומעט אפשר ניט געווען אַזוי גרויס. —
(פּויזע)
און איך טראַכט: —
אפשר וואָלטן מיר פאָרט אָפּגעלאָזט אַ גאַנצן קרבן,

א קרבן עולה צו יהוה.
פאַר דעם געמיט פון אונדזער גיבור;
יהוה מעג דאָך זיין אַ מיוחס.
איך וועל צו אים ווידער ריידן היינט —
זאָל ער אָפּלאָזן אַ גאַנצן קרבן,
זאָל ער לאָזן אַ גאַנצן קרבן געבן צו יהוהן.

זעקסטע סצענע

יפתח קומט אַרויס אויף די לעצטע רייד. אַ ביסל שפּעטער, ווען די דריי זענען פאַרנומען מיט זייער שמועס, גנבעט זיך אַרויס מהיטבאל פון געצעלט, קריכנדיק אויף אַלע פיר פאַר אַ ווילע, זיך מיט מורא אומקוקנדיק. פון מאָל צו מאָל לייגט זי צו אַ האַרכנדיקן אויער צו דער ערד. קוקט פאַרויס ווילד־פאַרשנדיק, אונטערשפּרינגענדיק, ווי אַ שלאַנג און ווי אַ חיה, ביז זי הויבט זיך אויף, שפּרינגט אויף און אַנטלויפט ניט באַמערקט פון די מענער)

י פ ת ח :

פרידן צו אייך!

(זיי דערשרעקן זיך. בוקן זיך)

ב י י ד ע :

פרידן צו אונדזער האַר און אונדזער הערשער!

י פ ת ח :

(צו אַביעזרן)

וואָס האָסטו גערעדט דאָ וועגן אַן עולה ווידער?
איך האָב דאָך דיר געזאָגט שוין וויפיל מאָל, אביעזר,
דער גאָט פון ישראל וויל ניט קיין קרבן פאַר זיך אַליין;
יהוה וויל זיך באַטייליקן אין דער שפּייז פון זיין פאָלק
אינאיינעם מיט זיין פאָלק.
אַ טייל נאָר פון דעם קרבן שיק אַוועק מיט רויך צו יהוהן
און דאָס איבעריקע זאָל דאָס פאָלק עסן —
אינאיינעם מיט זיין פאָלק וויל יהוה עסן.

אַ ב י ע ז ר :

גיבור גרויסער, הער און פאַרנעם —
אָט, ווי עס שלאָגן זיך אויף וואָלקנס שטויב
פון אונטער די האַסטיק קלאַפּנדיקע קלאָען

פון דעם לויפנדיקן מלחמה־פערד וואָס אונטער דיר,
אַזוי שלאָגן זיך אויף ביי דעם פאָלק די פארלאַנגען
אוועקצולאָזן מיטן רויך לעבעדיקע קרבנות צו יהוה,
פאַר דיר, פאַר דיין געמיט.
זאָל אינאיינעם מיטן רויך און מיטן געשריי פון די קרבנות
אויפגיין דאָס געשריי פון דיין וויי פאַר די זינד
פון דעם שאַלקהאַפטיקן פאָלק פון גלעד
וואָס האָט געפעלשט אין דיר און אין יהוה זיין גאָט.

י פ ת ח :

אביעזר, מיר לעבן אין פרידן.
איך וועל צו יהוהן ניט אוועקלאָזן קיין גאַנצן, קיין לעבעדיקן קרבן.
יהוה איז גוט צו אונדז.
ער באַטייליקט זיך מיט אונדז אין אונדזערע טוּאוּנגען
און אויך אין אונדזער שפּייז.
שיק אים, ווי ביז איצט, אוועק מיטן רויך
בלויז אַ טייל פון דעם געשאָכטענעם
און אַ טייל פון די פּרוכט פון די ביימער
און פון דעם ברויט פון דער ערד.

ר מ ל י ה ו :

מענטשן וואָס קומען די לעצטע טעג צו אונדזער גוט־לאַנד דערציילן,
אַז שלעכט איז איצט דעם זינדיקן פאָלק,
די אומווירדיקע זיצער פון גלעד.

אַ ב י ע ז ר :

יהוהס שטראָף אויף זייערע קעפּ,
יהוה שיקט אויף זיי אָן דעם עמוני,
וואָס שלאָגט און שרייט אַז זיינס איז דאָס לאַנד
נאָך פון פאַר די טעג פון אמורי.

י פ ת ח :

רו און פרידן הערשט אין אונדזער לאַנד,
און די צאָל פון אונדזערע קריגער ווערט אַלץ גרעסער....

ר מ ל י ה ו :

רו און פרידן הערשט אין אונדזער לאַנד
נאָר ניט רואיק איז דער גיבור אַליין,
דער גרויסער גיבור פון יהוה.

יפתח:

(קוקט זיך אום אויף אים נאָכדעם אויף אביעזרן. קערט אָפּ דעם קאָפּ פון זיי ווי ער וואָלט געוומען טראַכטנדיק ריידן פאַר זיך)

רמליהו און דו אביעזר!
איך טראַכט אַליין, ווי איין זאַך וויל זיך אויסטאָן פון דער צווייטער;
אַ מענטש איז ניט אַליין. אַ מענטש איז אַ מענטש אין אַ מענטש.
אַ מענטש דאָס איז אַ שווערד אין שייד.
אַ שווערד וואָס רייסט זיך און וויל פון שייד אַרויס,
אַ שייד וואָס שלינגט דעם שווערד, קלאַמערט זיך און לאָזט דעם
שווערד זיך ניט באַפרייען.
און אָפטמאָל ווען די פאַרנאַכטיקע זון נעמט צינדן
די שווערדן און שפּיזן פון אונדזער טורעם,
דערפיל איך דעמאָלט: אָנגעצונדן איז אין מיר דער כעס און די ליבע
צו אַט דעם זינדיקן פאָלק וואָס האָט מיך פון זיך פאַרטריבן,
אַ שווער בענקען נעמט מיך אַרום,
עס שטייפן זיך מיר אָן די אָדערן אין מיין לייב,
עס פאַרגלוסט זיך מיר צו ראַנגלען מיט עפּעס וואָס איז כוחדיק
און ווילד.
איך הייס מיר דעמאָלט דערלאַנגען מיין מלחמה־פערד,
און ווי נאָר עס ווערט צו מיר געבראַכט דאָס פערד
קאָן איך אָפּט ניט באַהערשן מיין האַנט,
זי גיט מיט אַזאַ ווילדן אימפּעט אַ כאַפּ דאָס פערד פאַרן צוים,
אַז דאָס פערד דערשרעקט זיך,
אַז דאָס פערד גיט צעשראָקן אַ שפּרינג־אויף, אויף די הינטערשטע
פיס
און נעמט זיך אויפגעשפּרונגען צערייצט און ווילד אַזוי רייסן.

רמליהו:

(מיט שטאָלץ און פרייד)

אָבער דעם גיבורס האַנט
האַלט די צערייצטע ווילדע חיה זיכער און שטאַרק.

יפתח:

(ניט באַמערקנדיק)

מיך נעמט דערביי אָן אַ פאַרלאַנג
אַרומצונעמען מיט מיינע ביידע הענט

אַט די גרויסע ווילדע חיה
זיך נעמען ראַנגלען מיט איר
און זיך אַראָפּוואַרפן אינאיינעם מיט איר
פון דעם באַרג אַראָפּ.

ר מ ל י ה ו :

(מיט דעם אייגענעם שטאָלץ און דער אייגענער פרייד)
און נאָך איידער דאָס פערד באַרואיקט זיך זיצט שוין דער גיבור
אויף זיין רוקן.

אַ ב י ע ז ר :

און טראָגט זיך מיט דעם איבער די בערג,
אויפשלאָגנדיק צעררייצטע וואָלקנס שטויב אונטער זיך.
ווי אַ שרף וואָס ברענט די ערד אונטער זיך.

י פ ת ח :

(ווי ניט הערנדיק)
דאָס פערד טראָגט זיך
ווי אונטער אים וואָלט די ערד געברענט אין פייער,
די לופט צעררייסט זיך שאַרף פאַר מיין פנים,
רייסט פון מיר מיין באָרד,
רייסט און הילכט מיר אין די אויערן,
ווי דאָס גערויש פון היימישע וואַסערן
וואָס נידערן פון די בערג פון גלעד.
עפּעס איז שטענדיק געווען אַזוינס אין דעם רוישן פון די וואַסערן
וואָס פאַלן אין די בערג פון גלעד
וואָס איז ליב געווען מיין בלוט.
איך שפּאַר דעמאָלט נאָך שטאַרקער אָן מיין פערד.
בויג זיך צו נעענטער צו זיין קאָפּ.
אויף דעם פערד גיט די פעל אַ ציטער,
מיין גאַנצע צעררייצטקייט גיסט זיך אַריבער אין דעם בלוט
פונם פערד.
דאָס פערד ציט זיך אויס נאָך לענגער,
עס נעמט זיך טראָגן אַזוי,
אַז די ערד שפּרינגט אונדז אַנטקעגן.

אַ ב י ע ז ר :

און ווען דו שטעלסט זיך אָפּ אויף איינעם פון די ווייטע בערג

ביסטו, גיבור פון יהוה, לעבן דער זון ווי אין אַ וואָלקן אַ רויטן —
און דאָס גאַנצע פאָלק הויבט זיינע אויגן און זיין האַרץ
און קוקט אַרויף צו דיר, דעם גיבור פון יהוה,
וואָס העפט זיך דאָרט אויף דעם ברעג פון הימל אָן
אין דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן.

י פ ת ח :

(ווי ניט הערנדיק)
פון דאָרט זע איך —
די שפּיצן פון גלעד;
די בערג, אויף וועלכע איך בין געוואַקסן,
אויף וועלכע, דו, רמליהו, האָסט מיך געלערנט רייטן און שיסן
פון בויגן.
און איך דערזע זיך דאָרט אַ קינד, אַ ייִנגל,
אַ יונג און דערוואַקסענער.
אַט לויף איך דאָרט אויף מיין רויטן פערד,
וואָס דער פאָטער האָט מיר געשענקט.
און איך שפּרינג מיט אים פון איין באַרג אויפן צווייטן;
און מיר דוכט זיך איין באַרג בויגט זיך צו צום צווייטן
און איך שפּרינג מיט מיין רויט פערד
פון איין שפּיץ באַרג אויפן צווייטן.
(שטיל, אַ ווײַלע נאָכטראַכטנדיק)
און נאָכדעם — די מלחמות.
ווי פאַר יעדער מלחמה פלעגט מיך דער פאָטער בענטשן:
„געדענק, מיין קינד, דו גייסט מלחמה האַלטן,
אין נאָמען פון דעם גערעכטן גאָט,
פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד”.
(נאָכטראַכטנדיק)
און נאָך די מלחמות פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד,
האָט מען באַוואָרפן מיט שטיינער,
מיט געשרייען: בן־זונה, בן־זונה!!...
אָ, ווי מיר וואָלט זיך וועלן אַרויסציען מיין שווערד
און זיך מיט אים אַרויפיאָגן אויף זייערע קעפּ...
אויף די קעפּ פון די שוואַכזיניקע יחוס־גלויבער און יחוס־האַלטער...
מיר וואָלט זיך וועלן אַרויסציען זיך אַליין פון זיך אַרויס.

נאָר די נאַכט נעמט זיך בלויען...
עס צינדן זיך אָן די שטערן,
די גרויסע ווייסע ליכטער פון יהוה.
און איך דריי זיך אוים מיטן פנים צו ארץ־טוב
און איך דערזע אין דער נאַכט,
אויף דעם העכסטן שפּיץ פון אונדזערע בערג,
דעם שפּיציקן טורעם,
און איבער דעם טורעם, מיין נדר, מיין ווייסע טויב,
די ווייסע טויב מיין נדר...

פאַרסמט האָט מען דאָס בלוט, ווי מיר, פון אבימלך,
נאָר מיר האָט יהוה צוגעשיקט דעם ריכטיקן רעיון —
מיין ווייסע טויב, מיין נדר.
הייליק, ווי אַלע מיינע נדרים וועל איך אָט־דעם נדר האַלטן.
כאָטש מיין שווערד —
(כאַפּט זיך פאַר זיין שווערד, קאָן זיך קוים איינהאַלטן פון דעם פאַרלאַנג אַרויס־צוציען זי פון שייד)
זי רייסט זיך פון דער שייד אַרוים...
נאָר מיין שייד, — מיין ווייסע טויב, מיין נדר —
האַלט פעסט איינגעשלונגען אָט־די שווערד,
און לאָזט זי ניט באַפרייען,
ווי עס האַלט יפתח איינגעשלונגען יפתחן אין זיך.
ווי עס קאָן פון יפתחן זיך יפתח ניט באַפרייען.

מ ה י ט ב א ל :

(וואָס האָט אין דער צייט פון דעם געשפּרעך צווישן די מענער געהאַט אַרויסגעכאַפּט זיך פון געצעלט. קריכנדיק אויף אַלע פיר. קומט פלוצלונג צולויפן צוריק)

פאָטער, פאָטער! דער הירש האָט געקלאַפּט אין מיין פענצטער!
איך עפן אויף די אויגן, און זע, —
ער קלאַפּט מיט זיין זילבערנעם האָרן!
איך לויף אַרוים און זע, ברכיה אויף זיין פערד!
און זע, אַ פאָטער! פאָטער!
די זקנים פון גלעד,
די זקנים פון גלעד זענען געקומען צו דיר!

זיבעטע סצענע

(עס קומען אַרויף ברכיה, פירנדיק זיין פערד ביים צוים און נאָך אים די זקנים פון גלעד, זייערע דינער און זייערע קעמלען. יפתח שטייט אויף, קוקט זיי אָן מיט אומדערוואַרטעט אויפגערייצטן שטוינען, די זקנים בוקן זיך. דער עלטסטער הויבט אויף זיין האַנט ווי ער וואָלט אין איר עפּעס אַנגעשעפּט אָדער ווי ער וואָלט געוואָרט עס זאָל אין איר עפּעס אַנטריפן פון הימל. די אַנדערע זקנים טוען דאָס נאָך ווען עס קומט זייער ריי)

ר מ ל י ה ו און א ב י ע ז ר:

(דערשטוינט)

די זקנים פון גלעד?!...

י פ ת ח:

(ווי אין זיך)

די זקנים פון גלעד!

ע ר ש ט ע ר ז ק ן:

פרידן צו דיר, גיבור!
עס לאָזן דיך גריסן די בערג פון גלעד,
דיין וויג, דיין היים!

אַ ן אַ נ ד ע ר ז ק ן:

די בערג און דאָס לאַנד וואָס טראָגן דעם נאָמען פון דיין פאָטער,
וואו עס האָט דיך געבוירן דיין מוטער.

אַ פּ אָ ר ז ק נ י ם:

און ווייסן זאָלסטו וויסן, גיבור, אַז דאָס לאַנד,
דאָס הויז פון דיין פאָטער וואָס האָט דיך אַזוי היים געליבט,
דאָס לאַנד וואו דו האָסט זיך אַלס קינד געשפּילט,
דאָס לאַנד אויף וועמעס בערג דו האָסט זיך געלערנט רייטן
און שיסן פון בויגן,
איז אַרומגערינגלט פון די בני עמון,
וואָס שרייען אַז זייערס איז דאָס לאַנד.

ע ר ש ט ע ר ז ק ן:

און די בני עמון זענען שטאַרק,
און זייערע מחנות זענען גרויס.
און זיי ווילן אונדז פאַרטרייבן פון דעם לאַנד.
און זיי שרייען אַז זייערס איז דאָס לאַנד.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און דו ביסט דער שטאַרקסטער צווישן אונדז
און דאַרפסט אונדז העלפן פון זייערע הענט.

י פ ת ח:
(קוקט זיי אָן. ענטפערט לאַנגזאַם. אויפגערייצטער כעס שטייט אין וועג פון זיין יעדן וואָרט)

איר!...
איר האָט דאָך מיך פיינט.
און האָט דאָך מיך פאַרטריבן
פון דעם הויז און פון מיין פאָטער.
איר האָט דאָך מיך פאַרוואָרפן מיט שטיינער
און מיט שלעכטע ווערטער.
איז פאַרוואָס זענט איר געקומען צו מיר ווען אייך איז ענג?
(די זקנים ענטפערן נאָך דער ריי)

ע ר ש ט ע ר ז ק ן:
גיבור, ווייסן זאָלסטו וויסן אַז מיר האָבן אויך געזינדיקט קעגן גאָט,
אַז מיר האָבן שווער געזינדיקט.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און איצט האָבן מיר זיך געלייטערט און גערייניקט.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און מיר האָבן אָפּגעטאָן פון זיך די פרעמדע געטער.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און מיר האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו גאָט.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
צום גאָט אין וועמעס נאָמען דו פלעגסט אונדז שטראָפן.

ד י ז ק נ י ם:
דיינע גערעכטע ווערטער, גיבור, האָבן צו אונדז גענומען קלינגען.
פון די בערג אַרונטער האָבן דיינע רייד גענומען קלינגען.

אַ ז אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און זיי זענען אַריין אין אונדזערע אויערן,
און זיי זענען אַריין אין אונדזערע הערצער.

אַ נ ד ע ר ז ק ן:
און מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם אמתן גיבור
פון יהוה, אונדזער גאָט.
ע ר ש ט ע ר ז ק ן:
און מיר זענען געקומען צו דיר. —
(אַלע אינאײנעם מיט ווי פריער אויפגעהויבענע הענט)
שטיי אויף און העלף דיין פאָלק!
וויס, די בני עמון ווילן פאַרטיליקן ניט נאָר אונדז;
זיי ווילן פאַרטיליקן אויך יהודה, בנימין און אפרים.
אָפנעמען ווילן זיי דאָס לאַנד דאָס גאַנצע;
זייערס, זאָגן זיי, איז דאָס לאַנד דאָס גאַנצע.
נאָך פון פאַר די טעג פון אמורי.
נאָך פון די טעג, ווען מיר זענען קנעכט געווען אין מצרים.
ד י ז ק נ י ם:
שטיי אויף און העלף דיין פאָלק!
ע ר ש ט ע ר ז ק ן:
און עס וועט זיין אין דעם טאָג, וואָס גאָט וועט
געבן די בני עמון אין דיינע הענט;
וועלן מיר ווידער וויסן, אַז מיר זענען זיין פאָלק,
און אַז, ער איז אונדזער גאָט.

אַכטע סצענע

מ ה י ט ב א ל:

(מיטן עולם, וואָס קלייבט זיך ביסלעכווייז אָן, קומען אויך עטלעכע מיידלעך. מהיטבאל זעצט זיך אַוועק צווישן זיי, די פיס אונטער זיך, ווי עס טוט דער פאָטער, ווען ער זיצט. לייגט אַוועק אירע אָרעמס אויף די קני, בויגט אַראָפּ איר קאָפּ צו די אַראָפּגעלאָזטע הענט אין דערוואַרטונג, אין פאַרצווייפלונג. הויבט פון מאָל צו מאָל אויף דעם קאָפּ צום פאָטער, צו די זקנים און האַלט זיך אַזוי די גאַנצע צייט אין נערוועזער שפּאַנונג)

י פ ת ח:

(בלייבט שטיין, קוקט אַ ווײַלע אָן די זקנים, ווי ער וואָלט זיך ראַנגלען מיט זיך אַליין. ער הויבט אָן ריידן מיט אָנגעשטייגטן כעס, וואָס ראַנגלט זיך אין זיין קול)

איז דאָס דען ניט דער ווילן פון יהוה,
איך זאָל איצט זיך שטעלן קעגן אייך
מיט דער שאַרף פון מיין שווערד,
אַט גראַד איצט, אין דער צייט,
ווען אייער פוס האָט זיך אויסגעגליטשט?
האָט איר דען ניט צו דעם ליב אין מויל אריין
אייערע קעפּ איצט געבראַכט?!
ווילט איר, אַז די גרויקייט פון אייערע האָר זאָל דעם צערייצטן
ליב איצט אָפּשרעקן?
וואו זענען דאָס די געטער פון די פלישתים,
פון די מואבים און די עמונים!?
די געטער, וואָס איר האָט געגלויבט זיי זענען שטאַרק!
פאַרוואָס לענט איר זיך איצט ניט אָן אויף זיי?
גייט־צו צו די ליימענע, שטיינערנע געטער,
פאַלט צו זייערע פיס, בעט זיך ביי זיי:
ליבע, שטאַרקע, שווערע געטער, העלפט אונדז!
ראַטעוועט אונדז פון אייערע בני עמון! —
זייט גוט, שטיינערנע געטער! זייט באַרמהערציק!
כאַ—כאַ...

(האַקט זיך אָפּ; גיט גלייך צו)

דער אינעווייניקסטער יפתח, וואָס אין מיר, שיינט איצט אויף
מיט געלעכטער איבער אייך.

(לאַכט זיך פונאַנדער)

די זקנים:

(מיט פאַרצווייפלטן שרעק)

גיבור, יפתח! זון פון גלעד.

(יפתח לאָזט זיך ניט ריידן)

יפתח:

מיין שווערד, מיינע קריגער, ווילן נקמה פאַר זייער באַליידיקטן
גיבור,
האָט איר די נקמה זיי אין שטוב אריינגעבראַכט.
ווי היישעריקן וועל איך זיי איצט אָניאָגן אויף אייך.
און אָפּגעווישט זאָל ווערן אייער גערעכעניש פון דער ערד,
זייערע אויסגעשטרעקטע שפּיזן וועלן זיך איצט

בייז און ווילד אַריינבייסן אין אייערע לייבער.

(פויזע)

אַ, וויפיל ווייטיק איר האָט געוואָרפן אין מיר!
ווי גיפטיקע פיילן זענען געפאַלן אויף מיין לייב אייערע ווערטער!
ווי צעגליטע פיילן יאָגן מיך נאָך ביז איצט נאָך אייערע משפטים,
אין מיינע דערמאָנונגען אָן אייך.
ווי אַ רויבער אין די בערג האָב איך זיך דאָ געמוזט אויפהאַלטן,
איבער אייער פאַרטרייבן מיך פון דער היים.
ווי אַ קרעציקן הונט האָט איר מיך פון מיין היים פאַרטריבן —
מיין יחוס איז ניט אָנגעשטאַנען אייך...
ווי עס טרינקט די ערד דעם טוי פון הימל,
האָב איך מיט גאַל געזאָפּט אין זיך
דאָס בענקען נאָך מיין היים, מיינע בערג, מיין גלער.
און איצט... עס איז דער טאָג, וואָס יהוה האָט אָנגעגרייט פאַר מיר.
איצט קוק איך אויף אייך, מיינע ציין קריצן זיך נאָך פון ווייטיק,
מיינע ציין בייסן זיך נאָך איצט הארט און שטייף
אין מיין אייגן אינגעווייט פון כעס.

די זקנים:

(פאַלנדיק צו די פיס)

טו, וואָס דו ווילסט מיט אונדז,
לאָז אויס דיין צאָרן צו אונדזערע קעפּ,
ווייל דו ביסט גערעכט.
אָבער אויף די ווייבער וואָס וועלן פאַראומווירדיקט ווערן,
אויף די קליינע קינדער וואָס וועלן געקוילעט ווערן
זאָלסטו זיך דערבאַרעמען.
פאַרוואָר, זיי האָבן ניט געזינדיקט קעגן דיר.
פאַרמייד די שווערד פון זייערע העלדזער,
פאַרמייד די אומריינקייט פון זייערע מאַמעס לייבער.

יפתח:

האָט איר זיך דען אויף מיינע ווייבער און אויף מיינע קינדער דערבאַרימט?
האָט איר זיי דען אַליין ניט פאַראומווירדיקט און געקוילעט

אויף דעם מיטן מאַרק?
אַ, ווי עס ברענט זיך איצט פונאַנדער דער כעס אין מיין האַרצן!

די זקנים:

יפתח, גיבור פון יהוה,
דערבאַרים זיך, לאָז אָפּ פון דיין כעס,
געדענק אַז יהוה וואָס האָט דיך אויפגעשטעלט
ווי אַ גדעון אַ צווייטן, אַ ירובעל אַ צווייטן.

איינער:

אויף אויסצוראָטן און צעברעכן די אָפּגעטער פון זיין פאָלק.
האָט דיך אויפגעשטעלט יהוה.
יהוה האָט דיך געפּרואוווט די אַלע יאָרן
און דו האָסט אויסגעהאַלטן די פּרוואוו.

איינער:

זע, די ברידער האָבן פאַרקויפט אונדזער פאָטער
יוסף דעם גערעכטן, קיין מצרים,
און יוסף האָט זיך מיט זיי איבערגעגעבעטן
און האָט זיי פאַרגעבן,

ערשטער זקן:

ניט מיר, נאָר יהוהס האַנט האָט געפירט,
און האָט דיך דאָ אָנגעברייט,
ווי אַן אָנלען פאַר זיין פאָלק.

יפתח:

(בלייבט שטיל. קוקט אויף זיי אַ לאַנגע רגע. ליבע און כעס שלאָגן זיך אין זיינע בליקן און אין דעם קלאַנג פון זיין קול)
שטייט אויף!! מיינע אויגן קאָנען ניט זען
ווי די זקנים פון מיין פאָלק קניען פאַר מיר.
(מיט כעס)
שטייט אויף!
(זיי הויבן זיך גיך אויף)

יפתח:

(קוקט אויף זיי אַלץ, הויבט אָן אַ געענדערטער)
אמת, מיינע ציין בייסן זיך נאָך אַלץ
און מיין אייגן אינגעווייט פון כעס;

נאָר איך קוק אויף אייך די גאַנצע צייט און פיל —
מיין כעם שווינדט...
שווינדט און שווימט אַפּ, אַלץ ווייטער און ווייטער,
ווייל... אייערע קולות, אייערע ווערטער קלינגען מיט... היים...
אייערע אויגן, אייערע פנימער,
אַפילו דער שטויב אין די פאַלדן פון אייערע קליידער
קוקן אויף מיר מיט היים...
די קעמלען, וואָס האָבן אייך אהער געבראַכט
און שטייען דאָ ניט ווייט פון אייך,
זיי קומען פון דער היים,
און זיי קוקן אויף מיר מיט גלעד,
זיי קוקן אויף מיר מיט היים, היים;
אַלץ אין מיר, די ביינער מיינע,
(קאָן זיך קוים באַהערשן)
ביינער מיינע! ביינער... — היים, היים!
(יפתח קאָן דאָ לענגער ניט אויסהאַלטן, קערט אָפּ פון זיי זיין פנים, זעצט זיך אָן אַ זייט אָפּגעווענדט פון זיי)

מהיטבאל:
(שפרינגט אויף, צו די חברטעס)
קומט, לאָמיר זאַטלען דעם הירש.
(צו ברכיהו)
ברכיה, קום ס'ט מיר העלפן זאַטלען דעם הירש.
(מהיטבאל, ברכיהו, אַפּ. די מיידלעך נאָך זיי)
(די מיידלעך מיט פרייד)
צום הירש מיטן זילבערנעם האָרן!
צום הירש מיטן זילבערנעם האָרן!
(אברם קומט אָן, גייט פאַרביי יפתחן, שטעלט זיך אָפּ נעבן אים. זיין שטענדיק ליכטיק פנים איז טונקל, כמעט שוואַרץ)

דער עלטסטער זקן:
(הויבט אויף זיינע ביידע הענט צום הימל, ווי צוויי אָנגעשטעלטע שיסלעך. רעדט גערירט מיט גרויסער אינעווייניקסטער דערהויבונג)
— געבענטשט זאָל זיין יהוה,
ער באַקערט דאָס האַרץ פון יפתח צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד.

(בויגט ביסלעכווייז זיינע אויפגעהויבענע שיסלדיקע הענט ווי עס וואָלט פון זיי וואָס געגאָסן איבער יפתחס קאָפּ)
— יהוה! זע, ווי עס ציט זיך א הונגעריק זויג־קינד צו דער ברוסט
פון זיין מוטער
אזוי ציט זיך דיין גיבור, צו זיין פאָלק.
זע, זיין הארץ איז גוט, זע, זיין הארץ איז ריין.
און ווי עס ציט זיך דאָס הארץ פון דיין גיבור,
צו זיין היים וואָס האָט אים געבוירן,
ווי עס ציט זיך א פויגל צו זיין נעסט,
אזוי ציט זיך, דיין פאָלק, איצט צו דיר, יהוה.

א ל ע:

(מיט די הענט צום הימל)
דו ביסט אונדזער היים, יהוה!
דו ביסט אונדזער פעלז,
דו ביסט אונדזער נעסט,
דו ביסט די מוטער וואָס האָט אונדז געבוירן.
דו ביסט דער פאָטער וואָס האָט אונדז באַשאַפן.

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר ז ק ן:

(אויסקערנדיק די הענט איבער יפתחס קאָפּ)
אָ, יפתח, יפתח, זיי געבענטשט אין נאָמען פון יהוה,
דעם איינציקן אמתן גאָט פון דער וועלט.
דעם גאָט וואָס גיט קראַפט צו דיין שווערד.
דעם גאָט וואָס גיט אמת צו דיין קול,
און ריינקייט צו דיין הארץ.
זאָל ער אויך ווייטער זיין מיט דיר און מיט זיין פאָלק.
יהוה גיט היינט פרישן אָטעם צו אונדזערע נאָזלעכער,
יהוה צינדט צוריק אָן די הייליקע האָפענונג פאַר זיין פאָלק,
פרישט אָפּ דאָס ליכט פון אונדזערע אויגן.
זיי געבענטשט, אָ יפתח,
זיי געבענטשט,
זיי געבענטשט פון איצט ביז אויף אייביק.

ד י א י ב ע ר י ק ע ז ק נ י ם:

זיי געבענטשט פון איצט ביז אויף אייביק, יפתח, יפתח, יפתח!
געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען, אָמן.

אלע:

אָמן.

יפתח:

(זיך אויפהויבנדיק)

יאָ, איך גיי מיט אייך.
זייט מיר געבענטשט ביי אייער קומען
און זאָל יהוה בענטשן זיין פאָלק.
און שטאַרקן זיין האַנט,
און שאַרפן זיין שווערד.

(זיך אומקוקנדיק אויף דער אַרומיקער געגנט)

אַך, דאָס לאַנד, דאָס גוטע לאַנד!
מיט וויפיל מי איך האָב דאָס דאָ געבויט.
ביז איצט האָב איך דאָס געפילט ווי אַ שטריק אויף מיינע הענט
און איצט, ווי אַנדערש דאָס זעט אויס...

(צו אַביעזרן)

אַביעזר, חבר מיינער גוטער, און וועגווייזער געטרייער,
שעכט די בעסטע לעמער
און די פעטסטע שאָף,
נעם אויך פון די אָקסן און די רינדער,
ברענג קרבנות, מאַך אַ סעודה פון וועגן די געסט.
זאָלן זיי אונטערלעגן זייערע הערצער,
און גאָט זאָל זיין מיט זיי.
טייל פון יעדן קרבן אָפּ אַ חלק פאַר יהוה.
זאָל געהייליקט ווערן אונדזער מאָלצייט היינט,
זאָל אין היינטיקער נאַכט יהוה אָנגעהעפט ווערן אָן זיין פאָלק.

(ווי פאַר זיך, ווידער קוקנדיק אויף דער אַרומיקער באַרגיקער געגנט)

זעט, ווי לייבן און ווי לעמפּערטן האָבן מיר זיך אוועקגעלייגט
צווישן אָט־די בערג.
אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען.
קיינער האָט ניט געוואָגט צו קומען און אונדז אויפהויבן.
איצט אָבער פיל איך —
מיר זענען געלעגן און זיך צוגעגרייט צו אונדזער לייבן־שפּרונג.
אויפגעשפּרונגענע לייבן און לעמפּערטן ווערן מיר אַצינדערט,

און ווי צו די וואָס וועלן זיך שטעלן אויף דעם וועג פון אונדזער שווערד.
זייערע קערפּערס אונטער די טריט פון אונדזערע פיס!
און זייערע ביינער ווי דאָס מיסט פון אונדזערע פערד. —
געבענטשט זאָל זיין יהוה, זיינע וועגן זענען גאַנץ,
גאַנץ און רעכטפאַרכטיק איז ער...
בלאָז אין שופר רמליהו, אַלטער גוטער פריינט,
בלאָז אין שופר!

(רמליהו נעמט בלאָזן אין שופר. עס דערהערט זיך גלייך אַ ווייטער ענטפער פון אַ שופר און גלייך נאָכדעם עטלעכע ענטפערס פון דאָ און דאָרט. רמליהו בלאָזט ווידער. עס ווערט אַן אַלגעמיינער שופר־רוף. עס דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ האַסטיקער גערודער פון פערד און מענטשן, אַ געקלאַנג פון שווערדן, עס לויפן אָן עטלעכע הויפּט־לייט, נעמען באַפעלן, אַנטלויפן, אַנדערע קומען אָן)

אַ ב י ע ז ר :

(אַביעזר מאַכט אין מיטן טומל אַן איינלאַדנדיקע באַוועגונג צו די זקנים)
קומט, אורחים אָנגעלעגטע, וועט איר אונטערלענען אייערע הערצער.
(די זקנים נעמען דערשראָקן זיך איבערקוקן)

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר ז ק ן :

אביעזר, ברודער אונדזערער!
איך געדענק דיך נאָך פון די פריערדיקע יאָרן.
זע, זאָל ניט גרימען דיין צאָרן,
און ניט דער צאָרן פון דיין האַר און הערשער,
נעם ניט פאַראומגוט דיינע קנעכט, קלוגער אביעזר, —
די קנעכט פון דיין האַר, קאָנען זיך ניט באַטייליקן
אין דער גרויסער גאַסטפריינדלעכער סעודה פון דיין האַר,
יהוהס גרויסן און טאַפּפערן גיבור יפתח.

אַ ב י ע ז ר :

(בייז)
וואָס? איר זייט געקומען נאָך הילף צו אונדזער גרויסן גיבור, יפתח
און איר באַליידיקט אים שוין גלייך פון אָנהויב?...

ע ר ש ט ע ר ז ק ן :

ווייט זענען פון אונדז אַזוינע געדאַנקען, קלוגער אביעזר.
נאָר, דיינע קנעכט קומען פון אַ לאַנד וואָס איז אין אַ גרויסער צרה
און זיי האָבן אַ נדר גענומען אויף זיך —

ניט צו נעמען קיין שפּייז אויף זייערע גומענס,
ניט אונטערצולענען זייערע הערצער,
ביז זיי וועלן ניט ברענגען מיט זיך קיין געלד
דעם גרויסן גיבור פון יהוה, יפתח אונדזער האר.
(ביי די לעצטע רייד ווענדט יפתח זיינע אויערן צו זיי)

אַביעזר:

אַ נדר איז אַ גרויסע זאַך,
אָבער פון דורות־לאַנג איז גרויס אויך די מצוה פון הכנסת־אורחים.
און איז פאַרהייליקט ביי אַלע טיילן פון אונדזער פאָלק.
איר טאָרט ניט פאַרשוועכן די הכנסת־אורחים־מצוה
פון אונדזער גרויסן גיבור, וואָס איז אַזוי גוט צו אייך.
און כדי אייך אויסצוהיטן פון אַזאַ זאַך,
און פון אייער טובה־וועגן, און פון וועגן דער טובה פון דעם
גאַנצן פאָלק
וועל איך, דער כהן דאָ אין ארץ־טוב, אייך מתיר מאַכן אייער נדר.

יפתח:

(מיט אייפער)
ניין, אַ ניין אביעזר!
אַ נדר איז אַ נדר.
האָבן די ליפּן איינמאָל ארויסגעבראַכט אַ נדר פון דעם מויל,
מוז דער מענטש דעם נדר ערלעך האַלטן.
צווישן גאָט און מענטש איז אַ נדר אַזאַ
און הייליק מוז מען אַזאַ נדר האַלטן.
(די זקנים בוקן זיך טיף צו יפתחן)

אַלע:

געבענטשט און געלויבט זאָל זיין יפתח.

אַביעזר:

(קוקנדיק גלייך אויף יפתחן)
גיבור, דו ביסט דאָך אַ גדעון, אַ ירבעל,
און זע, גדעון האָט דאָך פאָרט ביי גאָט
אַזוינע אָנזעעוודיקע סימנים גענומען
איידער ער איז געגאַנגען אין מלחמה.

יפתח:

עס בייטן זיך די צייטן, אביעזר,

דו האָסט דאָך מיך אַמאָל דאָס אַליין אַזוי געלערנט.
אבימלך האָט זיך דווקא אויסגעקליבן אַ נאָמען אַזאַ אַז מען זאָל וויסן,
— אַ מלך איז זיין פאָטער, —
און געפעלן איז דיר, אַז יפתח זאָל מיין נאָמען זיין.
אין גדעון צייטן האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סימן אַזאַ אַנזעעוודיקן,
ווי טוי אויף וואָל, ווען אויף דעם גאַנצן פעלד אַרום איז גאָר קיין טוי ניט געווען.
און ווען דער טוי איז שוין געלעגן אויפן וואָל
האָט נאָך גדעון פון אים געדאַרפט פריער אַרויספּרעסן אַ בעקן וואַסער,
כדי צו זיין זיכער אַז פייכט איז טאַקע דאָס וואָל.
אויך איך האָב ליב אַ סימן,
אָבער ניט אַזאַ וואָס מען קען אָננעמען מיט די הענט
און אויסקוועטשן פון אים אַ בעקן וואַסער.
פאַר מיר איז געגנוג, אַז אברם באַווייזט זיך פאַר מיינע אויגן
איידער איך גיי אַרויס אין מלחמה.
און ווען איך בין דאָ אַזוי געזעסן אויפן שטיין
האָט זיך פאַר מיר באַוויזן אברם.
(אַ ביסל צעשראָקן)
נאָר...

אַ ב י ע ז ר :

נאָר וואָס, גיבור?

י פ ת ח :

(ערנסט)
נאָר זיין פּנים איז געווען שוואַרץ...

אַ ב י ע ז ר :

(מיט שרעק)
שוואַרץ...

י פ ת ח :

(באַהערשט זיך)
שוואַרץ, געוויס פון וועגן דעם אומגליק פון זיינע קינדער...
אָבער אביעזר,
(אַנטשלאָסן)
אַ גיבור איז דער,

וואָס ווען עס ווייזט זיך פאַר אים אפילו ניט קיין סימן
לאָזט ער זיך אַלץ אויף גאָטס באַראָט.
אויב נאָר זיין הארץ זאָגט אים — אַזוי צו טאָן.
דאָס פנים פון אונדזער ליכטיקן גרייז אברם איז שוואַרץ,
הייסט דאָס, אַז מען דאַרף גיין אָפּווישן
די שוואַרצקייט פון זיין ליכטיק פנים.
זאָל אייביק ליכטיק זיין אונדזער ליכטיקער גרייז,
אונדזער ליכטיקער פאָטער אברם.
(זיך ווענדנדיק פלוצלינג צו די זקנים)
אָבער זאָגט מיר נאָר,
איין זאַך האָב איך פאַרגעסן,
דער מלך פון די בני עמון פירט דאָך זיין אייגן פאָלק אין שלאַכט,
אָבער איך, — ווי וועל איך אייך פירן אין מלחמה.
ווי אַ גאַסט?
צי אפשר גאָר ווי אַ געדונגענער פון מיין ברודער אביבעל?

דער עלטסטער זקן:

— יפתח, גיבור, פאַרמידן זענען פון דעם גאַנצן פאָלק אַזוינע
באַליידיקנדיקע געדאַנקען,
אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דעם פאָלק איז אביבעל
אינאיינעם מיט די געטער די פרעמדע, אָפּגעפרעמדט.
אינאיינעם מיט זיין גלויבן אַז פון געטער איז ער געבוירן.
יהוה וואַכט איבער אונדז.
ניט ווי אַ גאַסט און ניט ווי אַ געדונגענער;
— דאָרט אויף דער מצפה, אין גלעד
וועט זיך דאָס גאַנצע פאָלק שטעלן הינטער דיר
און וועט דיך זאַלבן פאַר זיין האַר,
פאַר זיין שופט און פאַר זיין קצין.

יפתח:

(אָנגעמענדיק אַן עק פון זיין קלייד און דאָס צוטראָגנדיק צו די זקנים)
גאָט הערט צווישן מיר און צווישן אייך.

די זקנים:

(אַלע אָנגעמענדיק די עקן פון זייערע קליידער, אונטערטראָגנדיק צו אים)
גאָט הערט צווישן אונדז און צווישן דיר.

(עס דערהערן זיך פון ווייטן מהיטבאלס פריידיקע אויסגעשרייען. זי לויפט

(דאָרט ווייזט אויס אַרום אויף איר הירש צווישן די קריגער און שרייט פריי־
דיק און רופט איין מאָל און נאָכאַמאָל)

— קריגער, פאַרן גאָט און פאַר זיין פאָלק!
פאַרן גאָט און פאַר זיין לאַנד!

(עס זאַמלען זיך צונויף אַלץ מער און מער קריגער)

יפתח:

(שרייט אויס צו די אָנגעזאַמלטע קריגער)

קריגער! די פון אייך, וואָס ווילן צוריק אומקערן די זיצער פון גלעד
צום גערעכטן גאָט,
די זאָלן גיין פאַר זיי מלחמה האַלטן מיט די בני עמון!

אַלע:

(ווי איין מאַן:)

מיר הערן אונדזער גיבור און פאָלגן!

(די געשרייען קאַטשען זיך און שפרייטן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער און
צווישן אַלעמענס געשרייען מהיטבאלס קול, וואָס דערגרענטערט זיך אַלץ)

— פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק.
פאַר גאָט און פאַר זיין לאַנד!

יפתח:

ברענגט מיר אהער מיין טאָכטער, מיין מהיטבאַל,
און זאָלן די זקנים אויך זי דאָ בענטשן, פאַר אונדזער אָפּגיין פון
דעם לאַנד.

(אַ פאַר גייען אָפּ. מהיטבאַל מיט עטלעכע מיידלעך און יונגען לויפט אַרויף)

ניינטע סצענע.

מהיטבאַל:

(אַראָפּשפּרינגענדיק פון איר הירש. צופאַלנדיק צום פאָטער)

אָ, פאָטער, פאָטער, דאָס לאַנד איז אינגאַנצן באַדעקט מיט טוי,
דאָס לאַנד זעט אויס ווי אַ פערלדיקער ים,
און די מחנות קריגער מיט זייערע שפּיזן און מיט די פלאַטערנדיקע
פאָנען
זעען אויס ווי פאַרכישופטע אינזלען.
יעדער קריגער איז אויף זיין פערד,
און יעדער קריגער איז אין בלוי
און אַ מעסער שטעקט אין זיין ווייסן גאַרטל,

און אַ לאַנגער שפּיז אין זיין האַנט
און אַ פייַלנבויגן און אַ שטיינוואַרפער
אויף הינטן פון זיינע אַקסלען.
און זייערע בערד זענען שוואַרץ,
און זייערע שטאַרקע פּנימער זענען קופּער,
און זייערע אויגן גלאַנצן מוטיק און שאַרף.
און דער הימל איבער זייערע קעפּ
מיט אַזוינע גרויסע שטערן איבער זייערע קעפּ,
אָ, פּאַטער, פּאַטער!!

יפתח:

אָ מהיטבאל, פריידו מיינס, גליק מיינס, קינד מיינס,
ווי גרויס יהוה צעעפנט דאָס האַרץ פאַר גליק!
דו ביסט מיר איצט ווי טויזנט טעכטער און טויזנט זין.
קום אַהער און זאָלן דיך די זקנים פון גלעד בענטשן.

(צו די זקנים)

זי איז דאָך אויך געבוירן אין גלעד.

(צו מהיטבאל)

שריי מיט מיר נאָך איינמאָל אויס, מהיטבאל!

(זי שרייט מיט אים)

ביידע:

קריגער, פאַרן גאָט און פאַר זיין פאָלק!
פאַרן גאָט און פאַר זיין לאַנד!

אַלע קריגער:

פאַרן גאָט און פאַר זיין פאָלק.

די זקנים:

(אויפהויבנדיק די הענט איבער איר)

זאָל זיין געבענטשט אויך די טאָכטער פון יפתח.

אַלע אינאיינעם:

פאַרן גאָט און פאַר זיין לאַנד.
פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק.

פאָרהאַנג

פערטער אַקט

ערשטער פאָרהאַנג

אַפן מלחמה-פעלד

ערשטע סצענע

(לעבן אַ פאַרבאַרגענער הייל אין דער מצפה. אַביבעל, און אַ פּאָר פון זיינע ברידער און עטלעכע פון עולם מיט אים. לעבן זיי אַ גרויסע פאַן און עטלעכע ערדענע כלים מיט וואַסער)

אַ ב י ב ע ל:

איינער פון מיינע גיך־לויפער איז געקומען און געבראַכט. —
דער יפתח, דער בן זונה קומט טאַקע אַהער.

מ ר ד ו ך:

און זיינע מחנות מיט אים, ברודער חשובער?

אַ ב י ב ע ל:

יאָ, ברודער.
און נאָך האָט ער געבראַכט. —
דער יפתח האָט שוין אויך אַרויסגעשיקט
שלוחים צו די אַנדערע שבטים,
זיי זאָלן קומען צו זיין הילף.

אַ ן אַ נ ד ע ר ב ר ו ד ע ר:

וועלן זיי דען קומען, ברודער חשובער?

אַ ב י ב ע ל:

יפתח מעג ניט גלויבן אין יחוס,
דאָס איבעריקע פאָלק אָבער איז ניט קיין בן זונה,
נאָר דאָס געמיינע פאָלק פון גלעד
קאָן ווי אַ זונה פעלשן אין די גוטע געטער,
און אין די אמתע, מיוחסדיקע זין
פון אונדזער גרויסן גוטן פאָטער גלעד,
דעם זון פון די געטער.
אָבער, ביי דעם רימון־הדד ביי די עשתרות, און ביי דעם מולך,

אַז מיר און די גוטע געטער אונדזערע,
וואָלטן דעם פאָלק געהאָלפן געווינען די שלאַכט פון די עמונים.
רופן זיי אָבער ווי זונות דעם בן זונה צו זיך,
און האָבן אים נאָך צוגעזאָגט צו מאַכן פאַר אַ שופט איבער זיך.

ב ר ו ד ע ר:

פאַר אַ שופט? געטער ליכטיקע!
אַ בן זונה וועט הערשן איבער
דעם, פון די געטער געהייליקטן, גלעד?!

אַ ב י ב ע ל:

אַן אבימלך אַ צווייטער!...

ע ו ל ם:

(מיט שרעק)
אַן אבימלך אַ צווייטער...

אַ ב ר ו ד ע ר:

אַ דאָרנבוים אַ צווייטער.
ווי אין די טעג פון יותם.
האָט דען ניט יותם, דער זון פון גדעון, געזאָגט:
„אַ פייער וועט אַרויס פון דעם דאָרנבוים
און וועט פאַרברענען די
טענענבוימער פון לבנון?".

א י י נ ע ר:

אַ וואונדער נאָר איז מיר אַ גרויסער,
פנחס בן אליעזר, דער כהן גדול אין ישראל,
וואָס איז אַליין פון גרויסן יחוס אַ מיוחס,
זאָל זיי לאָזן רופן דעם בן זונה פאַר אַ שופט.

אַ ב י ב ע ל:

אָ, דער דורכגעטריבענער בן אליעזר!
וואָס אַרט אים גלעד?!
זיך האָפט ער צו פאַראייביקן אין דעם פאָלק,
אַלס דעם פאַסטוך, דעם זיבעטן פון ישראל,
און גלעד מעג אַוועק מיטן רויך אפילו.
וואָס ערגער עס וועט זיין מיט גלעד,
מיט דעם לאַנד פון די געטער,
אַלץ זיכערער וועט ער זיך פילן

מיט זיין צייכן זיך צווישן די פאַסטוכער, די זיבן.
ער האַסט גלעד.
מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון זיין גאַל האַסט גלעד
דער אַלטער בן אליעזר.

דער חוזה, יאיר, האָט זיך אַמאָל צוגעקליבן צו אים
און אים פאַרטרויט זיין חזיון, וועגן דעם,
אַז ניט יוספס זון איז געווען מנשה,
נאָר אַז אַ זון־גאָט איז מנשה.
דער פאָטער פון מכיר — דעם מאָרגן־גאָט.
און אַז מכיר איז דערפאַר אַ גאָט. דער זון פון אַ גאָט.
און אַז גלעד איז געווען דער זון פון דעם גאָט מכיר,
וואָס האָט פאַר זיך אָט דאָס גאַנצע לאַנד פאַרנומען
און דאָס אויף דעם נאָמען פון זיין זון גערופן,
און אַז פון אמתן געטלעכן יחוס איז דערפאַר דאָס פאָלק פון גלעד.
האָט דער גרויסער מיוחס, דער אַלטער בן אליעזר,
דערויף מיט גאַליקער ביטערקייט געענטפערט:
„די ווילדע גלעד! די אָנגעלאָפענע גלעד!"

אָ, ווי דער אַלטער בן אליעזר האַסט גלעד!
וואָס אַרט אים ווער עס וועט געוועלטיקן איבער גלעד?
זאָל זיין אַ דאָרנבוים אפילו.
זאָל גלעד זינקען, דאָס וועט בלויז זיכערער מאַכן
דעם חלום פון זיין לעבן, צו בלייבן —
דער פאַסטוך דער זיבעטער פון ישראל ביי דעם פאָלק.
אָבער ער מאַכט אַ טעות, אַ שווערן דער אָפּגעלעבטער פנחס —
דער זיבעטער פאַסטוך פון ישראל וועט זיין, ניט ער,
נאָר דער וואָס וועט ברענגען דאָס פאָלק ישראל
צוריק צו די אמתע געטער,
ווי אַ סטאַדע שאָף צו די גרויסע און ליכטיקע געטער.
ער שפּילט דאָ אפשר אומיסטן מיט דעם יפתח קעגן מיר.
(פויזע)
אַ האָפענונג איז אָבער דאָ אַ גרויסע.
יחוס איז יחוס; און קומען ניט די איבעריקע שבטים

זיך שטעלן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ בן זונה,
ווען די בני עמון נאָך היינט
פאַנאַנדערטראָגן דעם יפתח מיט זיינע מחנות.
ווי דער ווינט טראָגט שטויב פאַנאַנדער.
און מיר וועלן נאָכדעם מיט די בני עמון
קאָנען שליסן אַ ברידערלעכן שלום.
מיר וועלן אויך אַריינגעמען צווישן אונדזערע געטער
מלכומען, זייער גאָט,
און בלייבן צוריק די הערשער איבערן פאָלק.

אַ ב ר ו ד ע ר :

מלכום איז אַ שטאַרקער גאָט,
זע ווי גרויס ער האָט געמאַכט די בני עמון.

אַ ב י ב ע ל :

און דער יאיר דער חוזה זאָמט זיך נאָך אַלץ אין קומען.
הערט נאָר, (הערט זיך איין) די צייט לויפט,
די זון וועט זיך באַלד נעמען הויבן צו די בערג,
דער יפתח קאָן דאָך קומען יעדן אויגנבליק,
און דאָס פאָלק אינאיינעם מיט אים.
איידער דער מאָרגנשטערן גייט אַוועק,
לאָמיר דאָ אַליין אָנגיסן וואַסער אין דער פאַן.
און דעם זעערס לעפל און דעם גאָפל האָבן מיר דאָך אויך,
וועל איך אַליין פרוואוון קוקן אין דער פאַן.
אפשר וועט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן
דער סוף פון דעם טאָג דעם היינטיקן,
און וועט מיר ווייזן דעם סוף פון יפתח.
(דער עולם הויבט אויף די אָנגעפילטע וואַסער קרוגן, גיסן אין דער פאַן)

אַ ב י ב ע ל :

(קוקנדיק אין וואַסער, וואָס אין פאַן)
וואַרט, איצט לאָמיר כאַפּן דעם מאָרגנשטערן אין פאַן אַריין.
(אַלע קוקן מיט אים אין פאַן אַריין)

אַ ל ע :

(דערזעענדיק)
דער מאָרגנשטערן, דער מאָרגנשטערן! דער ישתר!

אַ ב י ב ע ל:

(אין עקסטאַז)

איצט שטעך איך דאָס וואַסער מיטן גאָפּל.

שטעך דעם שטערן אין דעם וואַסער,

זאָלן די געטער געבן כח.

(הויבט אויף דעם הילצערנעם גאָפּל אין איין האַנט און דעם לעפל אין דער צווייטער האַנט)

איך גיב אַ שעפּ מיט דעם לעפל...

(ציטערט פאַר שרעק)

צווייטע סצענע

(יאיר קומט ארויף)

אַ ל ע:

דער זעער! דער זעער!

אַ ב י ב ע ל:

(בלייבט שטיין מיטן גאָפּל און לעפל אין די פאַנאַנדערגענומענע הענט, נאָך איידער ער האָט זיי צייט געהאַט אַריינלייגן אין פאַן, קוקט זיך אַזוי פאַרווירט און דערשטוינט איבער מיט יאָירן אַ רגע)

געבענטשט זענען דיינע טריט,

געבענטשט איז דיין קומען,

נאַ נעם, די מכשירים,

דאָס וואַסער איז גרייט,

דער מאָרגנשטערן ליגט אין פאַן און וואַרט.

נאַ נעם שטעך, שעפּ, זאָג!

די צייט איז קורץ.

(יאיר רעדט ניט קיין וואָרט, קוקט זיך אָבער שאַרף איבער מיט אַלעמען, גייט נאָכדעם צו צו דער פאַן, ניט נעמענדיק דעם גאָפּל און די לעפל פון אביבעלן. קוקט לאַנג אין דער פאַן אַריין און הויבט דערביי לאַנגזאַם אויף זיין אייגענעם שטעקן, ביז ער גיט פלוצלונג אַ שלאָג אַריין דעם שטעקן אין דעם וואַסער און בלייבט שטיין ווי ער וואָלט עפּעס געכאַפּט און דאָס געהאַלטן, גלייכט זיך אויס, מאַכט צו די אויגן און נעמט נאָך אַ לענגערן אַנגעשטרענגטן שטילשווייגן מיט פאַרמאַכטע אויגן זאָגן)

י א י ר:
איך זע יפתחן אויפשטיין ווי אַ גאָט פאַר זיין פאָלק!
זיינע אַקסלען פון שטיין.
זיין אָרעם פון אייזן.
דער ליכטיקער מאָרגנשטערן — אַ רייט־פערד אונטער זיינע פיס.
אַ רויך גייט אויף!
עס ברענט די ערד אונטער זיינע טריט.
זיין שווערד און זיינע בליקן,
פאַרמאַסטן אויף די געטער אַנטקעגן אים.
דאָס שאָלן פון אַ קעניג איז אין אים.
(די צוהערער ווערן צעשראָקן, ווערן בייז אויפן זעער)

י א י ר:
(זעצט פאָר)
נאָר זע, אַ שוואַרצער וואָלקן גייט אויף,
אַ שווערער וואָלקן קומט.
אַ גרויסער שוואַרצער וואָלקן קומט,
אַ שוואַרצער וואָלקן גייט אַנטקעגן אים...
(די צעשראָקענע צוהערער זיפצן אָפּ פריי: „אהה, — אהה!...” עס דערהערט זיך אַ טומל פון אָנקומענדיקן עולם. יאיר עפנט אויף די אויגן, ווי אַ פלוצלינג אויפגעוואַכטער פון אַ טיפן שלאָף קוקט זיך אום. ווי כוואַליעס וואָס ווערן אַלץ שטאַרקער דערטראָגט זיך דער טומל פון אָנקומענדע מחנות און אינאיינעם מיט דעם נעמט שאַריען אויף טאָג, נעמט זיך ברעכן דער מאָרגן)

אַ ב י ב ע ל:
גיך, לאָמיר זיך באַהאַלטן צוריק דאָ אין הייל,
פאַרשטעלן פון זיי וועט אונדז, אָט דער פעלז דאָ.
דו, יאיר, זעער אונדזערער, קום מיט אונדז אין הייל אַריין,
וועסטו מיר דערציילן מער פון דעם יפתח,
פון זיינע גענג און וועגן.
(פרימאָרגן אויף דער מצפה. זיי נעמען אויף גיך אַוועק די קרוגן, די מכשירים און די פאַן. פאַרשווינדן)

דריטע סצענע

(דאָס פאָלק מיט לולבים און מיט אַנדערע צווייגן פון ביימער אין די הענט, הויבן פריידיקע אָן אָנפילן די מצפה, זינגענדיק; גרייט אויפצונעמען יפתחן).
(יפתח קומט אַרויף אין מיטן פון געזאַנג פון יובל און פון שאַלן און מיט אים — אַ גרויסע לייב־וואַך פון באַוואָפנטע קריגער)

אַלע אינאײנעם:

(מיט די לולבים און צווייגן אין זייערע הענט זינגען אויף)
למה רגשו גוים...
צו וואָס האָט איר אויפגעטרייסלט זיך, פעלקער?
אייערע באַשטאַנדן אַלע מיען זיך אומזיסט.
איר שטעלט צונויף אינאײנעם זיך מלכים פון די פעלקער;
איר באַפעסטיקט זיך אינאײנעם הארן פון ארום
קעגן דעם פאָלק פון יהוה.
אייערע מיהונגען זענען אומזיסט,
אומזיסט פארמעסט איר זיך, פעלקער פון אַרום
איר זאָגט צו זיך אין אייערע הערצער אַלע:
מיר וועלן לויז מאַכן די קנופּן,
מיר וועלן פאַנאַנדערוואַרפן די שטריק,
די שטריק און די קנופּן, וואָס בינדן צו יהוהן דאָס פאָלק.
נאַר יהוה, וואָס זיצט אין הימל,
לאַכט פון אייך אַצינדערט;
יהוה שפּאָט פון אייך היינט.
זיין שפּאָט, זיין כח איבער אייך;
היט זיך ווען יהוה לאָזט לויז זיין צאָרן,
שרעקט זיך ווען ער בינדט פאַנאַנדער זיין גרימצאָרן.
זיין כעס וועט זיך אָנשלאָגן אָן אייך
ווי אַן אייזערנע שטאַנג שלאָגט זיך אָן
אין אַ טאָפּ אַן ערדענעם, און וועט אייך צעברעכן.
אַ פייער וועט אַרויס פון זיינע נאָזלעכער,
אַ בלאָז פון זיין גרימצאָרן וועט אייך פאַרלענדן.
הערט אויס מלכים, הארן און ראָט־הארן,
הערט אויס איר אומות אַלע!
יהוה זאַלבט איצט אַ שופט אויף דער מצפה
און הייליק ווערט איצט דער דאָזיקער באַרג.

קריצט זיך דאָס אויס אויף די טאָוולען פון אייערע הערצער אַלע —
יהוה זאָגט צו זיין אויסדערוויילטן יפתח:
מיין קינד ביסטו אַצינדערט, יפתח,
איך האָב דיך דאָ ערשט היינט געבוירן!
בעט ער — גיב איך פעלקער פאַר אַ ארבונג אים,
בעט ער — גיב איך אין די הענט אים אין זיינע אַלע פיר עקן
פון דער וועלט.
קוקט אָן מיין זון, מיין ניי געבוירענעם, מיין געזאַלבטן,
קוקט אים אָן, מלכים אַלע, און נעמט זיך אָן מיט שכל.
פאַרכט זיך פאַר זיין פנים, שופטים פון דער ערד,
שרעקט זיך און זאָל ער צו אייך אַ וואָרנונג זיין.

יפתח:

(גערירט)

קינדער פון אברם!
צו אייך קערט זין אום אייער פאַרוואָגלטער יפתח.
מיט אַ הארץ פון שטיין,
מיט אַ הארץ פון פייער.
(בלייבט שטיין, קאָן ווייטער ניט ריידן פאַר אַ וויל)
איך קוש די ערד אונטער מיינע פיס,
אונטער אייערע פיס.
מיינע פיס, מיינע ביינער, דאָס גאַנצע לייב מיינס,
איך פיל, זיי קושן אָט די הייליקע ערד אונטער אייך.
(בלייבט ווידער שטיין; קניט, קושט די ערד. הויבט זיך אויף, שפרייט פאַ־נאַנדער זיינע הענט איבער זיי)
געבענטשט זאָלט איר אַלע זיין אין דעם נאָמען פון יהוה,
אונדזער גאָט,
און געהאָלפן זאָלט איר ווערן אין זיין נאָמען;
ניט אויסגעלאָשן זאָל ווערן דאָס ליכט,
וואָס זיין האַנט האָט געצונדן.
אייביק אויפגעהויבן זאָל זיין די האַק,
די האַק, די אויפגעהויבענע פון אברם
קעגן די פאַלשע געטער.
מיר די קינדער פון אברם
זאָלן אויף אייביק זיין די שאַרף פון יהוהס האַק,

און די מעסט־שטריק פון זיין אַרבשאַפט.
(ציט זיך אויס, ציט אַרויס זיין שווערד, שטרעקט זי אויס)
ווי איך ציִ אַרויס מיין שווערד פון שייד,
אַזוי ציִ איך זיך אַרויס פון זיך אַצינדערט
און הייליק זיך פאַר אייך!
(די זקנים קומען צו, וואַרפן אויף אים אַרויף אַ ווייס קלייד, בינדן אים אי־בער מיט אַ בלויען גאַרטל, פאַרשפרייטן זייערע הענט איבער אים אויסשרייענ־דיק דריי מאָל)
יפתח אונדזער האַר און אונדזער קצין!
יפתח אונדזער שופט און אונדזער הערשער!
יפתח אונדזער באַשיצער און באַפעלער!

ד אָ ס פ אָ ל ק:
עס זאָל לעבן יפתח!
יפתח זאָל לעבן!
לעבן זאָל יפתח!
יפתח!
יפתח!
יפתח!
הידד, הידד, הידד!
(זינגען זיך פאַנאַנדער)
עס איז דאָ אַ גערעכטער גאָט
אין הימל;
עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט
אין הימל;
עס איז דאָ אַ גרויסער מאַן,
יפתח, יפתח, יפתח!
ער איז פון אַלע גרעסער, שטאַרקער, יפתח, יפתח!
ער איז פון אַלע בעסער, בעסער,
יפתח, יפתח, יפתח!

פערטע סצענע

י פ ת ח:
(מיטאַמאָל ענדערנדיק דעם טאָן, באַפעלעריש, שאַרף און קאַלט)
גענוג! — די צייט איז קורץ!

צום געווער!...
ווער פון אייך עס קאָן אַ שווערד, אַ מעסער האַלטן,
אַ שטיין, אַ פיילנבויגן, צי אַ שטיין־וואַרפער,
ווער פון אייך עס האָט אַ האַנט צו שלאָגן, ציין צו בייסן,
ווערט אַ קריגער היינט.
(צו רמליהו)
דו און דיינע הויפּט לייט,
נעמט אַלע, וואָס זענען דאָ
און צעטיילט זיי אין מחנות.
גיט זיי געווער און מאַכט זיי אויף גיך גרייט צום שלאַכט.
(די קריגער הויבן גלייך אָן פאַרנעמען דאָס פאָלק. אייניקע פון פאָלק נעמען גיין גרייט, אַנדערע מי בטייזקייט און אייניקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ)
י פ ת ח:
(צו אביעזרן)
אביעזר, נעם צו דיר זיבן פון די זקנים
און גיי גלייך צו דעם מלך פון בני עמון,
זיין גרענעץ איז דאָך דאָ איצט ניט ווייט פון דאַנען,
פאַר דיר שטייט גרייט דער רייטוואָגן מיט די שנעלסטע פערד.
קום און זאָג צו אים אַזוי:
אַזוי זאָגט יפתח, אונדזער האַר און אונדזער הערשער: —
„וואָס איז דען צווישן מיר און צווישן דיר,
וואָס דו ביסט געקומען מלחמה צו האַלטן
אויף מיר און אויף מיין לאַנד.“
און עס וועט זיין, ווען ער וועט זאָגן,
אַז זיינס איז דאָס לאַנד
נאָך פון פאַר די טעג פון אמורי,
וואָס האָט זיין פאָלק אין די טעג פון אמאָל,
פון דעם לאַנד פאַרטריבן.
רייד צו אים זיין לשון,
זאָג צו אים:
„מלך גרויסער, דו גלויבסט דאָך אין די געטער,
ווייסטו דאָך —
ניט מענטשן שלאָגן זיך מיט מענטשן פאַר אַ לאַנד,
דאָס שלאָגן געטער זיך מיט געטער.

די מענטשן זענען זייער ווערקצייג נאָר.
צו די געטער באַלאַנגט די ערד,
די ערד און אַלץ וואָס אויף איר.
געטער מיט געטער האַלטן מלחמה,
דער גערעכטער גאָט ווערט פֿון זיין גערעכטיקייט געשטאַרקט;
פֿון אַ גערעכטן גאָט ווערט דאָס פֿאָלק געשטאַרקט.
אפשר איז דער גאָט פֿון אמורי געווען גערעכט
אין די טעג פֿון אַמאָל,
און אפשר איז דיין פֿאָלק געווען זינדיק אין די טעג אַמאָל,
קעגן דעם אייגענעם גאָט מלכום זינדיק?
אפשר האָט דער אייגענער גאָט מלכום דאָס לאַנד אוועקגעגעבן
דעם אמורי?

און אצינדערט, זע —
ניט מיט דיין פֿאָלק און ניט מיט דיין גאָט
האָבן די קינדער פֿון אברם,
זיך געשלאָגן פֿאַר דעם לאַנד,
ביי זייער אַרויסגיין פֿון מצרים.
און ניט פֿון דיין גאָט און ניט פֿון דיין פֿאָלק האָבן זיי
דאָס לאַנד גענומען,
נאָר פֿון סיחון דעם מלך פֿון אמורי, דעם מלך פֿון חשבון.
דער גאָט פֿון אמורי האָט אָנגערעדט דעם סיחון
אויפֿצושטיין קעגן דעם פֿאָלק פֿון אברם,
וואָס איז אַרויס פֿון מצרים.
וואָס האָט אים געוואָלט פֿאַרבייגיין און ניט אָנרירן,
ניט זיין שפּייז און ניט זיין וואַסער אפילו. —
פֿאַר גאָרניט איז אויפֿגעשטאַנען דער אמורי קעגן פֿאָלק פֿון אברם.
האָט דאָס דערצאָרנט יהוה אונדזער גאָט,
און ער האָט מלחמה געהאַלטן פֿאַר זיין פֿאָלק
און האָט אונדז געמאַכט ירשנען דעם אמורי.
און אַצינדערט, וואָלסטו דען וועלן, אַז ניט דיין גאָט,
נאָר מיין גאָט זאָל פֿאַרטרייבן פֿון פֿאַר דיר?...
איז דען ניט בעסער, אַז וואָס מלכום דיין גאָט
מאַכט דיך ירשענען, דאָס זאָלסטו ירשענען,
און דאָס וואָס יהוה פֿאַרטרייבט פֿון פֿאַר אונדז,

דאָס זאָל אונדזער ארבונג זיין?"
רייד צו אים אַלץ ווערטער פון פרידן, אביעזר!
מיר זענען דאָך ניט ווי די ווילדע עמונים.
דאָס ליכט פון יהוה קוקט אַרויס פון אונדזערע אויגן.
מיר דאַרפן פריער זיין אינגאַנצן גערעכט
איידער מיר שטרעקן אויס אונדזער שווערד אויפן פיינט.
דערמאָן אים אויך אָן בלק דעם זון פון צפור.
זאָג צו אים, אַז יפתח און דאָס פאָלק זענען שטאַרק.
אַז אונדזערע מחנות ליגן פאַנאַנדערגעשפרייט
גרויס און שטאַרק ווי אין די טעג פון בלעם. —
זאָג צו אים:
„ליבן, לעמפערטן, אַז זיי שפרינגען אויף,
ווער וועט זיי אַנידערזעצן?
נאָר יפתח איז דער גיבור פון דער ווייסער טויב,
און ער וועט מיט דיר לעבן אין פרידן!
ווי מיט אַ שכן אַ גוטן,
אויב דו וועסט זיך צוריקציען פון זיין לאַנד".

אַ ב י ע ז ר:

קלוגע ווערטער האָבן גערעדט די לעפצן דיינע,
גרויסער גיבור, האַר און הערשער, שופט, קצין!
מיר האָבן פאַרנומען,
מיר האָבן געהערט,
מיר וועלן פאָלגן.
(אביעזר און זיבן זקנים גייענדיק צום אָנגעגרייטן רייטוואָגן)

אַ ב י ע ז ר:

(צו זיינע באַגלייטער)
מיט יעדן העכערן טראָט פון פוס,
ווערט אויך זיכערער און העכער דער שכל פון אונדזער גיבור.

ד י א י ב ע ר י ק ע ז ק נ י ם:

אמת, אמת.
ליכטיק קומען אַרויס די רייד פון זיינע לעפצן.
(אָפּ)

פינפטע סצענע

י פ ת ח :

(צו רמליהו)

רמליהו, גרוים זענען די מחנות
פון די בני עמון?

ר מ ל י ה ו :

גרוים און שווער.

י פ ת ח :

און וואָס גרעסער, אַלץ שווערער.
זייער וואָג איז זייער אומגליק.
נאָר דאָך וואָלט איך געדאַרפט
מחנות נאָך פיל מער פון די,
וואָס איך האָב איצט אין גלעד.
פאַרוואָס זענען די בני אפרים
ניט צווישן פאָלק?
און פאַרוואָס איז אויך ניטאָ בנימין,
יהודה און דער אַנדערער האַלבער מנשה?
אויך קעגן זיי איז דאָך אָנגעריכט
די איצטיקע מלחמה.

ר מ ל י ה ו :

גיבור, שופט, די שלוחים,
וואָס דו האָסט געשיקט צו זיי נאָך נעכטן,
זאמען זיך אין קומען.

י פ ת ח :

(דערזעט אריינקומען ברכיהן)

ברכיה, וואָס האָסטו אויסגעפונען?

ב ר כ י ה :

(קניט, בוקט זיך טיף)

איך קום ערשט פון דעם שונאס לאַגער. —
עס ווייסט ניט דער שונא און האָט ניט
קיין קריגער אויף שפרינגענדיקע פערד.

י פ ת ח :

פאַר דיין גוטער בשורה זאָלסטו אַ גוטע טואונג

היינט נאָך טאָן.
נעם עטלעכע קליינע, רייטנדיקע שפּרינגענדיקע מחנות,
אַזוי פיל אין צאָל, וויפיל דו האָסט בערגלעך
אויפן וועג לינקס, ביז אויף יענער זייט לאַנד,
וואָס צו די בני עמון.
גיי מיט דער זייט פון דער מצפה
און לייג זיי אוים אויף דיין וועג —
ווי שלאַנגען־נעסטן אויף דיין וועג.
און ווען איר דערהערט מיין באַפעל,
זאָלט איר אַלע נעמען שפּרינגען.
מיט די פיס פון אייערע פערד,
מיט דער שאַרף פון אייערע שווערדן,
איבער די קעפּ פון די בני עמון,
זאָלט איר נעמען שפּרינגען.
מאַך דאָס שטיל און טו דאָס באַלד.
רמליהו, גיב אים די ברכה פון אַ פאָטער
און לאָז אים אָפּ מיט די צוגעציילטע מחנות.

(יפתח פאַרוואַרפט אַן עק פון זיין מאַנטל איבער זיין קאָפּ און איבער זיין פנים, לייגט אַרויף זיין האַנט איבער די צוגעדעקטע אויגן און בלייבט אַזוי זיצן פאַר אַ ווילע אין געשפּאַנטן נאָכטראַכטן. דאָס געשטאַלט פון אברם באַווייזט זיך נעבן אים. ברכיה הויבט זיך אויף, ווענדט זיך צום פאָטער, אַנבויגנדיק דעם קאָפּ פאַר אים. רמליהו שפּרייט איבער אים אויס זיינע הענט).

ר מ ל י ה ו:

ברכיה, זון פון רמליהו,
קנעכט פון יהוה און פון יפתח,
זיי געבענטשט!

(נעמט אַוועק די הענט פון איבער זיין קאָפּ; ברכיה גלייכט זיך אויס)

ר מ ל י ה ו:

(שטרענג)
נעם מיט זיך מיט קינן און ענת
און וועמען זיי וועלן דיר זאָגן.
און וואָס דער טאָג וועט ברענגען,
וועט ער ברענגען.

ב ר כ י ה:

פּאָטער!

ר מ ל י ה ו:

וואָס?

ב ר כ י ה:

(שטילער, אַזוי אַז יפתח זאָל ניט הערן)

דאָס פּנים פון מהיטבאל, זאָגט מען, איז פאַרוואָלקנט
פון וועגן דעם הירש, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט
און איז פון איר אַנטלאָפן ביי אונדזער אַרויסגיין פון ארץ טוב,
איז איר פּנים פאַרוואָלקנט.
זאָל איר פּנים פריילעך זיין.
ווען איך קום צוריק מיט דער הילף פון יהוה,
וועל איך פאַר איר אַ הירש אַ נייעם כאַפּן.

ר מ ל י ה ו:

(שטרענג)

ניט רייד פון דעם, ברכיה,
ניט דער גיבור, אונדזער שופט,
און ניט די איבעריקע קריגער
דאַרפן וויסן,
אַז דער הירש האָט זיך אַזוי פּלוצלינג
אַרויסגעריסן פון די הענט פון מהיטבאל
פּונקט אין דער מינוט, וואָס מיר האָבן
גענומען פאַרלאָזן אונדזער ארץ טוב.
זיי קאָנען נאָך דאָס פאַר אַ שלעכטן סימן נעמען,
אומגליק קאָן דאָס ברענגען.

(מונטערער)

נו, גוט, נו, גוט, מיין אינגל.
האָב בטחון, גלויב — דער נצחון.
ער געהער צו דעם גאָט פון אברם,
דעם גאָט פון יפתח,
אונדזער שופט דעם גערעכטן,
און עס וועט זיין, ווען דו וועסט
אַ געלייטזועליקטער קומען צוריק פון דער מלחמה,

וועט אפשר דער נייער הירש, וואָס דו וועסט כאַפּן,
זיין מהיטבאל אַליין...

ב ר כ י ה:

פּאַטער!...

ר מ ל י ה ו:

אונדזער גערעכטער שופט גלויבט ניט אין קיין יחוס,
פאַר יעדן מענטשן, זיין טויגנג זיין יחוס.
זאָג דאָס צו אַלע קריגער — דערמאָן זיי:
זיי שלאָגן זיך פאַר אַ נייעם וועלט סדר.
אַ נייעם וועלט־סדר וויל יפתח!...
נו גוט, נו, גוט.
לייג אוים דיינע נעסטן אויף דער גאַנצער לענג,
האַלט זיך די גאַנצע צייט וואַך און גרייט,
ווי אַ חיה איידער זי שפּרינגט אויף איר רויב.
(ווייזט מיט דער האַנט אויף אַפּגיין)
פאַר אַ נייעם וועלט־סדר!
פאַר יהוה און פאַר יפתח!
(ברכיה, קינן, ענת, בוקן זיך, גייען אַפּ)

זעקסטע סצענע

י פ ת ח:

(וואַרפט אַראָפּ דעם פאַרצויגענעם מאַנטל פון זיין פנים. אברם פאַרשווינדט. ווענדט זיך צו רמליהון)

שיק גלייך ארוים נייע שלוחים צו די בני אפרים;
שיק אויך צו יהודה, בנימין און דעם אנדערן האַלבן מנשה.
עס זאָל צו זיי געזאָגט ווערן:
„אזוי זאָגט יפתח:
„איך בין היינט געזאַלבט געוואָרן
פאַר אַ שופט און קצין פון דעם פאָלק.
כדי צו זיין אַן אָנלען צו אייערע הענט.
אויב איר האָט נאָר אָפּגעטאָן פון זיך די פרעמדע געטער,
הויבט זיך אויף און קומט מיט מיר,
און לאָמיר פאַרטרייבן די בני עמון,

דעם שוואַרצן וואָלקן, וואָס וויל זיך פֿאַרציען
איבער דער ליכטיקער זון פֿון די קינדער פֿון אברם״.

ר מ ל י ה ו:

אַט קומען, איך זע דאָרט די שלוחים,
נאָר... (מיט שרעק) ווײ, מיט צעריסענע קליידער...
(די שלוחים קומען אַרײַן. דער ערשטער פֿון די שלוחים נאָך רײַסנדיק אויף זיך די קליידער)

ע ר ש ט ע ר:

די בני אפרים האָבן אויסגעדרייט
זייערע רוקנס אויף אונדזערע פּנימער
און אויף אונדזערע רייד.

צ ו ו י י ט ע ר:

און אַזו אויך שבט בנימין.

ד ר י ט ע ר:

און אַזוי יהודה.

פ ע ר ט ע ר:

און אַזוי אויך דער אַנדערער האַלבער מנשה.

י פ ת ח:

(צו אַ פֿינפֿטן נאָר וואָס אָנגעלאָפֿענעם שליח)
און וואָס ברענגסטו?

פ י נ פ ט ע ר:

אַ, גיבור, האַר און הערשער אונדזערער,
אַ, גיבור פֿון יהוה.
די מחנות פֿון דעם שונא זענען גרויס!
און זיי פֿאַרדעקן דאָס גאַנצע פּנים פֿון דעם לאַנד,
און דו ביסט אַליין אין קריג,
און דו ביסט בלויז דאָס פֿאָלק, וואָס ביי דער מצפּה.

י פ ת ח:

(שטרענג)
מען דאַרף דיר אָנפֿילן דיין מויל
מיט שטעכעדיקע דערנער!
וואָלטן די בני עמון געווען
אפֿילו נאָך אַזוי פֿיל מאָל די גרויס,

איז נאָך אַלץ די האַנט פון יהוה גרעסער.

(עס דערהערט זיך דאָס אָנקומען פון רייטוואָגן. אביעזר און די זקנים קומען אָן. קוקן גלייך און ערנסט צו יפתחן. אביעזר שטייגט דער ערשטער אַרויס פון רייטוואָגן)

י פ ת ח:

(קוקט זיי אָן. פרעגט שטרענג)

און וואָס ברענגסטו, אביעזר?

א ב י ע ז ר:

בייז און ביטער זענען די רייד פון דעם מלך פון די בני עמון.
דער מלך פון די בני עמון רעדט:
„זאָל זיך אייער גיבור אָפּטראָגן פון דאַנען,
אויב ער וויל ניט, אַז מיר זאָלן מיסטיקן די פעלדער
מיט אייער בלוט און מיט אייערע ביינער".

י פ ת ח:

(נעמט ווידער אָן אַ ברעג פון זיין ווייסן מאַנטל ווי זיך גרייטנדיק אים אַריבער צו וואַרפן, אָדער אַריבערציען איבער זיין פנים. נאָר איידער ער טוט דאָס, צעעפענען זיך ביי אים די אויגן שרעקלעך גרויס, זיי בליצן אויף מיט כעס. ווענדט זיך צו די ערשטע שלוחים)

האָבן זיי ניט געזאָגט: —
„מיר ווילן ניט מלחמה האַלטן אונטער דער פירערשאַפט פון
א בן זונה?"

(די שלוחים בויגן די קעפּ, לאָזן אַראָפּ די אויגן)

י פ ת ח:

(נעמט אַוועק די אויגן פון זיי. ווי צום הימל)
זיי האָבן געזאָגט... כאָטש — —
איך גיי איצט קריגן זייער קריג
קעגן דעם שונא, וואָס זוכט זיי צו פאַרלענדן,
האָבן זיי דאָס געזאָגט — —
אויפגעשטעלט בין איך געוואָרן פאַר א באַווייז,
אַז דיר, יהוה, גייט עס ניט אין יחוס.
געלערנט דאָס פאָלק אָט דעם גלויבן,
געלערנט און נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט...
און אָט דער מלך פון די בני עמון,
וואָס זיין חיל און זיינע געטער,

זענען ניט מער, ווי די וואָג וואָס זיי וועגן.
וועט מיסטיקן די פעלדער
מיט אונדזער בלוט און אונדזערע ביינער!?
(ווי צו זיך)
האָב איך דאָס מיט אַזוי פיל מי
דערצויגן מיינע געטרייע גוטע מחנות,
גרויסע חילס־לייט געמאַכט פון די אָפּטריניקסטע און פאַרשטויסענע
פון פאָלק
געלערנט זיי גלויבן אין מיין גלויבן.
און זיי געבראַכט פון ארץ טוב ביז אהערצו,
כדי זיי צו באַגראָבן אָט דאָ,
אונטער דער וואָג פון די גענצדינער, די בני עמון?
(פאַרוואַרפט אָדער פאַרציט דעם ברעג מאַנטל איבערן פנים. דער עולם גיט זיך ווי אַ באַוועג פון אויפרעגונג. עס באַווייזט זיך דאָס געשטאַלט פון אברם)

יפתח:

(אין אַ ווײַלע אַרום אַראָפּנעמענדיק דעם מאַנטל פון פנים. דאָס אברם־געשטאַלט פאַרשווינדט, גייט אַזוי ווי אַריין אין אים. יפתח, אויסשטרעקנדיק ווי פאַר זיך זיין האַנט)
איך זע איצט יהוהס שטאַרקע האַנט
אויסגעשטרעקט איבערן גאַנצן הימל.
ניט צוליב דעם האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פון מצרים,
און אונדז געוויזן דעם וועג פון פינצטערניש צו ליכט,
כדי די וואָס גלויבן אין הילצערנע און שטיינערנע געטער,
זאָלן קאָנען לאַכן פון אונדז.
קריגער! מיר זאָלן היינטיקן טאָג נאָך
זען דעם וואונדער פון יהוה.
דעם גאָט פון ישראל, דעם גאָט פון אברם.
(באַפעלט)
צום געווער און צו די פערד!
(הויבט זיך אויף, נעמט גיין אינאיינעם מיטן עולם. דאָס געשטאַלט פון אברם באַווייזט זיך הינטער אים)

עטלעכע פון עולם: (אין עקסטאַז)
אברם, אברם! (אָפּ)

זיבעטע סצענע

(אַביבעל און זיינע לייט קומען אַרויס פון הייל, וואו זיי זענען געשטאַנען און זיך אונטערגעהערט די גאַנצע צייט)

א ב י ב ע ל:

כאַ־כאַ־כאַ,
אַ גאַנצער גדעון מיינט ער, איז ער.
זיין מפּלה איז געזיכערט.

מ ר ו ד ך:

אפילו רופן גדעון קאָן ער זיך ניט אַצינדערט, ברודער.
גדעון איז דאָך אַרויס מלחמה האַלטן
מיט בלויז דריי הונדערט קריגער,
אָבער זיינע, אינאיינעם מיטן פאָלק פון גלעד,
ציילן זיך דאָך אין די טויזנטער.

א ב י ב ע ל:

זיין מפּלה איז געזיכערט.
וואָס איז זיין צאָל קעגן דער צאָל פון די בני עמון,
און וואָס איז דער אָפּגעשוואַכטער יהוה קעגן דעם שטאַרקן מלכום?
און מלכום האָט ליב די בני עמון.

י א י ר:

יאָ, געטער האָבן ליב קרבנות...

א ב י ב ע ל:

און דער יפתח, זאָגסטו, וויל אפילו
קיין גאַנצע לעבעדיקע חיה ניט אָפּלאָזן צו יהוה?
איז פאַרוואָס זאָל יהוה ליב האָבן דעם יפתח?
פאַרוואָס זאָל ער אים וואונדער ווייזן?
און ווי אַזוי? אַז ער איז שוין אַלט און שוואַך?
דער רויך און ריח פון אַן עולה
וואָלט אפשר אָפּגעפרישט אַ ביסל די אַלטע נאָזלעכער
פון דעם גאָט יהוה,
וואָלט אפשר צוגעגעבן זיי אַ ביסל נייעם אָטעם.

דער בן זונה וואָלט דורך דעם
אפשר געפונען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן;
האָט אָבער איינער פון די גרויסע געטער
אונטערגעשטעלט אַ פוס דעם בן זונה,
האָט אים פאַרדרייט זיין שכל.
און אויסגליטשן וועט ער זיך היינט.

מ ר ו ד ך:

און דאָס פאָלק אינאיינעם מיט אים, ברודער חשובער?

אָ ב י ב ע ל:

גוט צו זיי, און ווי צו זייערע קעפּ.
אַ דאָרן האָבן זיי געקרוינט פאַר זיך
צו הערשן איבער זיי,
און אַ פייער וועט ארויס פון זיינע וואָרצלען
און וועט זיי אַלע פאַרברענען.
אָט דער פאַרעקשנטער נאַר,
דער אויסוואורף, דער רויבער פון די וועגן,
אפילו זיין אייגענעם גאָט זאָגט ער אָפּ אין יחוס.
ניט אַ גדעון איז ער, נייערט אַן אבימלך אַ צווייטער.
און זיין סוף וועט ווי יענעמס זיין.
(עס דערהערט זיך אַ ווייטער גערויש פון ביידע זייטן)

ד ע ר ע ו ל ם:

עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט!

אָ ב י ב ע ל:

(זיך צוהערנדיק מיט פרייד, ווייזט מיט דער האַנט פריער אין דער ריכטונג פון די בני עמון און נאָכדעם אין דער ריכטונג פון יפתחס תילות)
ווי דאָס גערויש פון אַ גרויסן ים,
דאָס גערויש פון די בני עמון,
און ווי דאָס פּלאַפּלען פון אַ טייכל —
דאָס גערויש פון די אָנגעלאָפענע יפתח לייט.
(לאַכט)
נו, איצט, —
זאָל איצט דער אַלטער יהוה ווייזן...
אַ הייליקע שלאַנג האָט יהוהס נאַר, יפתח,
פון איר הייליקן קוואַל ארויסשלעפּן געוואָגט

און זי נאָכדעם מיט זיין שווערד צעהאַקט.
איצט וועט אַט די הייליקע שלאַנג זיך
מיט איר געטלעכן כח פאַנאַנדערוויקלען
איבער די מחנות פון די בני עמון
און וועט זיך אַריינבייסן אין דעם לייב פון יפתח,
מיט איר געטלעכן גיפט אין זיין לייב.
מלכום האָט היינט אַ גוטן שותף אין דער שלאַנג.
מלכום קאָן זיין רואיק, מלכום קאָן זיין זיכער.
דער כח פון דעם תנין דעם גרויסן,
דעם ערשטן גאָט פון דער וועלט,
וועט היינט אַרויסשלאָגן פון דער באַליידיקטער הייליקער שלאַנג.
אָן אַלטן חשבון האָט מיטן יהוה דער תנין,
וועט ער מיט אים היינט דעם חשבון אונטערפירן.
ווי אַרום אַ וואָגלענדיק קאַלב, פאַרלאָזן אין דער מדבר,
וועט די שלאַנג היינט, מיט דער הילף פון דעם תנין דעם גרויסן,
זיך פייערדיק אַרומוויקלען אַרום דעם שמאַכטנדיקן יהוה
און אים דעם רוקן ברעכן.

(עס פליט אַרויף אַ פייל פון די עמונים און טרעפט דעם אַביבעל)

אַביבעל:

(כאַפּט זיך ביים האַרצן)

אַ?! וואָס?!... וואָס איז דאָס?!

(פאַלט. בלייבט זיצן. צום ברודער מרדוך, וואָס לויפט צו אים צו אינאיינעם מיט די אַנדערע ברידער)

אַנטלויף, לויף!

(הייזט מיט דער האַנט צום הייל)

לויף! נעם מיט די איבעריקע ברידער.
היט אויס דעם יחוס פון דעם הויז פון גלעד.
דאָס הויז פון גלעד, די שפּראָצונג פון די געטער...
פון — די — געטער...

(פאַלט אום. דער ברודער אַנטלויפט. די אַנדערע ברידער מיט אים)

יאיר:

(ברעכט אויס)

אַהאַ, אַהאַ!
דער כהן פון די געטער האָט אַ גאָט געלעסטערט און איז געפאַלן.

א געלעסטערטער גאָט ווערט שטאַרק.
שטאַרק איז אַ גאָט, וואָס האָט מענטשן וואָס גלויבן
אין אים שטאַרק.

א י י נ ע ר :

קינדער פון ישראל.
זיצער פון גלעד.
יהוהס שטראָף!
זיין שטראָף!

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

יהוה קומט זיך נוקם זיין אָן זיינע פיינט!

ע ט ל ע כ ע :

(מיט שרעק)
צו יפתח און יהוה!
(נעמען זיך לויפן אין יפתחס ריכטונג)

אַכטע סצענע

י פ ת ח :

(קומט אַרויף)
וואוהין לויפט איר?!

פ ו ן ע ו ל ם :

צו דיר, אַ גרויסער גיבור.
יהוה האָט זיך נוקם געווען אָן דיין פיינט.
(ווייזן אים אָן אויף דעם געפאַלענעם אביבעל)

י פ ת ח :

(דערזעט מיט שטוינען, שרייט אַרויס, מיט כעס)
ווער האָט דאָס געוואַגט!!?...

א י י נ ע ר :

אַ פייל פון די עמונים, קצין.

י פ ת ח :

(באַגרייפט. בלייבט שטיין אַ וויל. קוקט אויפן ליגנדיקן אביבעל, בויגט זיך צו, כאַפּט מיט אן אונגערוואַרטעטער רעגונג אָן אַביבעלס האַנט, האַלט זי אַזוי אַ ווײַלע, רופט)
ברודער, ברודער! זון פון מיין פאָטער!
יהוה האָט געמשפּט, ווער קאָן זיך אים אנטקעגן שטעלן?

(ווי צו זיך)
נאָך אינגאַנצן וואַרעם איז זיין האַנט...
(רופט)
קום שטעל זיך מיט מיר ווי אַ ברודער אין שלאַכט.
(שלעפט אים צו זיך)
שטיי אויף, אביבעלע, (רופט צעצויגן) אַ־ב־י־ב־ע־ל!
(ווי צו זיך)
די האַנט ווערט קאַלט.
די האַנט פון אַ שונא ליגט איצט אין מיין האַנט.
(וואַרפט אָפּ אביבעלס האַנט. רעדט אין נאַכטראַכטנדיקער אויפרעגונג)
ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין מיר —
אַט דאָס אויפברויזנדיקע נקמה־געפיל אין מיין בלוט —
פאַר דיין טויט.
עס שפּאַנט מיך ווי אַ פייל אין בויגן,
עס קוועלט אין מיר אָן אַ געשריי:
„נקמה פאַר דעם טויט פון מיין ברודער!"
כאָטש אָפּשטויסנדיק און טויט פיינדלעך
איז די באַרירונג פון דיין האַנט מיר.
מיט ווידערגעפיל און דאָך מיט ליבע
וואָלט איך געקאָנט פאַרוואַרפן איצט
דיין קערפּער איבער מיין פערד,
און זיך אינאיינעם, מיט דיין איבערגעוואָרפענעם קערפּער,
אריינרייסן אין די מחנות פון דעם שונא.
און האַקן קעפּ פאַר דעם קאָפּ פון דעם זון פון מיין פאָטער,
פאַר דעם קאָפּ פון מיין ברודער אביבעלע, מיין שונא.
מיין ברודער, מיין שונא, וואָס האָט געגלויבט,
ער שטאַמט פון געטער,
און וואָס גערופן האָב איך אים אין מיין הארצן „אביבשת",
און אַזוי זיך אפשר טראָגן מיט דיר ביז פאַרנאַכט,
ביז איך וואָלט אַזוי רייטנדיק,
אינאיינעם מיט דיר געשטעלט זיך פאַר יהוהן —
זאָל ער געבן זיין באַשייד: —
פאַרוואָס איז מיין בלוטיקער שונא,
מיין ברודער איצט געוואָרן?!

מיין בלוטיקער שונא, מיין ברודער, מיין שונא...
מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשיכורנדיק נקמה־געפֿיל
עס ריזלט זיך איצט מיין בלוט אין מיר! —
— נקמה, נקמה! פֿאַר דעם בלוט פֿון מיין ברודער, מיין שונא!
מיין שונא, מיין ברודער!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מענטש איז ניט אַליין; אַ מענטש איז אַ מענטש אין אַ מענטש.
מיין פֿאַרגרעבטע האַנט האָט פֿאַר אַ מינוט ברידערלעך אָנגערירט
די נאָך וואַרעמע דינע הויט פֿון זיין געצערטלטער האַנט,
ווי זי וואָלט אַלע יאָרן נאָך אַזאַ באַרירונג געלעכצט.
גענומען האָט יהוה איין שטראָם בלוט
און אים אין צוויי באַזונדערע כּלים געגאָסן,
און אָט האָט ער איצט צעבראָכן איינע פֿון די כּלים,
האָט דאָס אייגענע בלוט אין דער צווייטער כּלי
דערפֿילט אין זיך אַ ווייטיקדיקן רים.
אָ, ווען ניט אָט די אחריות פֿאַר דער היינטיקער מלחמה,
ווי גערן וואָלט איך איצט דיין קערפּער
פֿאַרוואָרפֿן אויף מיין פֿערד, און זיך געיאָגט נאָך אומזיניקער נקמה
פֿאַר דיר, אַביבעל,
פֿאַר דיר, פֿאַרפּירטער קעניגלעכער ברודער מיינער,
וואָס פֿלעגט טרייבן זיין מיוחסדיקייט,
ווי קריכנדיקע ווערים איבער מיין לייב.
(הויבט זיך אויף מיט אָנגעצונדענעם נקמה־געפֿיל)
שיין אויף, אָ, גאָט פֿון נקמה! שיין אויף!
טויזנט אָפּגעהאַקטע קעפּ פֿאַר דעם קאָפּ
פֿון מיין געפֿאַלענעם ברודער!
נקמה פֿאַר זיין בלוט!
(צו די קריגער, וואָס האָבן זיך אַרומגעזאַמלט אַרום אים)
קריגער!
ניט פֿאַר די שטיינוואַרפֿערס!
ניט פֿאַר די פֿיילנבויגנס!
מיט אָנגעשטעלטע שפּיז, בלויז און שאַרף,
זיך אַריינשטעכן גלייך
אין דעם פֿאַרשאָלטענעם שונא!

די קריגער:
(זיך כאַפּנדיק פאַר די שפּיזן)
פאַר יהוה און פאַר יפתח!

יפתח:
און פאַר דעם טויט פון מיין ברודער!
(אָפּ אינאײנעם מיט זיי)
(עס דערהערט זיך דאָס געשריי און טומל פון געשלעג. עס דערווייטערט זיך)

יאיר:
(העלפט אביבעלס יונגען אַוועקנעמען דעם קערפּער פון אביבעל. קרעכצט)
טרויערט, זיצער פון גלעד, אהאָ, אהאָ!
אונטערגעגאַנגען איז אַ זון. אהאָ, אהאָ!
(לויכט פריידיק אויף)
פרייט זיך, זיצער פון גלעד, —
אַ זון גייט אויף!
אַ זון גייט אויף!

ניינטע סצענע

(יפתח, רמליהו און אביעזר לויפן אָן צוריק)

יפתח:
(האסטיק)
דער שונא איז שרעקלעך גרויס.
דו, רמליהו, נעם גלייך די צוגעגרייטע מחנות רייטער,
וואָס נעבן די טייטלבוימער,
און וואַרף אַרויף זיי אויף דעם שונא
פון דעם דריטן באַרג. מאַך דאָס שנעל,
ווען ניט וואַרפט ער זיך אַריבער
מיט זיין גאַנצער וואָג איבער אונדז,
ווי אַ כוואַליע איבער זאַמד.
באַפעסטיק גלייך נאָכדעם די שטיינוואַרפער
און די פיילנבויגן שיסער,
אויף די בערג און אויף די בוימער,
אויף דער גאַנצער לינקער זייט פון שונא.
און זאָל ברכיה אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט

גיך פאַנאַנדערוויקלען זיינע שלאַנגען־נעסטן,
און איך וועל דאָ וואַרפן די שפּיזן און שווערדן מחנות גלייך
אַנטקעגן זיי.
די שלאַכט מוז געוואונען ווערן אויף איין מאָל,
ווען ניט, זענען מיר פאַרלוירן.

ר מ ל י ה ו :

בענטש מיך, אָ, גיבור פון יהוה.

י פ ת ח :

(אויפהויבנדיק זיין האַנט)

אין נאָמען פון יהוה זיי געבענטשט.

א ב י ע ז ר :

אַזוי זאָל יהוהס ווילן זיין.

(רמליה גייט האַסטיק אַפּ)

צענטע סצענע

י פ ת ח :

(זיך פלוצלינג אָפּשטעלנדיק פאַר אביעזרן)

עפּעס קוקסטו אויף מיר דעם גאַנצן טאָג,
ווי דו וואָלסט מיר עפּעס וועלן זאָגן?

א ב י ע ז ר :

איך טראַכט אַלץ... אַן עולה צו יהוהן.
מען האָט דיך דאָך געקרוינט היינט פאַר אַ שופט און פאַר אַ קצין.
און כאָטש איין זייל רויך פון אַ קרבן אַ גאַנצן צו יהוהן...

(קוקט אים אַן אַ רגע, ענדערט דעם שמועס)

אָבער... ניט נאָר דאָס טראַכטן איצט די געדאַנקען.
איך טראַכט פון די בני אפרים,
וואָס איבער זיי איז איצט די גאַנצע באַרג־זייט ביים ירדן,
וואָס דו האָסט געמיינט, זי וועט באַשיצט זיין פון זיי,
געבליבן ניט באַשיצט...

עלפטע סצענע

א ל י פ ז :

(לויפט אַרויף אַ פאַרסאָפּעטער)

גיבור, יפתח, שופט!

די טשערעדעס שטייען ניט באַשיצט.
גיב מיר שוץ פאַר די טשערעדעס דיינע.

יפתח:

וואו געפינען זיך די טשערעדעס?

אליפז:

אויף דעם אָרט וואו דו האָסט מיך נעכטן געהייסן,
אויף דעם אָרט, וואָס דו האָסט געגלויבט,
די בני אפרים וועלן באַשיצן.

יפתח:

וויסן שוין די בני עמון די געלעגערס פון די טשערעדעס?

אליפז:

ניין, אָבער די בני אפרים...
צו שטאַרק איז זייער באַוואונדערונג.
זיי קאָנען גאָר די אויגן ניט אוועקנעמען פון דיינע אָקסן:
אַזוינע גרויסע אָקסן! אַזוינע שיינע אָקסן!
אַזוי פיל גרויסע שיינע פעטע אָקסן!
ווי אַזוי האָט איר דאָס אויסגעפּאַשעט
אַזוינע גרויסע שיינע אָקסן?!...
מיט געווער מוז מען אָפּטרייבן פון די אָקסן, די בני אפרים.

יפתח:

אליפז, לויף שנעל צוריק,
רייץ אויף דיינע אָקסן,
ביז אַ רויכערדיק פייער זאָל זיך אָנצינדן
אין זייערע געדערים,
ביז דער רויך ביי זיי זאָל
פון די מיילער און פון די נאָזלעכער נעמען זעצן.
טרייב זיי אין זייער ווילדסטן ווילד אַרויף אויף די בערג,
און לאָז זיי פון דאָרט אָפּ אויף די רויטע מחנות
פון די פאַרשאָלטענע בני עמון!

אביעזר:

(דאָס פנים לויכט ביי אים אויף פון פּלוצלינגער פרייד. אָנקוקנדיק מיט באַוואונדערונג יפתחן)
זאָל יהוה צושיקן זיין הילף דורך די אָקסן.

און זאָל ער בענטשן דיינע ווייטערדיקע געראַנקען.
דאָס שוואַכסטע אָרט אויפן מלחמה־פעלד,
ווערט דאָס שטאַרקסטע אָרט אַצינדערט.
לאָז מיך אויך אָפּ מיט אליפזו,
אפשר וועל איך אים אויך דאָרט קאָנען
באַהילפיק זיין מיט וואָס.

י פ ת ח :

גוט, אביעזר, זעץ זיך אַרויף אויף דיין מויל־אייזל
און איל זיך אינאיינעם מיט אים.
נעם מיט וועמען דו קאָנסט אויפן וועג,
מיט שטעקנס אין די הענט נעם מענטשן מיט.
נאָר ניט פון די אָפּגעלייגטע מחנות.
(אַ באַפעלערישע און בענטשנדיקע באַוועגונג מיטן האַנט)
גייט, און גאָט זאָל זיין מיט אייך.

א ל י פ ז :

(באַרימעריש)
ניטאָ קיינער אין ישראל, וואָס קאָן אזוי ווילד מאַכן אַן אָקס ווי איך.
(אָפּגייענדיק)
איך קאָן זיי יאָגן אזוי ווילד, ביז די אויגן ווערן ביי זיי
פאַרגאָסן מיט בלוט.
ביז זייער פלייש ווערט זיס,
זיס ווי אָנגעוואַרעמטער האָניק איז צום גומען,
און ווען די צעווילדעטע אָקסן וועלן נאָך
אין מיטן פון זייער צערייצטן טראָגן זיך
דערזען פאַר זיך די רויט־קליידערדיקע עמונים,
וועלן זיי שנעלער פון דונערדיקע בליצן,
פאַרוויסטן אַלץ אויף זייער וועג.
גרויס איז אונדזער שופט, קלאָר איז זיין געדאַנק.
יאַ־האַ־דאַ־דאַ־דאַ־דאַ־האַ !
(אָפּ אינאיינעם מיט אביעזרן).

צוועלפטע סצענע

(געשריי פון שלאַכט־פעלד נעענטער און ווייטער)

י פ ת ח:

(הערט זיך צו. לייגט צו זיין האַנט איבערן שטערן, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן אויפן מלחמה־פעלד, נעמט אָן זיין פערד ביי דער צוים)

אך, ווען יהוה זאָל איצט געבן שטאַרקייט צו מיינע אַקסן!

י אָ י ר:

(קומט אַרויף. יפתח דערזעט אים)

י פ ת ח:

(ווי דערשראָקן)

ווער ביסטו?

י אָ י ר:

איך בין דאָ געשטאַנען ביי דעם טויט פון דיין ברודער.

י פ ת ח:

וואָס זענען געווען זיינע לעצטע רייד?

י אָ י ר:

אַז דו ווילסט ניט שטאַרקן יהוה...
דו ווילסט צו אים ניט ברענגען
קיין קרבן, קיין גאַנצן.
און אַז איבער דיין עקשנות
וועט ניט לייטזעליקן דיך יהוה.

י פ ת ח:

(קוקט אים אָן צעשראָקן).

ווער ביסטו, אַ מענטש, צי אַ מלאך?

י אָ י ר:

דאָס געווין פון דער מלחמה פאַר יהוה
הענגט אָפּ פון געציילטע ווינט־בלאָזן.

(קוקט אים אָן שטרענג. גייט אָפּ)

י פ ת ח:

(קוקט אים נאָך, זאָגט אים נאָך)

„גערעכט איז ער —
דער אויסגאַנג פון דער מלחמה פאַר יהוהן
הענגט אָפּ פון געציילטע ווינט־בלאָזן"

און אפשר איז ער אויך גערעכט... אפשר...
אפשר וועט יהוה ניט ליטזעליקן...
אפשר וויל יהוה גאַנצע קרבנות.

דרייצנטע סצענע

(געשרייען נאָענט צו דער סצענע. אַ צעטראָגענער קריגער לויפט אַרויף)
ד ע ר ק ר י ג ע ר:
אָ, גיבור, דער שונא שטאַרקט זיך!
ראַטעווע, גיב פאַרשטאַרקונג.
י פ ת ח:
(לאָזט אָפּ די צוים פון פערד. בייז, באַפעלעריש)
לויף גלייך צוריק!
ד ע ר ק ר י ג ע ר:
אָ, גיבור, דער שונא איז שרעקלעך גרויס!
י פ ת ח:
(אָנשטעלנדיק זיין שפּיז צום בויך פון קריגער. בייז)
נאָר נאָך גרעסער איז יהוה!
א יפתח קריגער מוז דאָס וויסן. ווען ניט — איז טויט צו אים!
ד ע ר ק ר י ג ע ר:
(הויבט אויף זיינע הענט אין דער לופטן, שרייט אויס שרעקלעך הויך)
פאַר יהוה און פאַר יפתח!
(דרייט זיך אויס און נעמט מיט אויפגעהויבענע הענט לויפן צוריק צום מלחמה־פעלד שרייענדיק מיט שרעק):
פאַר יהוה און פאַר יפתח!

פערצנטע סצענע

י פ ת ח:
(אַליין זיך צוהערנדיק צו די מלחמה־געשרייען. נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן. די געשרייען קומען צו אַלץ נעענטער)
יהוה, וואָס גייט דאָ ווערן?!...
זאָל איך איינשטעלן די לעצטע מחנות
וואָס ליגן אויף יענער זייט באַרג?

(כאַפּט זיך אַרויף אויפן פערד, באַווייזט זיך נאָכדעם אויף דעם שפּיץ פון אַ דערהוייטערט בערגל אַרויף אויפן סאַמע הינטער־גרונט, שפּאַנט דעם בויגן, שיסט אויס אַ פייל. אַ קריגער לויפט גלייך נאָך דעם אַרויף צו אים)

דער קריגער:

וואָס באַפעלסטו, שופט!

יפתח:

די מחנות פון ארום דעם באָקסער בוים,
גלייך אָפּרייסן פון אָרט און וואַרפן
אויף די קעפּ פון די געצן־דינער,
אויף זייערע קעפּ!

דער קריגער:

(מיט פרייד)
פאַר יהוה און פאַר יפתח!
(לויפט אָפּ)

יפתח:

(זיך אומקוקנדיק צו דער זייט פון מלחמה פעלד)
ווי שרעקלעך גרוים עס איז דער פיינט!
דער מענטש — ווי אַ געטלעכער מענטש
האָט געזאָגט מיט זיינע ליפּן. —
דער געווין פון דער מלחמה הענגט אָפּ
פון געציילטע בלאָזן פון ווינט.
אפשר טאָקע אַן עולה?...
אפשר האָב איך געגרייזט?...
אפשר האָב איך שלעכט פאַרשטאַנען?...
(ציט מיט פלוצלינדיקער אַנטשלאָסנקייט אַרויס זיין שווערד, הויבט זיך אויף מיטביידע הענט, לייגט איר פלאַך צו זיין שטערן)
יהוה! אלהים! אדני! אל! אל צבאות! שדי! יה!
אין די איצטיקע געציילטע ווינט־בלאָזן, זיי מיט מיר.
גיב קראַפט צו מיינע קריגער,
גיב פליגלען צו זייערע פערד,
גיב ווילדקייט צו מיינע אָקסן,
גיב בראַנד אין די ביינער פון די הייליקע אָקסן,
גיב פייער אין זייערע נאָזלעכער,
גיב זייערע קרעפטיקע הערנער,

ווי פאַרשפּיצטע אייזנס צו זייערע קעפּ.
גיב בליציקע שנעלקייט צו זייערע פיס.
די ברידער פון די אַנדערע שבטים האָבן
ווי פרעמדע הינט אוועקגעשטעלט זיך קעגן מיר,
קעגן מיר און קעגן דיר.
ווייל זיי זענען בלינד.
בייט מיר אויס אָט די בלינדע הינט, היינט
אויף מיינע אָקסן, יהוה.
געהייליקט האָב איך די אָקסן פאַר דיר,
הייליק אויך דו זיי פאַר זיך אין דעם היינטיקן טאָג.
מיט דיין פייער אין זייערע געדערים הייליק זיי פאַר זיך.
יהוה, אדוני אלהים, אל, אל צבאות, שדי!!
ווייז אַ נס!
דו ווייסט דאָך, אַז די מלחמה
איז פאַר דיר און פאַר דיין פאָלק.
דו ווייסט, זיי האָבן געפעלשט אין מיר.
איך, דיין קנעכט, פאַרגיב זיי דאָס שלעכטס,
וואָס זיי האָבן צו מיר געטאָן,
פאַרגיב זיי אויך דו.
פאַרגיב דיין פאָלק ישראל.
פון דיין כבוד־וועגן זאָלסטו דאָס טון.
און איך — זע — איך גיב דיר איצט אַ נדר.
(שטרעקט מיט זיין רעכטער האַנט, מיט פלוצלינגדיקן ברען, ציט אויס זיין שווערד צום הימל)
און עס וועט זיין,
ווען דו וועסט געבן די בני עמון אין מיינע הענט,
איז דאָס ערשטע, וואָס וועט אַרויסגיין
פון די טירן פון מיין הויז,
ביי מיין קומען צוריק פון דער מלחמה,
וועט געהערן צו דיר.
און איך וועל דאָס ברענגען
פאַר אַ גאַנצן קרבן צו דיר.

פופצנטע סצענע

(עטלעכע קריגער פון די בני עמון מיט אַנגעצויגענע פיילנבויגנס קומען אַרויף, זיך נאָכיאָגנדיק נאָך צוריקטרעטנדיקע יפתח קריגער. איינער פון זיי דערזעט יפתחן אויפן שפּיץ באַרג. יפתח נאָך אַלץ מיט דער אויסגעשטרעק־טער שווערד אין האַנט)

איינער פון די עמונים:

(שרייט אויס מיט שרעק)

זעט נאָר! זעט נאָר!...

(זיי בלייבן אַלע שטיין, ווילן אָנשטעלן די פיילן אויף אים, האַלטן זיך צוריק אויף אַ ווײַלע, ווערן פאַרבלענדט, ווערן צעטומלט, דערשראָקענע)

איינער:

מיר זעען אַ גאָט!
אַ באָרד ווי פון לעבעדיקע שוואַרצע שלאַנגען,
פייער איז זיין פּנים און זיין שווערד.
דאָס מוז זיין דער גאָט יהוה, זייער גאָט.
ניט ווי אַ קאַלב,
ווי אַ מענטש זעט אויס זייער גאָט!...
און די רייט־חיה וואָס אונטער אים ברענט;
ווי אַ שטערן פון הימל ברענט די רייט־חיה אונטער אים.

איינער:

(אַרויסלאָזנדיק זיין בויגן פון די הענט מיט שרעק און מאַכנדיק אַ פּאָר טריט צוריק)

סאַראַ שרעקלעך אויסגעשטרעקטע האַנט!...

אן אַנדערער:

זיין שווערד איז אויסגעשטרעקט צו דער זון!

אן אַנדערער:

זיין שווערד שפּאַלט די זון אויף צווייען!

אן אַנדערער:

דאָס האַלט דער יידישער גאָט מלחמה מיט אונדזער מלכום,
מיט אונדזער מולך,
דעם גאָט פון דער זון.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר:

(מאַכנדיק אינאײנעם מיט אַנדערע אַ פּאָר טריט הינטער זיך)

אַט רײסט ער, דאַכט זיך, באַלד אַראָפּ די זון,

און וואַרפט זי אויף אונדזערע קעפּ.

ע ט ל ע כ ע:

ווײ, מיר זענען פאַרלוירן!

לאָמיר לויפן פון זײן פּנים!

(דרײען זיך אויס און אַנטלויפן; עטלעכע אַנדערע קומען צוגײן אַנטקעגן, שרײענדיק)

א י י נ ע ר:

(פון די נײ־אָנגעלאָפענע)

ווײ, מיר זענען פאַרלוירן אין דעם הײנטיקן טאָג.

יהוה טרײבט אויף אונדז אָקסן פון דעם הימל.

מיט שרעק און פאַרוויסטונג יאָגט זײער יהוה אָקסן אויף אונדז,

פון דעם הימל — אָקסן אַזוינע.

אַ נ ד ע ר ע:

פון די בערג שפּרינגען זײ,

פון די הימלען קומען זײ,

מיט פײער אין זײערע נאָזלעכער,

מיט הערנער, ווי שפּיציקע אײַזנס,

מיט הערנער, ווי די שאַרף פון דעם טויט.

(די געשרײען פון מענטשן, פערד און אײזלען, דאָס רעווען פון אָקסן דער־טראָגט זיך אַלץ אָפטער און שטאַרקער).

אַ נ ד ע ר ע:

און רײַטער אויף שלאַנגען־חיות אַזוינע, שפּרינגען

איבער די קעפּ פון אונדזער חיל.

שפּרינגען און זײען טויט אונטער זיך.

אַ נ ד ע ר ע:

דאָס זענען יהוהס מלאכים מיט שטײפע בערד,

און מיט אויגן, וואָס שפּריצן פײער,

מיט שווערדן, וואָס ברענגען פאַרלענדונג.

מיט רויך און מיט פײער וואַרפן די שפּרינגענדיקע שלאַנגען־חיות וואָס אונטער זײ.

אַ נ ד ע ר ע:
וואו נאָר דו גיסט זיי אַ קער, ווײ און ווײ!
שפּרינגענדיקע חיות־שלאַנגען מיט שפּיזנדיקע מענטשן,
און שפּרינגענדיקע אָקסן איבער אונדזערע קעפּ.

אַ ל ע אַ נ ג ע ל אָ פ ע נ ע:
ווײ, ווײ, ווײ...

אַ ה אַ ר פ ו ן ד י ב נ י ע מ ו ן:
(לויפט אַרויף אַ מידער אַ פאַרוואונדעטער, פאַלט)
ווײ צו אונדז! מיר זיינען אָפּגענאַרט אין דעם היינטיקן טאָג.
ניט אַלט, ניט אויסגעלאָשן איז דער אָטעם פון די נאָזלעכער פון דעם שרעקלעכן יהוה.
היינט האָט ער אַ בלאָז געטאָן אין אונדז
מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון זיין פאַרלענדנדיק פייער;
האָבן די נאָזלעכער פון דעם קאַלב־גאָט־יהוה אַ בלאָז געטאָן אין אונדז
פון זיין פירכטלעכן צאָרן — אָקסן אַזוינע.
די בייכער פון אונדזערע מענטשן און קעמלען רייסן זיי.
(יפתח רייסט זיך אָפּ פון זיין אָרט. אַן אַלגעמיינער אויסגעשריי, ווייזנדיק אין דער יפתח זייט)
זעט דאָרט! זייער גאָט! ניט ווי קיין קאַלב־גאָט,
ווי אַ מענטש־גאָט איז זייער גאָט!

י פ ת ח:
(דערהערנדיק און דערזעענדיק, לאָזט אַרויס אַ ווילדן אויסגעשריי)
האַ — האַ, האַ — האַ, האַ, — או!!!
יהוהס האַנט האָט זיך געשטאַרקט!
יהוהס האַנט האָט זיך געגרויסט!
הויבט זיך אויף, אַ, מחנות פון יהוה!
אַלע פון אַלע באַהעלטענישן!
טרינקט אָן אייערע דאָרשטיקע שווערדן ביז זאַט!
(קריגער לויפן זיך אָן צו אים, ער לאָזט זיך אין פאָראויס)
האַ — האַ, האַ — האַ, האַ — אַ!
טויזנט קעפּ פאַר דעם קאָפּ פון מיין ברודער, מיין שונא!
טויזנט קעפּ!

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

צווייטער פאָרהאַנג

נאָך דער מלחמה

דאס ליד פון נצחון

(פאַר דעם הויז פון יפתח. מהיטבאלס חברטעס טאַנצן אַ רינג אַרום איר. אַ פּאָר שטייען אין מיטן נעבן איר, קאָמען זי, פוצן און ריידן, אָדער זינגען דערביי)

אַ ל ע:

לאָמיר אַלע זינגען
דאָס ליד פון יהוהס גרויסן גיבור יפתח,
דאָס ליד פון יפתח דעם גערעכטן.

„זאָל גאָט משפטן צווישן מיר און זיי",
האָט אויסגעשריען דער גרויסער גיבור יפתח,
יפתח דער גערעכטער.

אַרויפגעשפּרונגען האָסטיק אויף זיין פערד
איז דער גרויסער גיבור יפתח,
אויף זיין פערד, יפתח דער גערעכטער.

אָנגעצונדן האָבן גלייך די קריגער זיך
מיט דעם כעס פון זייער באַליידיקטן גיבור,
מיט דעם כעס פון זייער דערצאָרנטן גיבור,
דעם גרויסן גיבור יפתח דעם גערעכטן.

אָפּגעריסן האָבן גלייך די ערשטע מחנות פון דער ערד זיך
זיך אָפּגעריסן האָבן מחנות,
די מחנות פון יפתח.
פאַר יהוה און פאַר יפתח.

אַ פאַרשיינטע האָט די גאַנצע ערד געגומען פראַכן,
פראַכן האָט געגומען די ערד די גאַנצע,

און פראַכנדיק געגומען שווימען און שווינדן
פון אונטער די האַסטיקע טריט פון די רייטנדיקע מחנות
פאַר יהוה און פאַר יפתח.

ע ט ל ע כ ע :

פון אַנטקעגן שווימען אויף, גלייך אַנטקעגן שווימען אויף
די רויטע, גרויסע מחנות פון די געצן־דינער,
די בני־עמון, די בני־עמון.
האָט יהוהס גרויסער גיבור יפתח דער גערעכטער
שנעלער נאָך געגומען טראָגן זיינע מחנות
פאַר יהוה און פאַר יפתח.
מיט זיין גאַנצן אויפגעביטערטן כעס דעם בייזן
האָט דער גרויסער גיבור יפתח דער גערעכטער,
אַ וואַרף געטאָן זיינע געטרייע מחנות
אויף די קעפּ פון די געצן־דינער די בני־עמון.

אַ נ ד ע ר ע :

זאָלן די פערד פון יהוה און פון יפתח
זיך הויבן אויפן שונאס קאָפּ,
אויף די קעפּ פון די געצן־דינער די בני־עמון.

זאָלן די שווערדן פון יהוה און פון יפתח
זיך אַנטרינקען אין דעם בלוט פון די געצן־דינער,
די בני־עמון, די בני־עמון.

מיט יפתחס קריגער איז דער שטאַרקער גאָט,
מיט יפתחס קריגער איז דער גאָט יהוה,
און זיין גיבור יפתח. יפתח דער גערעכטער.

אַ נ ד ע ר ע :

מחנות וואַרפן זיך אויף מחנות,
מחנות שלאָגן זיך צונויף, שפּרינגען אויף ווי בערגיקע כוואַליעס.
די ערד געוואָרן איז אַ ים אַ ווילדער.

אָ יהוה, אל צבאות, העלף דיינע קריגער,
און דיין גיבור יפתח,
דעם גרויסן גיבור יפתח דעם גערעכטן!

אַ נ ד ע ר ע:

ווילד געוואָרן איז די ערד,
געגומען וואַרפן זיך, מיט פערד מיט מענטשן און מיט קולות.
דער גרויסער גיבור יפתח טרייבט,
פון באַהעלטענישן פון אונטער די בערג,
טרייבט נייע מחנות דער גרויסער גיבור יפתח,
יפתח דער גערעכטער טרייבט:
„אויף די קעפ פון די געצנדינער,
אויף די קעפ זייערע שפרינגען זאָלט איר מיינע מחנות,
מחנות פון יהוה".
די גיכע מחנות שפרינגען אויף, פאַלן אָן פון פּלוצלינגדיקע ערטער
אויף דעם גרויסן רויטן שונא,
אויף די געצנדינער,
די בני־עמון, די בני־עמון.

אַ נ ד ע ר ע:

(צו מהיטבאל מיט געענדערטער ווענדונג)
אין הונדערטער און אין טויזנטער,
האָט געציילט זיינע מחנות דיין גרויסער פאָטער,
מהיטבאל, מהיטבאל!

מ ה י ט ב א ל:

אין הונדערטער און אין טויזנטער
האָט געציילט זיינע מחנות מיין פאָטער, מיין פאָטער!

ח ב ר ט ע ס:

נאָר הונדערט מאָל הונדערט און טויזנט מאָל טויזנט
האָבן ליב זייער גיבור
די קריגער פון יהוה, מהיטבאל, מהיטבאל!

אַ ל ע:

שעם זיך אָ, שבט אפרים, שעם זיך.
שעם זיך אָ, האַלבער שבט מנשה.
און אויך דו בנימין זאָלסט זיך שעמען.
פאַרלאָזט האָט איר דעם גרויסן גיבור פון יהוה,
דעם גרויסן גיבור, יפתח דעם גערעכטן,
אין דעם טאָג וואָס ער איז אַרויס צו קריגן אייער קריג.

איינע:

ווי צו דיר אפרים, פון דיין שאַנד זינגען מיר איצט אַ ליד.
אויסדערוויילט האָסטו זיך אַלס אויסדערוויילטער שבט.
ווי צו דיר אפרים, פון דיין שאַנד זינגען מיר איצט אַ ליד.

אַלע:

אויף הפקר געלאָזט האָט איר אייערע ברידער
אין טאָג פון זייער נויט.
אויסגעלאַכט האָט איר גלעדס גרויסן גיבור, יפתח,
דעם גרויסן גיבור פון יהוה.
יפתח דעם גערעכטן.

איינע:

אין דעם היינטיקן טאָג געשטראָפט אייך האָט גאָט יהוה דערפאַר,
אויסגעלאַכט אין היינטיקן טאָג זענט איר פון דעם גאָט יהוה.
באַדעקט מיט שאַנד אייער פנים היינט האָט דער גאָט יהוה.
אויף אָקסן האָט אין היינטיקן טאָג אייך אויסגעביטן יהוה,
אויף יפתחס גרויסע שטאַרקע אָקסן,
די הייליקע אָקסן פון ארץ־טוב.

עטלעכע:

ניט באַשיצט זענען געשטאַנען די גרויסע טשערעדעס אָקסן,
אויף די ערטער וואָס אפרים האָט געדאַרפט קומען און באַשיצן,
זענען געשטאַנען ניט באַשיצט די גרויסע אָקסן,
ניט באַשיצט פון דעם שונא, די בני־עמון, די בני־עמון
און פון די פאַלשע ברידער — די בני אפרים.

אַנדערע:

ניט פאַר אַ ירושה צו די בני אפרים
זיינען געהייליקט מיינע אָקסן,
ניט פאַר די מיוחסים, די בני אפרים,
צו גאָט זיינען געהייליקט מיינע אָקסן
און די מלחמה איז פאַר גאָט.

אַנדערע:

אויפן שונא טרייבט מיינע גרויסע אָקסן!
זאָלן די הייליקע אָקסן מיר העלפן אין דעם היינטיקן טאָג
העלפן זאָלן זיי מיר קעגן מיין בלוטיקן שונא,
דעם שונא פון מיין פאָלק און פון יהוה!
באַדעקט מיט שאַנד אייער פנים היינט האָט דער גאָט יהוה.

א נ ד ע ר ע :

איבער די בערג, ווי פון הימל,
האָבן געגומען שפּרינגען די צעווילדעטע גרויסע אָקסן
אויף די מחנות פון די בני־עמון, די בני־עמון!

א ל ע :

אַ לויב־געזאַנג די אָקסן!
געבענטשט און געלויבט זאָלן זיי זיין!



ווי העלפאַנטן די גרויס, זייער גרויס,
ווי הירשן־פיס גרינג, זייערע פיס.
זייערע הערנער —
געווייסט זילבער,
געברוינט קופּער,
געשפּיצט אייזן.

ע ט ל ע כ ע :

געשלאָגן האָבן מיט רויך און מיט פייער
אייערע נאָזלעכער,
מיט רויך און מיט פייער האָבן געוואָרפן
אייערע רעווענדיקע מיילער.
יהוה האָט געשאַרפט אייערע בליצנדיקע הערנער.
יהוה האָט געלייגט רויך און פייער אין אייערע גדערים.

האָט אַריינגעשטעקט דונערנדיקע קולות אין אייערע העלדזער —
יהוה איז געווען צווישן זיינע טשערעדעס —
יהוה האָט געטריבן...

אַ נ ד ע ר ע :

איבער די בערג, ווי פון הימל געשפרונגען,
זיינען די געטלעכע אָקסן:
ווי פון הימל געשפרונגען און געפאַלן שווער
אויף די קעפּ פון די בני־עמון, די בני־עמון.

אַ נ ד ע ר ע :

צונויפגעלאָפן זענען זיך די בערג פון דעם ירדן און פון גלעד
צו קוקן און זען, ווי יהוה איז אַרויס צו שטאַרקן
די הענט פון זיין גרויסן גיבור יפתח,
יפתח דעם גערעכטן.
די בערג זיינען געקומען צו זען די וואונדער פון יהוה.

אַ נ ד ע ר ע :

ברכיה האָט געוואָרפן זיינע הונדערטער, שפּרינגענדיקע פערד־חיות,
ווי שלאַנגען־נעסטן האָט ער זיי געוואָרפן,
ווי פליענדיקע שלאַנגען־פערד איבער דעם שונאס צעטומלטע קעפּ,
פערד און שווערד איבער זייערע קעפּ.
האָט ברכיה געוואָרפן!...

אַ נ ד ע ר ע :

רמליהו! זיינע טויזנטער אין די זייטן פון דעם שונא
און יפתח זיינע צענטויזנטער אויף זייערע פּנימער,
און הינטער זייערע קעפּ — די ווילדע אָקסן,
די הייליקע אָקסן, די גרויסע שטאַרקע אָקסן פון יהוה און פון יפתח.

ע ט ל ע כ ע :

אַרויסגעהויבן געוואָרן איז יפתח,
צווישן די בערג איז אַרויסגעהויבן געוואָרן יפתח,
פאַר די אויגן פון די צעטומלטע געצנדינער,
איז אַרויסגעהויבן געוואָרן יפתח;
ווי דער ברענענדיקער יהוה, דער ברענענדיקער גאָט פון נקמה,
ווי די שטראָפנדיקע האַנט פון יהוה,
איז אַרויסגעהויבן געוואָרן יפתח —
פאַר די געצנדינער — די בני־עמון, די בני־עמון.

אַנדערע:

ווי גאָט יהוהס, האָט זיין קול געוומען גליווערן זייער בלוט.
זיי האָבן דערהערט דאָס שאַלן פון דעם קול, דאָס קול פון יפתח.
זיי האָבן דערזען, ווי ברענענדיק פייער, דאָס געשטאַלט פון יפתח,
ווי פאַרלענדענדיק פייער, דער גרויסער גיבור פון יהוה, יפתח —
יפתח, דער גערעכטער.

צווישן זיי און איבער זיי
איז, ווי אַ פייערדיקער גאָט און שופט אויפגעשטאַנען
יפתח אונדזער קצין, יפתח אונדזער שופט, יפתח דער גערעכטער.

אַלע:

און זיי האָט גענומען שרעקן זיין אויסזען,
און זיי האָט גענומען שרעקן זיין פערד,
און זיי האָט גענומען שרעקן זיין באָרד און זיינע אויגן,
און זיי האָבן גענומען לויפן פאַר זיין שטאַרקן פנים
און פאַר דער שאַרף פון זיין שווערד.

אַנדערע:

פון זיין געשריי זיינען אַ סך געפאַלן צו דער ערד,
פון זיין געשריי האָבן דעם שונאס קעמלען אויסגעדרייט זייערע
רייטער
און האָבן מיט זיי גענומען לויפן ווי משוגענע.

אַלע:

„דער יידישער גאָט צבאות! דער גאָט פון ישראל!!!"
האָבן גענומען שרייען די צעטומלטע בני־עמון.
די צעטומלטע בני־עמון האָבן גענומען שרייען,
אין ווילדן שרעק גענומען לויפן פון זיין צאָרן,

עטלעכע:

אויף זיך אַליין האָבן גענומען לויפן די בני־עמון, די בני־עמון,
אויף זייערע אייגענע טריט,
אויף זייערע אייגענע קעפּ,
און דער גרויסער גיבור פון יהוה,
יפתח, דער גערעכטער
האָט אַלץ געפרעסט און געטריבן,

אַלע:

און ער האָט זיי פאַרטריבן פון גלעד,

און ער האָט זיי פאַרטריבן פון ירדן,
און אַריבער דעם ירדן,
און ער האָט זיי געשלאָגן און נאָכגעיאָגט,
אין זייער לאַנד,
ביז ער האָט איינגענומען צוואַנציק פון זייערע שטעט
ביז ער האָט זיי אונטערגעיאָכט
צו די קינדער פון ישראל.
צו די קינדער פון אברם
און יהוה.

דער פֿאַרשאָלטענער טאָג

(עס דערהערט זיך אַ שאַלן פון די אָנקומענדיקע זיגרייכע קריגער. מהיטבאל שוין אַ פאַרפוצטע רייסט זיך אַרויס מיט אירע טאַצן פון דעם קרייז און נעמט טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק לויפן אַנטקעגן. זי טאַנצט אין פאָרויס פון אַלע. די קריגער קומען אַרויף, דער מנצח יפתח וואָס גייט פאַר זיי בלייבט אָבער פּלוצלינג פאַרשטיינערט שטיין, נעמט זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן. ער זוכט עפּעס מיט שרעק. מהיטבאל טאַנצט אַליין און קלאַפּט אין בלעך, זיין פּנים ווערט אַלץ פאַרצווייפלטער און שאַרפער).

די איבעריקע טענצערינס און די קריגער:

הידד, הידד, דער גרויסער גיבור פון יהוה און פון גלעד,
דער גרויסער גיבור יפתח,
יפתח דער גערעכטער!

די מיידלעך:

אין הונדערטער און אין טויזנטער
האָט געציילט זיינע מחנות,
יפתח, יפתח, דער גערעכטער.

ברכיה:

נאָר הונדערט מאָל הונדערט און טויזנט מאָל טויזנט
האָבן די קריגער ליב זייער גיבור,
דעם גיבור פון גלעד און יהוה,
דעם גיבור יפתח דעם גערעכטן.

די איבעריקע קריגער:

(זאָגן איבער אַלע אינאיינעם)

נאָר הונדערט מאָל הונדערט א. א. וו...

מהיטבאל:

(קלאַפּט און די טאַנצן)

פרידן צו דיר, פאָטער!

(טאַנצט אויף)

פרידן צו דיר, פאָטער!

(אין מיטן פון איר גרויספריידיקן טאַנצן בלייבט מהיטבאל פּלוצלינג צע־

שראַקן שטיין דערזעענדיק מיט שרעק אַז אומגליק ליגט אויף דעם פּאַטערס פּנים)

פּאַטער, פאַרוואָס איז אין היינטיקן גרויסן טאָג
פינסטער דיין בליק?
פאַרוואָס פרייט זיך ניט דיין האַרץ
אין אָט־דעם היינטיקן גרויסן טאָג?
פּאַטער, פּאַטער!

(דער עולם קוקט זיך אום, דערזעט יפתחס פאַרצווייפלטן פּנים און ווערט צעטומלט און איבערגעפילט מיט שרעק פון אַן אומגליק וואָס איז דאָ ערגיץ פלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר זיי, כאָטש זיי ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט וואָס)

יפתח:

(שווייגט)

מהיטבאל:

(האַלב מיט פאַרוואורף, האַלב מיט געבעט)

פּאַטער, פּאַטער!
איז דאָס דען ניט דער טאָג פון גרויסער פרייד
פאַר יהוה?
פון גרויסער פרייד פאַר דיר און פאַרן פאָלק?
אָ פּאַטער, פּאַטער!
אויסגעלייזט איז איצט דיין היים.
באפרייט זענען דורך דיין שטאַרקער האַנט געוואָרן
די זיצער פון גלעד.
דיינע פיינט זענען צעבראָכן.
די וואָס האָבן זיך געוויילט צו זיין אויסדערוויילט,
זענען היינט פאַרשעמט פון פאַר דיר.
פריי זיך פּאַטער, פריי זיך!
דיין שטאָלץ און דיין פרייד זינגט הילכנדיק איצט
און קלינגט ביז אַריבער די בערג.
אָ, פּאַטער, פּאַטער!

(יפתח, אַ באַנומענער פון אַ שרעק, פון וועלכן עס איז קיין אויסוועג ניט צו זען, ווי ער וואָלט עפּעס אַלץ זיינע אויגן ניט געגלויבט. קוקט אַלץ אויף דער טאָכטער, זוכט אַלץ מיט די אויגן און בלייבט שטיל, מיט אויגן וואָס קוקן שאַרף פאַר זיך. אַ פּאָר קריגער ברענגען אַרויס אויף אַ פאַרצירטן קישן אַ

פאַנצער־היטל פאַרפוצט מיט צוויי אָקסן־הערנער, ווענדן זיך צו ברכיהן ער זאָל דאָס פון זיי איבערנעמען. ברכיה נעמט דאָס איבער אויף זיינעביידע הענט און לאָזט זיך מיט דעם צו יפתחן. רמליהו, אליפז, און אביעזר גייען מיט מיט אים)

ב ר כ י ה :

(אביסל פאַרשעמט)

דאָס היטל האָבן די קריגער געמאַכט פאַר דיר,
גרויסער גיבור, שופט, קצין!
זייער דאַנק צו דיר
פאַר דער גרויסער הילף וואָס דו האָסט זיי געגעבן
דורך די אָקסן.

י פ ת ח :

(רירט זיך ניט פון אָרט, שווייגט ווי אַ פאַרשטיינערטער)

א ב י ע ז ר :

לאָז דעם יונג דיר שענקען אָט־דאָס היטל.

א ל י פ ז :

נעם אָן אָט־די באַצירונג פאַר דיין קאָפּ.

ר מ ל י ה ו :

נעם דאָס אָן, אַ גרויסער גיבור פון יהוה,
אין דעם טאָג פון דיין פרייד.
באַקרוין דיין נצחון דיין גרויסן.

מ ה י ט ב א ל :

(קוקט אויף דעם פאַרלאָרענעם ברכיהן, אויף דעם היטל און אויף דעם פאָטער. בעט)

נעם דאָס אָן, אַ פאָטער!

אַ ל ע ק ר י ג ע ר :

נעם דאָס אָן, אַ גרויסער גיבור!
האַר און הערשער, קצין ,שופט אונדזערער,
נעם אָן אונדזער מתנה.

י פ ת ח :

(שאַרף צו מהיטבאל)

וואו איז דיין הירש, מהיטבאל,
וואו איז דיין הירש מיטן זילבערנעם האָרן?!

מהיטבאל:

(צעשראָקן)

אָ, פאָטער, זאָל ניט גרימען דיין צאָרן,
אין אזא טאָג.
דער הירש מיטן זילבערנעם האָרן
האָט זיך ארויסגעריסן פון מיינע הענט,
נאָך אין דער נאַכט נאָך, וואָס מיר האָבן פארלאָזן
אונדזער גוטלאַנד.
געמיינט האָב איך, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן,
און געציטערט האָט מיין הארץ,
איצטער אָבער זע איך, אַז גאָט איז געווען
לייטזעליק צו דיר און צו אונדז,
און דערפאַר פרייט זיך אזוי מיין הארץ, פאָטער.

(גיט אַ קלאַפּ מיט די בלעכן, מאַכט ווידער אַ באַוועגונג צו טאַנצן)

יפתח:

(צערייסט אויף זיך די קליידער ביזן נאַקעטן לייב, רעוועט כמעט אַרויס)

— אהאָ, אהאָ, אהאָ!

(קוקט זיך אום אויף אַלעמען מיט אויסגעבראָכענעם גרויסן וויי. דער עולם קוקט צו אים מיט שרעק און מיט שטוינונג. מהיטבאל קומט צו נעענטער, שטעלט זיך איין און פרעגט געוואָגט)

מהיטבאל:

— פאָטער! אין דעם היינטיקן טאָג, אין דעם היינטיקן גרויסן טאָג...

יפתח:

(מיט ביטערקייט)

אין די גערערים פון דער צייט זאָל פארשאָלטן בלייבן
דער היינטיקער טאָג!
ווי אַ שטיין, ווי אַ פלאָג זאָל ער זיין!

(פויזע)

מהיטבאל:

פאָטער!...

יפתח:

— אין דעם היינטיקן טאָג, אָ, טאָכטער,
ביזטו גראָד, ד ו געקומען צו בויגן מיר דעם קאָפּ.
אויף דיין לעבן איז אַנטלאָפן דער הירש

מיטן זילבערנעם האָרן!
אהאָ, טאָכטער, אהאָ!!!
איך האָב אַ נדר געטאָן מיט מיין מויל,
אַ נדר מיטן מויל, אַ נדר,
אַז דאָס ערשטע, וואָס וועט מיר אנטקעגן קומען
פון די טירן פון מיין הויז,
ביי מיין קומען צוריק פון דער געוואונענער מלחמה,
וועט געהערן צו אים,
וועט זיין מיין גאַנצער קרבן צו יהוה;
אַ נדר מיטן מויל.

(צו ברכיהן, וואָס שטייט נאָך מיטן היטל פאַר אים)

ניט קיין הערנערדיק היטל, ברכיה,
ברענג מיר אַ זאַק מיט אַש פאַר מיין קאָפּ.
מיין זון האָסטו געזאָלט ווערן, אין דעם היינטיקן טאָג —
מיין שונא וועסטו איצטער ווערן מיר.

מ ה י ט ב א ל :

(זיך אָפּטיילנדיק פון אַלעמען, קוקט זיך מיטאַמאָל אום אַ געענדערטע, אַ באַרואיקטע, אַ געלייטערטע)

אָ, פאָטער, זיי געטרייסט, איך האָב געוואוסט פון דיין נדר
און דאָס איז אויך מיין נדר, מיין חלום געווען;
איך בין יהוהס פון לאַנג שוין.
מיר האָט דאָס לאַנג שוין אַ זעער געזאָגט.
פאָטער, פאָטער!
און איך האָב זיך געגרייט און איך בין גרייט.
פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק;
פאַר גאָט און פאַר זיין לאַנד!!
טו, ווי דיין מויל האָט גערעדט, פאָטער.
איך וועל גיין צו אים...
און וועל אים דערציילן פון דיר
זיין גרויסן גיבור דעם גערעכטן.

י פ ת ח :

(קוקט ווי שלינגענדיק די ביטערקייט אין זיך)

מהיטבאל:

(קוקט אויף זיך, ענדערט זיך. געבראָכן קומען די קלאַנגען)

נאַר... יונג בין איך... פאָטער,
און ליב האָב איך די בערג...
איך האָב ליב די בערג, פאָטער,
די הירשן, די פויגלען און די קוואַלן און די בערג.
— ווי דו האָסט זיי אַלע יאָרן ליב געהאַט, פאָטער...
גיין וויל איך אין די בערג, פאָטער,
לאָז מיך און די חברטעם מיינע גיין אין די בערג,
אויף חדשים צוויי נאָר אין די בערג.

יפתח:

(זיך ווידער ניט קאָנענדיק צוריקהאַלטן, ברעכט אויס)

אהאָ... אהאָאָאָ...

(און דער גאַנצער עולם אינאיינעם מיט אים)

אהאָ!
אהאָ!

דאס געזעגענען זיך פון מהיטבאל

I

(אַ פּראָצעסיע אין די בערג — מהיטבאל און אירע חברטעס, מהיטבאל גייט פּאָרויס, אַ פּאַרטראַכטע, אַ שטאָלצע, קוקט פאַר זיך אויף די שפּיצן פון די בערג און אויף דער ווייטקייט, וואָס אַריבער די בערג. די חברטעס גייען נאָך, קלאָגנדיק, „אָהאָ... אָהאָ...״ יאָיר לויערט די גאַנצע צייט זיך באַ־האַלטנדיק אונטער בערגלעך און פעלזן. די פּראָצעסיע קומט אַרויס אויפן אָפענעם ברייטן וועג אין די בערג)

ח ב ר ט ע ס :

אהאָ... אהאָ... מהיטבאל!
אהאָ, שוועסטער, ליכטיקע, שוועסטער געקליבענע.
עס האָט דיר דיין פאָטער,
דער גרויסער גיבור פון יהוה,
יפתח דער גערעכטער,
געגעבן צוויי חדשים דיר
דיין מיידלשאַפט צו באַוויינען;
צוויי חדשים געגעבן
דיין יוגנט צו באַוויינען,
— און דו וויינסט ניט,
און דו וויינסט ניט,
און היינט איז שוין דער טאָג
דער לעצטער,
אהאָ... אהאָ... ליכטיקע שוועסטער אונדזערע,
אהאָ... אהאָ...

מ ה י ט ב א ל :

(קערט זיך אום, קוקט זיי אָן און זאָגט, טראַכטנדיק)
ווי אַזוי זאָל איך וויינען, ווען יהוה,
איז מיט מיר.
איך גיי צו יהוה!
און וועל אייך דאָרט אַלע געדענקען.

ח ב ר ט ע ס :

אהאָ, אהאָ, מהיטבאל,
דו גייסט אַוועק

גייט דיין ליכט מיט דיר.
אין דער פינצטערניש וועלן בלייבן דיינע שוועסטער.
אהאַ... אהאַ...

מ ה י ט ב א ל :
(ווי ניט דאַאיק)
איך וועל פאַר אייך שיינען,
שוועסטער מיינע,
איך וועל בעטן יהוה,
וועט ער מיך פאַר אייך מאַכן שיינען,
אין די נעכט, ווי אַ שטערן אין הימל וועל איך שיינען.

ח ב ר ט ע ס :
אהאַ, מהיטבאל, אהאַ, שוועסטער געקליבענע,
מיר וועלן שוין מער נישט קאָנען וואַשן
דאָס ליכטיקע לייב דיינס
אין דעם טוי פון די בערג.
מיר וועלן שוין מער ניט קענען זאָגן:
זע דו ביסט ווי אַ טאָכטער פון טוי
און דו פינקלסט נאָך שענער פון טוי.
ניט האָבן וועלן מיר שוין מער צווישן אונדז
דאָס שיינע, דאָס ליכטיק געוואַשענע לייב דיינס.

מ ה י ט ב א ל :
שיין איז אַ שטערן אין הימל.

ד י מ י י ד ל ע ך :
אַ שטערן אין הימל איז שיין,
אַ מהיטבאל צווישן אירע שוועסטער איז שענער.

מ ה י ט ב א ל :
גענוג געוואַשן האָט איר שוין
אין דעם באַרג־טוי דאָס לייב מיינס;
גענוג געווישט דאָס און געטריקנט,
מיט טייערסטע אויקן געזאַלבט דאָס
ביי דעם שיין פון דער לבנה,
ביי דעם ליכט פון אַלע נייע זונען,
געזאַלבט דאָס
אין די נעכט און אין די מאָרגנס פון דער צייט.

די מיידלעך:

אהאָ, אהאָ, מהיטבאל,
שוועסטער געקליבענע,
אין די שטראַלן פון דער לבנה
פלעגט דיין אין טוי געוואַשן לייב,
דיין אין אויל געזאַלבט לייב,
אויפשיינען פאַר אונדז
ווי אַ יונגע אשתרות צווישן אונדז,
ווי די ליכטיקע, די קעניגין, די לבנה צווישן אונדז.
ווי אַ לבנה און ווי אַשתרות ביסטו פאַר אונדז אַן אַנטפּלעקטע
אויפגעשטאַנען אין די נעכט;
ווי די אשתרות און נאָך פיל שענער פון דער אשתרות,
ווי די לבנה און נאָך פיל שענער פון דער לבנה,
פון דער מאַמע־גאָט שרה,
די הערשערין פון דעם הימל פון דער נאַכט.
אהאָ, אהאָ, שוועסטער לייבלעכע,
געליבטע כלה, טאָכטער, אהאָ!
ניט זען וועלן מיר דיך שוין מער
אין די פרימאָרגנס ביים קוואַל אין די בערג,
ניט קאָנען וועלן מיר מער זען דיך אין די נעכט,
אין דעם ווייכן שפיגל פון די קוואַלן,
זען אויף איין מאָל צוויי אויסגעטאָנענע מהיטבאלס...
אויף איין מאָל צוויי מהיטבאלס אין די בערג.

מהיטבאל:

פאַר יהוהן האָט אַלץ אַזוי געבאָרן און געשפּיגלט מהיטבאל
דאָס צווייענדיקע לייב אירס,
אַז זען זאָל דאָס לייב יהוה צווייענדיק ריין און שיין,
צווייענדיק דאָס לייב מיינס פאַר יהוה.

איינע:

(זינגט אויף):
דריי קליינע אינדן געגאַנגען זענען
זיך פיטערן אין פעלד,
צוויי אינדן, שפּרינגענדיקע, ווייסע
און איינע אַ שוואַרצע.

דריי אינדן קליינע געקומען זענען
צו דעם קוואַל.

א ן אַ נ ד ע ר ע :

עס קומט אַ בער, עס קומט אַ וואָלף,
עס קומט אַ לייב אַ בייזער.

א י י נ ע :

דריי קליינע אינדן געקומען זענען
צו דעם קוואַל;
צוויי אינדן קליינע, ווייסע,
און איינע אַ שוואַרצע.

א ן אַ נ ד ע ר ע :

עס ציט זיך אַן מיין דיך —
אַ קליינע שוואַרצע אינד זוכט זיך דאָרט באַהאַלטן.
צוויי אויפגעפראַלטע, קליינע קינדער אויגן
קוקן טראַציק פון מיין ברוסט,
אינאיינעם מיטן האַרץ מיינעם,
אינאיינעם מיטן לייב מיינעם,
פאַר יהוהן, פאַר יהוהן...

אַ ל ע אַ נ ד ע ר ע :

פאַר יהוהן, פאַר יהוהן!!!

ד י מ י י ד ל ע ך :

ניט שעפּן מער אינאיינעם וועלן מיר וואַסער מיט דיר
ביי דעם קוואַל, ווי אין ארץ־טוב,
ניט זינגען וועסטו מער מיט אונדז, אונדזערע ברכה־לידער,
איבער דעם וואַסער ביי דעם קוואַל.
אליין וועלן מיר זיין ביי דעם קוואַל,
ניט קאָנען מער... שטיפן מיט דיר ביי דעם קוואַל.
אהאַ, אהאַ, מהיטבאַל,
ניט קאָנען וועלן מיר מער
ריידן דערביי צו דיר און זאָגן —
„מהיטבאַל, גליענדיקע, בליענדיקע, ליבע,
דו ביסט ווי אַ טאָכטער פון פרייד; דו ביסט דעם גיבורס פרייד,
און גלוסט און בליסט, ווי די פרייד".
אהאַ, אהאַ!!!

מהיטבאל:

גענוג שוין, שוועסטער!

(חברטעס בלייבן שטיל)

מהיטבאל:

(שטעלט זיך אָפּ. זאָגט מיט אַ געוויסער ניט־דאַאיקער שטרענגקייט)

ווײַנט ניט מער.

די מיידלעך:

די קינדער וואָס וואָלטן פון דיר געבוירן געוואָרן

ווײַנען איצט פון אונדז, מהיטבאל.

איינע:

די פרייד וואָס דו וואָלסט דעם מאַן געבראַכט,

ווײַנט איצט פון אונדז, מהיטבאל.

אַן אַנדערע:

וואָלט דיך אַ לייב פאַר פאַרצוקונג געכאַפּט,

וואָלט ברכיה נאָכגעיאָגט דעם לייב,

אַן אַנדערע:

און וואָלט אים דעם מויל צעריסן,

און וואָלט אים דערשטאָכן.

אַן אַנדערע:

וואָלט אויף אַ צווייטן לייב, רייטנדיק

נאָכגעיאָגט דעם לייב. —

אַן אַנדערע:

אויף וועלכן לייב קאָן זיך דען ברכיה איצטער זעצן

נאָכצויאָגן דעם גרויסן לייב — יהוה?

אַלע:

אהאַ, אהאַ.

מהיטבאל:

זאָל ער דען נאָכיאָגן?

זאָל ער דען ניט צופרידן זיין?

דאָס וואָס אים איז געפעלן,

איז אויך געפעלן געוואָרן יהוהן,

געבענטשט און געלויבט איז זיין נאָמען.

אַלע:

אָמן.

מ ה י ט ב א ל:

(זאָגט איבער אונטער אַ רעליגיעזן היפּנאָז)

געבענטשט און געלויבט איז זיין נאָמען.

א ל ע:

(מיט שרעק)

אָמן.

מ ה י ט ב א ל:

שוועסטער טייערע,

ברענגט מיר נאָך איינמאָל טויבן.

א י י נ ע:

ווי מיט קינדער קליינע שפּילסטו זיך מיט די טויבן

מ ה י ט ב א ל:

מיר איז גוט צו שפּילן זיך מיט זיי.

(אין דער צייט פון דעם געשפּרעך אָדער געזאַנג צווישן מהיטבאל און אירע חברטעס, באַווייזט זיך אויף זיין פערד ברכיה, אויף די בערג פון דערווייטנס, קוקט נאָך אַ ווילע און פאַרשווינדט. ווייזט זיך נאָכדעם א פּאָר מאָל נעענטער. דער זעער יאָיר ליגט אונטער אַ פעלז און לויערט די גאַנצע צייט. ביי די לעצטע ווערטער באַווייזט זיך ברכיה גאָר נאָענט, אָבער אַלץ אויף יענער זייט באַרג און ווייט געגנוג אז ער זאָל דאַרפן שרייען)

II

ב ר כ י ה:

מהיטבאל, מהיטבאל!

פאַרזינדיקט האָט דיין פאָטער דיך,

מהיטבאל, מהיטבאל!

מהיטבאל, מהיטבאל!

מ ה י ט ב א ל:

(קוקט זיך ניט אום, ענטפערט ניט. די מיידלעך דערלאַנגען איר די טויבן ווי זי האָט געבעטן. זי נעמט זיי אָן מיט פייערלעכער צאַרטקייט. זעצט זיך מיט זיי צו, קוקט זיי אָן און נעמט זיך מיט זייערע קעפּלעך גלעטן אירע ליפּן, די באַקן, דעם האַלדז; נעמט רעדן צו זיי ווי זי וואָלט נאָך אַליין גע־ווען אַ קינד, וואָס קאָן נאָך קיין וואָרט ניט אויסריידן)

אַ גולי־גולי־ג־ו־ו —

אַ גולי־גולי־גו־ו־ו—

(שפּילט זיך מיט זיי אַ ווײַלע, לייגט זיי נאָכדעם אַרײַן אין איר שויס. שווײַגט נאָכטראַכטנדיק אַ ווײַל)

ברכיה:

(שרײַט ווידער אויס)

מהיטבאל, מהיטבאל!

מהיטבאל:

(קוקט זיך ניט אום און נעמט ווידער רעדן צו די טויבן האַלב קינדערשע, האַלב ווילדע קלאַנגען. די טויבן נעמען וואָרקען צו איר, זי נעמט צו זיי צוריק וואָרקען. און די מיידלעך שטייען הינטער איר און וויינען. זי לאָזט אָפּ די טויבן, פּאַטשן זיי אויף מיט די פליגלען און פליען אַוועק. זי הויבט זיך אויף קוקט זיי לאַנג נאָך מיט אירע ברייט צעעפנטע אויגן)

ברכיה:

(אַלץ פון דערווייטנס)

מהיטבאל, מהיטבאל! קום איך וועל פאר דיר
צוריק א נייעם הירש כאפן.
איך וועל פאר דיר צוריק אויפזוכן
דיין אנטלאפענעם הירש.
דעם הירש מיטן זילבערנעם הארן.
קום איך נעם דיך אויף מיין פערד,
צו ארץ־טוב קום, צו ארץ־טוב.

מהיטבאל:

(וואָס האָט אַלץ נאָכגעקוקט דעם וועג פון די אָפּגעפלויגענע טויבן, זיך ניט אומקוקנדיק אויף ברכיהן, דרייט זיך אַ נאָכטראַכטנדיקע אויס צו די חברטעס, זאָגט אַלץ ווי אַ ניט־דאָאיקע)

און נעכטן ווען איך האב אט־אזוי־א נאכגעקוקט די טויבן
איז מיין לאנג שוין טויטע מאמע צוגעקומען צו מיר.
איר פנים איז געווען פארדעקט מיט א גערדיכטן שלייער,
נאר מהיטבאל האט געוואוסט אז דאס איז די מאמע,
כאָטש מהיטבאל האט גאר קיין מאל איר מאמע ניט געקענט.
און די מאמע האט מיך געקושט אויף די ליפן,
און די מאמע האט מיך געקושט אויפן שטערן
און די מאמע האט מיך אריינגענומען אין איר שלייער
און די מאמע האט זיך איבערגעבויגן איבער איר מהיטבאל
און די מאמע האט געוויינט.

די מיידלעך:

אהה, אָהה, מהיטבאל,
אָהה, אָהה, דו ליכטיק קינד.
אָהה, אָהה,

ברכיה:

דו ביסט מיין כלה, מהיטבאל!
דאָס גאַנצע פאָלק ווייסט אַז דו ביסט מיין כלה.
קום, אַנטרין מיט מיר פון דאַנען,
דיין פאָטער האָט געגעבן אַ זינדיקן נדר.

III

(דער זעער וואָס האָט געהיט, ברכיהס טריט די גאַנצע צייט וואַקסט אויס נעבן אים)

יאָיר:

ניט זאָג, אַ נדר איז זינדיק,
הייליק איז אַ נדר, הייליק!

ברכיה:

(ציט אַרויס זיין שווערד)
האָסטו דאָס דאָ געהיט מיינע טריט!?

יאָיר:

(שטעלט טראַציק אַרויס זיין הויכן שטעקן פאַר זיך. ענטפערט)
יאָ,

ברכיה:

(פאַרמעסט זיך מיט זיין שווערד אויף יאָירן)
נאָ דיר דיין לוין.

(פון יאָירס שטעקן ווערט מיטאַמאָל אַ בוים אַן אויסגעוואַקסענער, ברכיהס שווערד שלאָגט זיך אָן אָן די צווייגן און ווערט צעבראָכן. דער בוים פאַר־שווינדט. ביידע מענער קוקן זיך נאָכדעם אָן פאַר אַ ווײלע און צעגייען זיך)

IV

מהיטבאל:

(באַהערשט זיך, ניט צו הערן וואָס עס קומט דאָרט פאָר. האַלט אַלץ אין דערציילן צו די מיידלעך קוקנדיק פאַר זיך אין דער ווייטקייט אַריין)
און איינמאָל ווען עס האָבן זיך ווייט אין דער בלויקייט,

געגומען טיקן און שווינדן די פינטלען פון די אָפּגעלאָזטע טויבן
האָב איך פאַר זיך דערזען דעם ליכטיקן גרייז,
דעם גוטן אברם,
מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד.
ער האָט זיך באַוויזן פאַר מהיטבאל.
ער איז געגאַנגען איבער דער לופט אַ באָרוועסער,
מיט זיין גרויסן שטעקן אין דער האַנט איז ער געגאַנגען
און ער איז געקומען ביז צו מיר,
און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר
און איז געשטאַנען
ביז ער איז ניט געוואָרן.
(פויזע)
און איינמאָל, ווען אייער מהיטבאל
האָט אַזוי נאָכגעקוקט די אָפּגעלאָזטע טויבן
האָט זיך פאַר איר צעעפנט דער הימל...

און דער צעעפנטער הימל איז צוגעקומען צו מיר גאָר נאָענט
און איך האָב דאָרט דערזען:
אַ ווייסער וועג;

מיט ווייסע וואָלקנס איז דאָרט אויסגעבעט דער וועג דער גאַנצער
און פוןביידע זייטן שטייען ווייסע הימל־חיות,
מלאכים־חיות, מיט גרויסע פליגלען און ליכטיקע פנימער
און אַרויף אויפן וועג זיצט יהוה אויף זיין שטול
און ער איז אײַנגעהילט אין אַ גרויסן וואָלקן
און פון ביידע זייטן פון אים שטייען צוויי ליכטיקע מלאכים־חיות.
און אויף הינטער פון זיין שטול איז פוסט און וויסט...
(פויזע)
און דער גרויסער גרייז מיטן הויכן שטעקן גייט איבערן וועג,
— מיטן וועג צו אים...
(רייסט זיך פלוצלינג איבער. שמעקט אויף מיט פונאַנדערגעברייטע נאָזלעכער, שרייט אויס)
דעם פאָטערס פערד איז ערגעץ דאָ ניט ווייט פון דאַנען;
דעם פאָטערס פערד האָב איך דערשמעקט.
(גיט נאָך אַ ווילדן שמעק מיט די נאָזלעכער, שרייט אויס)
פערד פון מיין פאָטער!
(עס דערהערט זיך אַ הויך הירזשען)
דאָס פערד פון מיין פאָטער קומט דאָ אַהער.
(מהיטבאל נעמט גיין אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט)
נאָך איין מאָל גלעטן דאָס פנים פון דעם פערד,
דאָס פנים און זיין ברייטן גוטן האַלדז — אַ לעצטן מאָל,
זיין גוטע ליפּ, די ווייכע.
(דאָס פערד קומט איר אַנטקעגן. זי גלעט דאָס, רעדט צו אים פאַרטרווילעך)
פערד פון מיין פאָטער!...
מיר ווילט זיך נאָך איינמאָל לייגן מיין קאָפּ אויף די קניען,
אויף די קניען פון מיין פאָטער, פערד פון מיין פאָטער!

א י י נ ע :

(גייט אָפּ, רופט מיט דער האַנט)

ד י מ י י ד ל ע ך :

(קוקנדיק אויף מהיטבאל און אויף דעם פערד)
אהא.. אהא... מהיטבאל, אהא...
אויף דיין יוגנט, אהאָ... אהאָ...

V

(יפתח קומט אַרויף, אַ פּאָר דינער גייען פּאַרויס, שפּרייטן אויס אַ טעפּיך פאַר יפתחן און גייען אָפּ. די מיידלעך אינאיינעם מיט זיי. פּאַטער און טאָכ־טער גייען גלייך און שטיל איינס קעגן אַנדערן. קוקן זיך שטיל און לאַנג איבער. עס ווערט כמעט פינצטער ווען זיי באַגעגענען זיך. זיי קוקן זיך אָן, אָן ווערטער. אָן ווערטער זעצט זיך יפתח אַוועק אויף דער ערד, מהיטבאל אויפן טעפּיך נעבן זיינע פיס. אַ שטילע פּויזע, נאָכדעם לייגט זי אַריין איר קאָפּ אין זיין שויס און אין אַ ווײַלע ארום פרעגט זי ווי פון שלאָף)

מהיטבאל:

א יאָ פּאַטער, ברכיה איז געווען אַ גוטער?
און דער הירש
האָט זיך אַזוי פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון די הענט
און איז אַנטלאָפן...

(פּויזע)

און איצט בלאָנדזשעט ער דאָרט ארום אליין,
אויף די בערג פון ארץ־טוב,
אליין, אַ הירש מיט אַ זילבערנעם האָרן...
און, אַ יאָ פּאַטער, —
פון דאַנעט וואָלט ער אַזוי ווי אַ מענטש
געבענקט אַהין... אַהיים?..
און פּאַטער,
פאַרוואָס האָבן זיך באַוויזן ביי דיר
גרויע האָר אין באָרד?
אַזוי פיל גרויע האָר!
און, פּאַטער

(זי הויבט דאָ מיטאַמאָל אויף איר קאָפּ)

צו געדענקסטו נאָך מיין מאַמען?
זי איז געווען אַ הויכע? אַ יאָ?

(עס ווערט פינצטער, עס דערזעט זיך בלויז אָט דאָ און אָט דאָרט יאָירס לויערנ־דיקער ווייסער קאָפּ)

פּאָרהאַנג

פינפטער אַקט

דער לעצטער טאַנץ

ערשטע סצענע

(עס איז פינצטער און עס ווערט ליכטיק)

מהיטבאל:

(זיך אויפכאַפּנדיק, כמעט מיט אַ שמייכל)

אָט דאָרט איז שוין דער מזבח,

דאָרט וואַרט שוין דאָס פֿאָלק.

(זיך אויפהויבנדיק, שפּרודזשינעדיק. יפתח הייבט זיך שווער אויף נאָך איר)

מהיטבאל:

(רופט)

חברטעס!

(די חברטעס קומען אָן)

(זיך ווענדנדיק צו אירע אייגענע פיס)

פיס מיינע, אויפן וועג, איבערן וועג,

מיטן וועג צו אים...

(נעמט אויף אַן עקזאַלטירטן און כמעט ווילדן אופן שטעלן אירע טריט. די חברטעס גייען איר נאָך, טאַנצן איר נאָך)

זיבן מאָל וועלן מיר אַזוי

ארומטאַנצן דעם מזבח.

(צום פֿאָטער)

זיבן מאָל, פֿאָטער,

זיבן מאָל.

(יפתח קוקט איר נאָך, גייט איר נאָך. זיין באָרד האָט אָנזעענדיקע גרויע פאַסן. זיין פּנים איז פינצטער. גייען אָפּ)

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

(עס דערהערט זיך דאָס שפּילן פון דעם זיבנדיקן טאַנץ, דעם טאַנץ פון אויפאָפּפערונג און טויט. דער טאַנץ איז אַזאַ, אַז מען קען כמעט אָפּטיילן יעדן טאַנץ באַזונדער. דער זיבן־טאַנץ ווערט נעענטער און ווייטער, שוואַ־

כער און שטאַרקער און אַזוי ווערט דער טאַנץ געשפּילט ביז דעם סוף פון דער קומענדיקער סצענע און ווערט אַ ניט אָפּגעטיילטער טייל פון דער גאַנ־צער קומענדיקער האַנדלונג).

צווייטע סצענע

פּנחס בן אליעזר

(יאָיר קומט אַרויס אויפן וועג; גייט לאַנגזאַם, שטרענג קוקנדיק פאַר זיך, נאָכגייענדיק דער אָפּגייענדיקער פּראָצעסיע. פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט. הויבט נאָך דעם אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אום פאַרדעכטיק)

יאָיר:

נו, אז איך בין געפאַלן דאָ, וועל איך שוין ליגן דאָ.
מסתמא דאַרף איך ליגן דאָ.
אומזיסט וועט אַ חוזה ניט פאַלן.
(אֶליפז, רמליהו און אַ פּאָר קריגער קומען אַרויף)

אליפז:

וואו איז אביעזר אין דער איצטיקער שעה?

רמליהו:

ער איז ווידער אַוועק צום כהן־גדול,
ער האָט געהערט, אַז פּונקט היינט
דאַרף דער פּנחס דאָ פאַרבייפאָרן אויף זיין אייזל,
ער שניידט דאָ איבער דעם וועג
אויף זיין וועג פון אפרים צו בנימין.
אפשר קומט ער אהער אומיסטן מיט דעם וועג,
אפשר וועט ער פאָרט מתיר נדר זיין
דעם גוטן הערשער אונדזערן אין דעם לעצטן טאָג,
אין דער לעצטער שעה.

אליפז:

אָ, דער כהן־גדול — דער פּנחס, דער גרויסהאַלטער,
האָט זיך דאָך איצט פאַרנומען גאָר מיט אַ חשק אַ נייעם
אַרומצוגיין צווישן די שבטים אַלע און משפּטן דאָס פאָלק;
גראָד דערפאַר, ווייל יפתח איז איצט דער שופט אין ישראל
האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט משפּטן דאָס פאָלק.

א י י נ ע ר:
מען זאָגט אין פאָלק, אַז באַשערט איז דעם פנחס צו ווערן
דער פּאָסטוך דער זיבעטער אין ישראל,
קומט ער אפשר ברענגען גוטס צו אונדז אַהער?

א י י נ ע ר:
ער קומט אַהער גיכער, ווייל ער האָט מורא,
יפתח זאָל איבער זיין גרויסער טואונג —
דער פּאָסטוך, דער זיבעטער אין ישראל ווערן.

א ל י פ ז:
ער קומט אַהער, ווי די בני אפרים,
וואָס פּילן אָן די וועגן קומענדיק אַהער;
אויף בייז וואונדער קומען זיי איצט אַלע אַהער.
וואָס אַרט דעם פנחס איצט דער גיבור,
נאָכדעם, ווי די מלחמה מיט די בני־עמון
איז געוואונען שוין.

ר מ ל י ה ו:
רייד ניט אַזוי,
דער גיבור זאָגט, מען טאָר ניט אַזוי רעדן
וועגן דעם כהן פון יהוה.
ער איז אונדזער לייטערער.

א ל י פ ז:
(מיט פאַראַכטונג)
„אונדזער לייטערער"
איז פאַרוואָס איז ער אַהער ניט געקומען ביז איצט?
אויפרייצן ווייל ער דאָס גאַנצע בלוט,
ביז אין די גערערים, ווייל ער אויפרייצן
דאָס בלוט ביי אונדז אַלע.

ר מ ל י ה ו:
(מיט אַ פונק האָפענונג)
אַ נדר מיטן מויל איז דאָך אַ נדר צו גאָט,
צווישן מענטש און גאָט איז אַ נדר אַזא.
אַזוי פלעגט אונדזער שופט יפתח שטענדיק לערנען.
איז אַפשר גוט אַזוי,

אפשר פּרוּאווט דאָס אַזוי גאָט אונדזער גיבור,
און נאָכדעם וועט ער אַ נס באַווייזן,
ווי ביי אברמען, אַ נס באַווייזן.

אַ ן אַ נ ד ע ר ק ר י ג ע ר :
(באַגייסטערט)
ליכטיק זענען דיינע ווערטער, רמליהו,
אפשר זוכט בלויז יהוה דאָ,
גרוים און גרעסער מאַכן אונדזער גיבור?...

ע ט ל ע כ ע :
(מיט האָפענונג)
אפשר!!...

א ל י פ ז :
און איך בין שולדיק אַ חוב אַ גרויסן דער מהיטבאל.
זי איז געווען גוט צו מיר.
זי האָט מיך איינמאָל געראַטעוועט פון דער נעץ פון דעם שרעקלעכן הדד.

א י י נ ע ר :
(צעוויינט זיך)
אָבער פאַרוואָס איז פון אירע הענט
אַנטלאָפן דער הירש מיטן זילבערנעם האָרן?
פון אירע הענט זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן?
ניט קיין גוטער סימן, ניט קיין גוטער,
אַ שלעכטער סימן, אַ שלעכטער!

ע ט ל ע כ ע :
(זיפצן אויף, קרעכצן אויף)

ר מ ל י ה ו :
(זיך כאַפּנדיק פאַרן שווערד, בייז)
ווער וויל איך זאָל אים דאָ אָפּהאַקן זיין צונג!
וועלכער ווייגענדיקער הונט?!
(עס ווערט שטיל)

א ל י פ ז :
(צו רמליהו)
אביעזר איז דאָך אונדזער כהן,

טאָ פאַרוואָס זאָל ער ניט מתיר־נדר זיין?
(פלוצלינג)
זע נאָר, אָט האָסטו דאָך געסט...

דריטע סצענע

(עטלעכע פון די בני אפרים קומען אַרויף)

איינער פון די בני אפרים:
(צו די אַנדערע בני אפרים, אָפּלאַכנדיק)
— וואו איז איצטער יפתח?

אַ צווייטער פון די בני אפרים:
אָ, ער טראָגט זיך אַרום איבער די בערג פון גלעד.

אַ דריטער פון די בני אפרים:
ער וויל גוט אויסמעסטן און באַטראַכטן גוט,
צו איז גלעד ווערט דעם פרייז וואָס ער דאַרף צאָלן...
(צעלאַכן זיך)

אליפז:
(מיט לאַכנדיקער ביטערקייט)
זייט מיר געגריסט, מיוחסדיקע ברידער פון דעם שבט אפרים.
זאָל אייער קומען זיין אין פרידן.

איינער פון די בני אפרים:
האָט דען נאָך ווייניק פרידן געבראַכט אייך אייער גיבור
צו אייך, צו זיין הויז, צו גלעד און צו זיך?..

אליפז:
ניט גענוג, אַזוי לאַנג ער האָט נאָך פון אייך
די מיוחסדיקע העמדלעך ניט אַראָפּגעריסן.

איינער פון די בני אפרים:
אָ, אליפז איז אין כעס!

אַן אַנדערער:
געוויס פון דעם וואָס ער טראָגט בלויז די שאָפן פעל פון דעם פאַסטוך אין גלעד;
און זיין חבר יפתח וואָס פלעגט זיך יאָגן
מיט אים אינאיינעם

נאָך דעם שטיק פלייש דעם הייסן פון אַ צעיאָגטן אָקס,
האָט חשק דער פאַסטוך דער זיבעטער פון גאַנץ ישראל ווערן.

אַן אַנדערער פון די בני אפרים:

(מיט אַפּלאַכנדיקער פארריסנקייט)
פונדעסטוועגן האָב איך ליב דעם אליפז.
קיינער אפילו אין גלעד ווייסט נאָך ביז היינט ניט בעסער, ווי אליפז,
די ריכטיקע מינוט, ווען אָפּצוהאַקן דאָס גוטע שטיק פלייש
פון דעם צעטריבענעם אָקס.

אליפז:

(צעשראָקן אויפגערעגט צו רמליהו)
הערסט, ער איז אַ ליגנער;
ער וויל אויף מיר אויסטראַכטן אַ בלבול.
און אויף אונדזער שופט הערסטו וואָס ער זאָגט?

רמליהו:

(וואַרפט פאַראַכטונג זיי אין פּנים אַריין)
ווער גלויבט זיי, די געמיינע ליגנער, די רמאים,
אין דעם טאָג, וואָס מיר האָבן געהאָפט אויף זייער הילף,
אין דעם טאָג, וואָס מיר האָבן מלחמה געהאַלטן זייער מלחמה, —
האָבן זיי זיך אויסגעלייגט ווי הינט נעבן זייערע אייגענע טשערעדעס
און ווי וועלף פאַר אונדזערע.
דאָס גאַנצע איצטיקע אומגליק איז דאָך געקומען איבער זיי,
איבער זייער באַטרוג.

די בני אפרים:

(צעלאַכן זיך)
כאַ... כאַ... כאַ...

אליפז:

זיי זענען געמיינע ליגנער. יאָ, רמאים.

אַן אַנדערער:

(פון די יפתח־קריגער צו די בני אפרים)
מיט גאַל איז אייער געלעכטער,
פּסים־העמדלדיקע מיוחסים!!

אַן אַנדערער:

ניט באַשערט אייך אַ חלק אין דעם זאַק רויב.
קיין ירושה און קיין רום.

אַן אַנדערער:
די אָקסן אונדזערע האָבן אָפּגעוירשנט,
האָבן אָפּגעוירשנט אַלץ פון אייך.

אַלע קריגער:
כאַ־כאַ־כאַ...

אַליפז:
אַ הארטער האָרן פון אַן אָקס
איז אין אַ נויט אַ פריינט אַ בעסערער
פון אַ זיידנהעמדלדיקן מיוחסדיקן ברודער...

די קריגער:
כאַ־כאַ־כאַ...

אַן אַנדער קריגער:
ניט דאָס אויג פון דעם פּאָטער יוסף, דעם גערעכטן, קוקט אַרויס פון אייער אויג.
דאָס אויג פון דעם רמאי לבן איז אייער אויג.

אַן אַנדער קריגער:
(צו איינעם פון די בני אפרים)
אַ נו, זאָג, „זאַנגען".

איינער פון די בני אפרים:
פאַרוואָס זאָל איך זאָגן, „סאַנגען"?
(די קריגער צעלאַכן זיך הילכיק)

אַליפז:
„סאַנגען, סאַנגען". — „זאַנגען" זאָג,
דו זיידנהעמדלדיקער נאַר,
איר קאָנט דאָך אפילו ניט רעדן
דאָס לשון פון אייערע ברידער.
דער האָן פון יחוס האָט אָפּגעפּיקט אַ שטיק פון אייער צונג אייך.

איינער פון די בני אפרים:
און איך מוז אים ווייזן אַז מיר קאָנען יאָ זאָגן —
(שטרענגט זיך אָן)
ס־ס־ס־סאַנגען! ס־ס־ס־סאַנגען!
(ווידער אַ הילכיקער געלעכטער)

דער ערשטער פון די בני אפרים:

(צו די זייניקע, דראָענדיק)

קומט לאָמיר גיין. מיט זיי וועט מען דאַרפן רעדן,
מיט גאָר אַן אַנדער לשון...

רמליהו:

(צו די אָפּגייענדיקע בני אפרים)

וואָלט איך נאָר גאָט אַזאַ דעה געגעבן!

די איבעריקע יפתח לייט:

(אַרויפֿלייגנדיק די הענט אויף די שווערדן)

אָ, ווען גאָט וואָלט זיי נאָר אַזאַ דעה געגעבן!

פערטע סצענע

אביעזר:

(קומט אַרויף אַ פאַרשטויבטער. רמליהו דערזעענדיק אים לויפט אום אַנט־קעגן)

רמליהו:

שלום צו דיר אביעזר,
וואָס האָסטו געבראַכט?

אביעזר:

איך האָב דערזען דעם אַלטן פּנחס פון דערווייטנס,
אַ סך פון די בני אפרים גייען מיט אים.
אויף אַלע וועגן קומען זיי.
זיי זאָגן, זיי באַגלייטן בלויז דעם כהן גדול,
דעם זיבעטן פאַסטוך פון ישראל,
אויף זיין וועג צו די בני בנימין.
אָבער, ביטער איז זייער כעס;
זיי קאָנען ניט פאַרטראָגן, וואָס אָן זיי
געוואונען געוואָרן איז די מלחמה.

רמליהו:

קיינמאָל קאָנען זיי ניט פאַרטראָגן,
דאָס איז שוין ביי זיי אַ ירושה הלאת אַזאַ.
נאָך פון די טעג פון גדעון.
גיב זיי אַ חלק אין דעם מלחמה־רום,

אפילו, ווען זיי זיינען גאָר צום מלחמה־פעלד ניט געקומען —
אָבער, ניט ביי יפתחן, אָ, ניין!

א ב י ע ז ר:

עס רייצט זיי אויך דאָס, וואָס אונדזערע טעכטער
לאַכן פון זיי אין זייערע לידער אויף די וועגן אַלע.

ר מ ל י ה ו:

ווען עמען ערט דאָס, זאָלן זיי זיך רייצן.
ווער וואָלט געגעבן, אַז אונדזערע טעכטער
זאָלן קאָנען זינגען און לאַכן נאָך אַזוי פיל מער וועגן זיי;
זאָלן זיך פון כעס און צאָרן אָנצינדן די פסים העמדלעך
אויף זייערע לייבער,
פון זייער אייגענעם בזיון זאָלן זיי ברענען —
זאָלן זיי קומען וויפיל עס וויל פון זיי.
איך האַלט, אויף דעם באַפעל פון אונדזער שופט,
אַלע אונדזערע קריגער גרייט,
און ביי דעם קלענסטן, שלעכטן צייכן,
צוים איך אָפּ דעם איבערגאַנג פון ירדן.

אַ ב י ע ז ר:

נו יאָ, האָב איך זיך אומגעקערט פון מיטן וועג,
איך האָב דאָך אים שוין סיי־ווי
אַזוי פיל מאָל געבעטן.

ר מ ל י ה ו:

(מיט אַ געענדערט קול)
אביעזר, אליפז איז אַ מענטש אַ פּשוטער,
און ער פרעגט, פאַרוואָס ווילסטו ניט מתיר נדר זיין?
אונדזער כהן איז דאָך — דו, אביעזר.

אַ ב י ע ז ר:

מתיר נדר זיין קאָן נאָר דער כהן גדול.

ר מ ל י ה ו:

אָבער אונדזער שופט איז דאָך קעגן יחוס
און דו ביסט דאָך זיין כהן.

אַ ב י ע ז ר:

ציען אָבער פון דעם אַזאַ נוצן פאַר זיך אַליין
וועט אונדזער שופט קיינמאָל ניט דערלאָזן.

דערצו ווייסטו דאָך — ביי אים אַ נדר איז אַ נדר!
קענן כהן גדול וואָלט ער זיך אָבער שטעלן ניט געקענט.

ר מ ל י ה ו :

יאָ, דו ביסט גערעכט; איך ווייס, איך ווייס.
און ביטער איז אונדז אין היינטיקן טאָג.

אַ ב י ע ז ר :

(אַזוי אַז אַליפז זאָל ניט הערן)
אגב, האָט דער שופט דיר גאָר ניט געזאָגט וועגן דעם אַליפז?
אונדזער שופט גלויבט, אַז ער וועט אים דאַרפן משפּטן
און אַז אַן ערנסטער משפּט וועט דאָס זיין
פאַר אבר מן החי זאָל דאָס אַ משפּט זיין.
און דו ווייסט דאָך, אַז שטרענג איז ער ביי אַזאַ משפּט
נאָך פון זינט די ערשטע טעג, וואָס איך האָב אים געפונען.

ר מ ל י ה ו :

אַזוי גאָר! אַליפז?
דורך דעם אריינשטעכן זיין מעסער אין דעם בויך פון עכן,
ווען יענער האָט געוואָלט אָפּלאָזן זיין פאַרגיפטעטע פייל,
איז דאָך געראַטעוועט געוואָרן דאָס לעבן פון אונדזער שופט.
דער אַליפז האָט דאָך נאָך מורא אַליץ,
אַז נוקם זיין זיך וועט אָן אים דער גאָט הדד דערפאַר...
(אַליפז קומט צו נעענטער, אַביעזר ענדערט דעם געשפּרעך)

אַ ב י ע ז ר :

— יאָ, האָב איך זיך אומגעקערט פון מיטן וועג. —
איך האָב געטראַכט:
דער כהן גדול מוז פאַרבייגיין אָט־דאָס אָרט,
דער וועג דאָ שיידט זיך פונאַנדער גלייך אַרויף
צום אויפגעשטעלטן מזבח,
וועט ער אפשר גאָר אַליין אָפּנייגן פון וועג.
ווען ניט וועט אפשר גראָד דאָ זיין גרינגער אים באַוועגן דאָס צו טאָן.
און טאַקע, אויך צו דערווייזן אים דאָ אין גלער גופא,
אַז עס מיינט ניט יפתח צו ווערן דער פאַסטוך, דער זיבעטער פון ישראל;
עס איז ווייזט אוים גראָד דאָס,
וואָס רייצט דעם אַלטן בן אליעזר אַזוי שטאַרק.

דערצו האָב איך דערוואַרט אייך צו טרעפן דאָ.
אויף מיר טראָגט ער דאָך אַ כעס אַן אַלטן —
פאַרוואָס איך האָב געלאָזט
יפתחן מיך מאַכן פאַר אַ כהן.
וועלן מיר דערפאַר אַלע אינאיינעם
אים פאַלן צו די פיס, ווען דאָס זאָל נויטיק זיין.
ברענגט אַהערצו נאָך פון פאָלק;
זאָל ער זען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק
בעט פאַר יפתחן.

א ל י פ ז :

(נעמט אין איילעניש שרייען, רופן)
— אַהערצו מער פון פאָלק, אַהערצו!
דער כהן גדול גייט.
(עס קומט אָן אַן עולם)

פינפטע סצענע

א י י נ ע ר פ ו ן ע ו ל ם :

דער כהן גדול גייט צוריקהאַלטנדיק זיינע ניט געאיילטע טריט,
און מהיטבאַל הויבט שוין באַלד אָן איר זיבעטן, איר לעצטן **טאַנץ**.

י אָ י ר :

(וואָס איז געלעגן און זיך צו אַלץ צוגעהערט די גאַנצע צייט, **הויבט זיך** צאָרנדיק אויף פון אָרט)
צעטרייבט די וואָלקנס, דער הימל דאַרף פאַרשיינט ווערן,
גאָט דאַרף דערפרייט ווערן.
אויפגיין דאַרף דאָס גרויסע ליכט איצט
אין דעם הויז פון גלעד,
אין דעם הויז פון יפתח.

א ל י פ ז :

אָט איז דער חוזה!
הערט, ער זאָגט נביאות וועגן יפתחן.
לאָמיר זיך ווענדן צו אים.
(ווענדט זיך)
יאָיר, זעער גרויסער, נביא!
העלף אונדז מיט יפתחן,

זיי דו אים מתיר נדר;
דו קאָנסט דאָך זאָגן אים —
גאָט האָט דיך געשיקט.

ר מ ל י ה ו :

זאָג דאָס אים ביים מזבח דאָרט פאַרן גאַנצן פאָלק.
אפשר וועסטו דורך דעם ראַטעווען זיין טאָכטער,
זי איז דאָך די טרייסט די איינציקע וואָס ער האָט אין דעם לעבן
זיינעם.

אַ ב י ע ז ר :

דו פאַרשטייסט, קאָנסט אים דערקלערן,
אַז אַ נדר אַזאַ איז בכלל קיין נדר ניט.
ווייל...

י אָ י ר :

(שרייט אויס)
צו גרויסער דערהויבונג גייט זיך היינט דערהויבן יפתח,
ווילט איר לייגן אים אַ שטיין אין וועג.
האָט מיך יום — דער גאָט פון טאָג דאָ דערפאַר אומגעוואָרפן
כדי איך זאָל זען און הערן.
בין איך ניט אומזיסט דאָ היינט געשטרויכלט געוואָרן
און בין געפאַלן ניט אומזיסט.

אַ ב י ע ז ר :

וואָס מיינסטו?

י אָ י ר :

איר ווילט
וואָלקנס פאַרציען איבערן לויטערן הימל,
נאָר קורץ ועלן זיין אייערע הענט.
עס זאָל ניט געזאָגט ווערן צווישן די פעלקער
אַז שוואַכמוטיק און ניט גלויביק זענען די יידן,
אַז אפילו ווען זייער גאָט געווינט פאַר זיי אַ ניט מעגלעכע מלחמה,
פאַר אַ צוגעזאָגטן קרבן,
ווילן זיי אים נאָכדעם דעם קרבן ניט געבן.
צו שאַנד און שפּאָט ווילט איר מאַכן דאָס פאָלק.
איך וועל גיין און דאָס לייגן אין די אויערן פון יפתח.
און ניט וואָגן וועט ער אָפּצולייגן

ניט צו לינקס און ניט צו רעכטס אויף זיין וועג צו יהוה.
יפתח איז אַ גיבור, און אַ נדר איז אַ נדר.
יהוה האָט געקליבן,
און דאָס געקליבענע איז זיינס.

עטלעכע:

ער איז דאָך אַ חוזה —
אפשר איז ער גערעכט?
אפשר זאָגט ער נביאות
אַן אומגליק וויל ער אויסמיידן.

(יאִיר גייט אָפּ. אביעזר קוקט אים נאָך און שאָקלט אין פאַרצווייפלונג מיטן קאָפּ)

אַביעזר:

מיט געצנדינערישער פינסטערקייט האָט ער פאַרעקשנט
געזוכט דעם קרבן און אים געפונען.
געלויערט ווי אַ בייזער גייסט,
ווי אַ וואָלף אַ בייזער האָט ער אויף אָט דעם קרבן ארויסגעקוקט די גאַנצע צייט.
און מיר האָבן זיך דאָ צו אים נאָך הילף געווענדט.

(עס דערהערט זיך גלייך נאָכדעם אַן אויסגעשריי פון אָנקומענדיקע בני אפרים לייט)

ראַמט אַ וועג! ראַמט אַ וועג!
דער כהן גדול קומט! דאָס אמתע ליכט פון ישראל גייט!

פינפטע סצענע

(עס קומט אַרויף דער כהן גדול פּנחס בן אליעזר, אַלט און בלאַס, שטאָלץ, רייט אויף אַן אייזל. און מיט אים זיינע קלענערע כהנים, לויים און אויך אַ סך פון די בני אפרים)

אַביעזר:

שלום דעם געזאַלבטן!
דעם ליכט דעם געלייטערטן,
דאָס ליכט פון משה און פון אהרן,
וואָס טראָגט לייטזעליקייט און דערהויבונג אין דעם פאָלק.
וואָס טראָגט זיין נאָמען פּנחס בן אליעזר פאַר דעם פאָסטוך
דעם זיבעטן אין ישראל.

דעם זיבעטן פאַסטוך וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען.

ד ע ר ג אַ נ צ ע ר י פ ת ח ע ו ל ם :

שלום! שלום! שלוים!

פ נ ח ס :

כמעט ניט קוקנדיק אויף קיינעם. ער האַלט זיך אַזוי די גאַנצע צייט פון שמועס. מאַכט מיט דער האַנט אַ בענטשנדיקע באַוועגונג אין דער לופט, זאָגט אָפּ קאַלט און שטרענג)

שלום.

(און ציט ווייטער)

אַ ב י ע ז ר :

(הויבט זיך אויף, פאַלט פאַר זיין אייזל)

איז דען ניט דאָס געזאַלבטע גרויסע ליכט פון יהוה

געקומען צו פאַרטרייבן דעם שוואַרצן וואָלקן

וואָס הענגט איבער די זיצער פון גלעד?!

אין דער ריכטיקער מינוט ביסטו געקומען,

הייס צו זיך גלייך רופן אונדזער שופט, יפתח,

און זאָג אים דאָ פאַר דעם גאַנצן פאָלק

אַז דו ביסט אים מתיר נדר.

זאָל ניט פאַרשניטן ווערן אַ יונג לעבן,

פון צווישן פאָלק

זאָל אַ לעבן ניט פאַרשניטן ווערן.

צוליב אַ ניט־ריכטיק אַרויסגערעדטן נדר,

זאָל אַ לעבן ניט פאַרשניטן ווערן.

פ נ ח ס :

ניט צוליב דעם האָב איך, דער כהן גדול פון ישראל,

געשטעלט מיינע טריט אויף אָט־דעם וועג.

ווער איז יפתח, וואָס איך זאָל צו אים קומען,

ווען ער דאַרף מיך האָבן?

ר מ ל י ה ו :

ער איז דער הערשער און דער שופט פון דעם לאַנד.

פ נ ח ס :

דעם הערשער פון גלעד מעג אָנשטיין קומען צו מיר,

אויב ער דאַרף מיך האָבן.

דער כהן גדול אין ישראל בין איך.

און ניט פון קיין זונה בין איך געבוירן.
פון ריינעם יחוס בין איך אַ מיוחס.

אַ ב י ע ז ר :

אמת, פון אהרן הכהן איז דיין שפּראָצונג,
און גרויס איז דיין יחוס,
אָבער אמת איז דאָך אויך, אַז ער איז איצט דער שופט.

פּ נ ח ס :

הערן האָט איר געמעגט און געדענקען האָט איר געדאַרפט
די רייד פון יותם, דעם זון פון גדעון.
ער האָט געוואָרנט און געזאָגט:
„ניט אויפשטעלן זאָלט איר אַ דאָרנבוים צו הערשן איבער אייך".

אַ ב י ע ז ר :

ניט קיין דאָרנבוים, גלויב מיר, איז יפתח;
יהוהס געלייטזעליקטער, גרויסער גיבור איז ער.
זיין לעבן דאָס גאַנצע איז עדות אויף דעם.
אמת איז: פון יותמס פּאַרכטיקייט און אבימלכס גבורה.
האָט יהוה דאָ אויפגעשטעלט אַ געבעסערטן אָנלען פאַר זיין פאָלק.
און אמת איז אויך, אַז ניט פּאַסיק וואָלט געווען פאַר אים, דעם שופט,
קומען צו דיר איצט אויף אַזאַ מין אופן;
ניט, ווייל ער איז גרויסהאַלטעריש קעגן דיר. ניין.
גרויס איז זיין דרך ארץ פאַר דיר, דעם כהן גדול אין ישראל;
ער וועט ניט לאָזן אַ שלעכט וואָרט זאָל פאַלן אויף דיר דעם
זאַלבער און געזאַלבטן.
נ אָ ר ע ס ק אָ ן נ י ט י פ ת ח ב ע ט ן ו ו אָ ס
פ אַ ר ז י ך.
דו אָבער, אין גרויס לייטזעליקייט — דערבאַרים זיך —
אַ ריין, מענטשלעך לעבן שטייט דאָך דאָ אין קאָן.
אַ נבלה אַ גרויסע קאָן חלילה געשען אין פאָלק.
און דו ביסט דער איינציקער, וואָס קאָן די נבלה צוריקהאַלטן!
באַשערט איז דיר דאָס צו טאָן,
כדי דער פאַראייביקטער, זיבעטער פּאַסטוך אין ישראל,
זאָלסטו פון אַ געשטאַרקט און גערייניקט פאָלק זיין.
הער! זי טאַנצט שוין דאָרט איר זיבעטן, איר לעצטן טאַנץ —
די מינוטן, די רגעס זענען געציילטע...

פּ נ ח ס :

קלוגע רייד קענסטו רעדן, אביעזר,
איך ווייס דאָס שוין פון אַלטע טעג, —
דו וואָלסט וועלן די שולד פון דער נבלה
אויף דעם כהן גדול פון ישראל וואַרפן.
דאָס איז דאָך די טוּאונג פון אייך אַלע —
אָפּלייקענען און פאַרשוועכן יחוס. —
שטעלט אָן אייערע אויערן, איר נאַרן,
און הערט זיך צו —
אפילו נאָר צו דעם קרייען פון די הענער הערט זיך צו. —
ניטאָ קיין צוויי הענער, וואָס קרייען אַלע איינס;
לויט דער מדרגה פון יעדן האָן איז דער קריי.
צו די הענער גייט און לערנט זיך דאָרט שכל.
און פאַרשטייט, לויט מדרגות האָט גאָט די וועלט באַשאַפן
און לויט מדרגות אויך די באַשעפענישן זיינע איינגעטיילט.
און אויב אונדזער פאָטער יעקב האָט געלייגט
זיין רעכטע האַנט אויף אפרים,
כאָטש מנשה איז דער עלטערער.
האָט דאָס געמיינט — אַ גרויסער מיוחס איז אפרים.
און יהושע האָט דערפאַר פאַר זיך זיין קבר אויף דעם באַרג אפרים
געוויילט.

פאַר אַלע שבטים און פאַר יהוה
איז אפרים דער מיחוס.
און אויב אייער שופט גלויבט ניט אין יחוס,
טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך אָפּ פון קומען צו מיר?
איז דאָס דען ביי אים ניט, אַז אויך ער גלויבט אין יחוס?
איז דאָס דען ניט קיין סימן, אַז פאַרפירן פאַרפירט ער אייך?
אַז פאַרפירט און צעמישט זענען די געדאַנקען זיינע וועגן יחוס?
אַז אַ דאָרנבוים איז ער?!

ר מ ל י ה ו :

כהן גדול פון ישראל!
דערלויבט זאָל מיר זיין צו זאָגן דיר:
עס לייקנט ניט אין יחוס אונדזער לערער און שופט,
דער גרויסער גיבור אין ישראל, יפתח דער גערעכטער.

ער גלויבט אין יחוס.
ער גלויבט אין דער גוטער טואונג, ער לערנט:
די טואונג די גוטע איז יחוס.
דו טו אַ גוטע טואונג איצט.
און פון גרעסטן יחוס
ווערסטו אַ מיוחס באַלד.

פ נ ח ס:

ווער איז אַט דער חצוף?

אַ ב י ע ז ר:

פּאַרגיב, גרויסער כהן, אַ קריגער איז ער.
די שווערד רעדט ביי אים בעסער ווי די צונג.
פון געטריישאַפט פון הארצן האָט ער גערעדט
און גוטס האָט ער געמיינט צו זאָגן.
זע די מינוטן זענען געציילטע,
ווייז דיין גרויסמוט.
גרויסמוטיק וואָלט דאָס געווען פון דיר
איצט, נאָך ווען דיין וועג האָט דיך סיי־ווי געבראַכט אַהער.
דער כבוד פון דעם פאָלק,
דער כבוד פון דער תורה, פון משה און פון אהרן,
מאָנען דאָס פון דיר אַצינדערט.
דו מוזט דאָך היטן דאָס אַלץ.
ווערסטו דען ניט ביי דיין לעבן שוין פאַררעכנט פאַר דעם זיבעטן
פּאַסטוך פון דעם פאָלק?
זאָל דער זיבעטער פּאַסטוך, וואָס וואַרט אויף דיין נאָמען,
נאָכדעם, ווען דו וועסט ווערן זאַט מיט טעג,
זאָל ער זיך פרייען היינט צווישן זיינע פּאַסטוכער, די ברידער,
פון וועגן דעם גוטס, וואָס דו וועסט טאָן דאָ היינט.
און יפתח האָט דאָך פאַרט אַ טואונג אַ גרויסע
פאַר דעם פאָלק געטאָן.
און וואָלט ער צו דיר געקומען,
וואָלט דאָך דאָס אויך אויסגעטייטשט געוואָרן שלעכט;
עס וואָלט דאָך געקאָנט הייסן —
ניט שטאַרק איז יפתח אין זיין הארצן,
קאָן ניט ביישטיין קיין נסיון.

אָבער גאָט דער לעבעדיקער ווייסט
און דאָס פאָלק און יפתחס גאַנצער לעבן זענען עדות,
אַז די שווערסטע נסיונות קאָן בײשטיין יפתח
און אַ נדר האַלט ער הייליק,
טאָ ווי וואָלט ער גאָר געקאָנט טראַכטן פון קומען בעטן:
— „זיי מיר מתיר נדר״...
זע, דאָס גאַנצע פאָלק פאַלט פאַר דיר
(קניט, דאָס פאָלק טוט נאָך)
מיטן פנים צו דער ערד פאַלט דאָס פאָלק פאַר דיר.
(דאָס פאָלק טוט נאָך)

אַ ל ע ק נ י ע נ ד י ק ע :

מיר בעטן, מיר בעטן... זיי מתיר נדר!
זיי מתיר נדר! מיר בעטן, מיר בעטן!...

פ נ ח ס :

(קאַלט)
ניט צוליב דעם האָב איך געשטעלט מײנע פיס אויף אָט־דעם וועג.

אַ ב י ע ז ר :

באַדענק זיך, גרויסער כהן;
שוין צוויי חדשים, אַז איך גיי דיר נאָך וועגן דעם —
אָן יפתחס וויסן טו איך דאָס,
נאָר מיט דעם וויסן פון דעם פאָלק און פון גאָט.
איצט אָבער איז דער לעצטער טאָג, די לעצטע שעה — די מינוט די לעצטע.

פ נ ח ס :

(האַרט און קאַלט)
איך ווייס,
און וויסן זיכער דאַרף דאָס אויך דאָס גאַנצע פאָלק,
אַז געווען איז דאָס אײער קלוגער שפּיל די גאַנצע צייט,
אָוועקשיקן די טאָכטער זײַנע
אין די בערג אויף אַזוי לאַנג.
אפשר, דײַן אייגענער קלוגער קאָפּ דערבײַ געווען,
כדי דורך אָט־דער לאַנגער צייט צו קאָנען באַוועגן מיך,
איך זאָל צו אײַער שופט קומען

און דורך דעם נאָך גרעסער מאַכן
זיין פאַרריסענעם שטאָלץ און זיין נאָמען.

ר מ ל י ה ו :

(צו פנחסן. אַרויסרופנדיק)
— האָבן מיר זיך דאָ באַגעגנט מיטן כהן גדול פון ישראל,
צי מיט אַן אָפענעם שונא אויפן מלחמה־פעלד?!?...

פ נ ח ס :

(ניט קוקנדיק אין רמליהוס זייט, ענטפערט)
מיט ביידע...
(אָפגייענדיק, ווי פאַר זיך)
וואָלט ער צו מיר געקומען, וואָלט איך געזען,
אפשר וואָלט איך אים מתיר געווען דעם נדר.
(נעמט אָפגיין)

ר מ ל י ה ו :

(צו אַביעזרן)
האָסט געהערט? —
„אפשר וואָלט איך אים מתיר געווען דעם נדר".
ערשט ווען דער שופט קומט,
וואָלט ער אים „א פ ש ר" מתיר געווען דעם נדר.
דאָ האָסטו דיר די גאַנצע ווערימדיקע נשמה פון יחוס, —
דו לייג זיך פריער אונטער זיינע פיס־טריט,
„א פ ש ר" וועט ער אויף דיר ניט טרעטן.
איך בין אַן אַלטער מלחמה־מאַן, אביעזר.
מיינע נאָזלעכער דערשמעקן דעם שונא און די געפאַר.
(שאַרף)
הער! ניט מיט דעם כהן־גדול, ניין, מיט דעם פאַרביסענעם פירער פון אַן אויפשטאַנד
האָבן מיר זיך דאָ געטראָפן איצט.
קעגן יפתחס וועלט־סדר פאַרמעסטן זיך היינט די מיוחסים אַלע,
און ער, מיטן פנים פון אַן אויסגעקראָכענער ציגן־פעל, איז זייער פירער.

אַ ב י ע ז ר : (געבראָכן)
יאָ, מיט זיין אמתן שונא האָט זיך דאָ
יפתחס וועלט־סדר באַגעגנט.

עס האָט, ווי אַ טויב אין אַ פּעלזן־שפּאַלט,
מיט דער שלאַנג פון יחוס זיך איצט אָנגעטראָפן יפתח.

אַליפז:

(מאַכט אַ ווילדע שפּרינגענדיקע באַוועגונג, שטעלט זיך קעגן פּנחסן און זיין אייזל, אויפשרייענדיק אין פּלוצלינגען, ביזן אייפער צו פּנחסן)

דו ביסט דער פּאַסטוך פון ישראל און דיר ווילט זיך אויך
צווישן די אייביקע פּאַסטוכער די זיבן אויף אייביק אַ פּאַסטוך
בלייבן...

— איך אָבער בין אַ פּראָסטער מענטש, בן אליעזר,
אַ פּראָסטער פּאַסטוך בין איך.
און איך ווייס — אַ פּאַסטוך דאַרף האָבן ליכטיקע אויגן;
און איך וויל וויסן, זאָג:
אויב דאָס אומגליק זאָל געשען, חלילה,
זאָג, וועסטו נאָכדעם אויך קענען זען???
שטיין פאַר גאָט און זען?!!..
ווי עס דאַרף אַ פּאַסטוך קאָנען קוקן און זען?!

פּנחס:

(האַלט צוריק זיין אייזל אויף אַליפז פּלוצלינגן אויסגעשריי, ער ווערט אומ־דערוואַרט דערשראָקן)

אַליפז:

(אויפכאַפּנדיק פּנחסעס שרעק, גיט דערביי אַ פּלוצלינגן דריי מיט דעם עק פון זיין מאַנטל. גיט דערביי אַ נייעם פּלוצלינגן, כמעט חיהשן שפּרונג צו פּנחסן און שרייט אים גלייך אין פּנים אַריין פון דאָס ניי אויס)

— אַ פּאַסטוך דאַרף האָבן ליכטיקע אויגן, יאָ—אַהאָ האָ—האָ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניטאָ שוין מער פאַר דיר קיין שלאָף אין די נעכט, אַלטער בן אליעזר.
הערסטו זיך צו צום קרייען פון די הענער?
ווייסטו, אַז אַנדערש איז דאָס קרייען פון יעדן האָן —
און גוט איז דיר פון דעם.
און לערנען ווילסטו אונדז אָט־דעם גרויסן שכל דיינעם...
איך, אָבער בין אַ פּראָסטער פּאַסטוך,
איך וואַרף דיר איצט מיין פּראָסטן שכל
ווי אַ שטיין אין דיין געלן פּנים אַריין: —
אַ פּאַסטוך דאַרף האָבן אויגן, יאָ.
אויגן מיט ליכט אין זיי.

(און ווי ער וואָלט געטריבן און אָפּגעלאָזט אַ טשערעדע אויף אים, יאָרייט אַליפּז אויס, זיין ווילדן —)

יאַ—האַ—דאַ—דאַ—דאַ—דאַ—האַ!

דער עולם אַרום פּנחסן:

די חוצפּהדיקע גלער!

די אָנגעלאָפענע גלער!

איינער:

(אין פאַראויס)

מאַכט א וועג, מאַכט א וועג!!

(דאָס שפּילן אונטער דער סצענע ווערט מיטאַמאָל שאַרף אָפּגעבראָכן ווי עס וואָלט זיך אַקצענטירט מיט אליפּוזס ווילדן אויסגעשריי און באַלד נאָכדעם דערהערט זיך יפתחס פּלוצלינגדיקער שניידנדיקער אויסגעשריי פון ערגעץ ווייט אַרויף)

יפתח:

זיי געבענטשט פון אייביק ביז אייביק!!

אַביעזר:

(פאַרוואַרפנדיק דעם מאַנטל איבערן פּנים)

וויי צו אונדזערע אויגן וואָס זעען עס!

(אַלע יפתח־לייט בויגן זיך מיטן פּנים צו דער ערד, צו דער זייט פון יפתחס קול)

אַלע:

וויי צו אונדזערע אויגן, אהאַ, אהאַ!

פּנחס:

(ביים אַרויסגיין. כאַפּט זיך מיטאַמאָל מיט זיינע ביידע אַלטע הענט צו די אויגן. מיט אומדערוואַרטעטן שרעק)

וואָס איז דאָס?! וואָס איז דאָס?!...

די אויגן! מיינע אויגן!...

עס הערן אויף זען מיינע אויגן!...

צוויי בליצן זענען געפאַלן אויף מיינע אויגן. —

דער ווילדער אליפּז און דער ווילדער אויסגעשריי פון דעם יפתח דאָרט,

צוויי וויסטע בליצן שלאָגן מיינע אויגן,

די וויסטע גלער, די שרעקלעכע גלעד,

בלינד בין איך, בלינד!

איינער פון די אפרים:

(כאַפּט זיך. העלפט גלייך אַ פּאָר פון די כהנים און לויים אונטערצוהאַלטן און אַוועקצופירן דעם כהן גדול, זאָגנדיק אין שרעק)

נעמט אים גלייך אוועק פון דאַנען.

ווען זיי דערזעען דאָס, קאָן דאָס זיי נאָך העלפן שטאַרק

קעגן אונדזער אויפשטאַנד היינט.

אַן אַנדערער:

זיי זעען ניט, זיי ליגן אַלע,

מיטן פּנים צו דער ערד ליגן זיי אַלע.

(אָפּ)

זעקסטע סצענע

(יפתח קומט אַרויף, אַ טייל פון עולם און קריגער מיט אים. זעק איבער די קליידער, אַש אויף די קעפּ, מיטן אַש אויסגעשמירט אַ „ש" איבער די שטערנס פון עטלעכע פון זיי. יפתח זעצט זיך אַוועק. עטלעכע זקנים זעצן זיך אויס אויף דער ערד אויף ביידע זייטן פון אים)

אַביעזר:

(טרייסטנדיק)

שופט, יהוהס גרויסער ווילן איז געשען.

אַ זקן:

ער האָט דיך געפּרוואווט, קצין גרויסער,

און דו האָסט אויסגעהאַלטן די פּרוואוו.

אַן אַנדער זקן:

עס וועלן אויף דורות דערציילט ווערן די גבורות

פון גלעדס גרויסן שופט, יפתח דעם גערעכטן,

און פון זיין טאָכטער, דעם ליכטיקן שטערן.

אַן אַנדערער:

עס וועט געזאָגט ווערן —

„אָט אַזוי האָבן דער גרויסער גיבור יפתח דער גערעכטער,

און זיין איינאונאיינציקע טאָכטער,

ליב געהאַט זייער גאָט יהוה און זיך מקריב געווען פאַר אים,

פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד".

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :

און עס וועט געזאָגט ווערן: —
„אַזאַ ליבע און אַזאַ גבורה האָט נאָר געקאָנט אַרויסווייזן
דער גרויסער גיבור פון יהוה, יפתח דער גערעכטער.
און נאָר ביי אַזאַ גרויסן גיבור ווי יפתח
האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַזאַ טאָכטער ווי מהיטבאל״.

י פ ת ח :

יאָ, אַ גרויסער גיבור איז יפתח,
נאָר אַביעזר האָט אים בייגעקומען.

אַ ב י ע ז ר :

(מיט שרעק)
גיבור, שופט!?!..

י פ ת ח :

(זעצט פאָר)
אַביעזר האָט אַלץ געוואָלט
אַז איך זאָל מקריב זיין אַ גאַנצן קרבן...

אַ ב י ע ז ר : (שפרינגט אויף)

האָב רחמנות אויף דיין קנעכט, שופט.
איך ווייס, אַז שווער און ביטער איז דיין האַרץ.

י פ ת ח :

(ניט צו דעם, נאָך שטייענדיקן אַביעזר, נאָר צו די אַנדערע)

פאַר אַ גרויסן מיוחס האָט זיך געהאַלטן מיין ברודער אַביבעל. —
זינט ער האָט זיך דערקלערט פאַרן כהן פון בעל,
האָט קיין פּראָסטער מענטש ניט געטאָרט קומען נעענטער ווי צען טריט פון אים.
און אויך ניט איך, ווייל איך בין ניט פון דעם פאָטערס ערשטער ווייב,
און ווייל איך גלויב אין אַ ניט ריכטיקן גאָט.
האָב איך געזאָגט צו זיך אין מיין האַרצן: —
ווי צו אים, ער איז פאַרבלאָנדזשעט, —
ער, מיין ברודער, וואָס רופט זיך „אַביבעל״,
איז אין דער אמתן אַן „אַביבושת״ פאַרן פאָלק;
און איך האָב געניגט מיין אויער און האָב געהערט און
האָב פאַרנומען, —

— מיין האַרץ און מיין בלוט האָבן גערעדט:
אַ גאָט וואָס מען קען נעמען און אים איבערקערן
מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף איז קיין גאָט ניט,
און אַ מענטש וואָס לאָזט קיין צווייטן מענטש ניט צו נאָענט צו זיך,
איז אויף אַ פאַרלאָרענעם וועג:
יעדער מענטש איז הייליק, ווייל גאָט איז אין אים.
ווען אַ מענטש מיט אַ מענטשן באַגעגענען זיך —
באַגעגנט זיך גאָט מיט גאָט.
אין דעם איז די שטאַרקייט פון אונדזער גאָט איבער אַנדערע געטער.
און די דערהויבנקייט פון אונדזער פאָלק איבער אַנדערע פעלקער.
אַנדערש איז אונדזער גאָט, האָב איך געטראַכט.
און איך האָב זיך געשפּאַרט מיט אביעזרן און האָב געזאָגט:
צו די אַנדערע געטער ברענגט מען קרבנות גאַנצע,
קרבנות פאַר זיי אַליין געמיינטע,
אָבער ניט דער וועג פון יהוה איז דער וועג.
יהוה וויל ניט זיין אָפּגעשיידט פון זיין פאָלק.
ער וויל זיך באַטייליקן אין דער שפּייז פון זיין פאָלק,
פּונקט ווי ער באַטייליקט זיך מיט זיין פאָלק אין אַלע אַנדערע טואונגען,
היינט אָבער האָסטו געזיגט אביעזר, דו האָסט געזיגט.

אַ ב י ע ז ר :

(שטייט נאָך אַ ווײַלע מיטן שטעקן אין האַנט ווי זוכנדיק אַן אָנלען.. רע־זיגנירט אָבער באַלד, זעצט זיך אַוועק אַ פאַרלוירענער אַרויסריידנדיק)

מיין צונג איז שטום...

י פ ת ח :

וואָלט נאָר אויך דאָס האַרץ אין מיר איינשטומען געוואָלט.

ד י ז ק נ י ם :

זאָל דאָס דען טאַקע אמת זיין, אַז דו גלויבסט ניט אין קיין עולות?

י פ ת ח :

איצט גלויב איך שוין...

י אָ י ר :

(הויבט זיך אויף פון צווישן די זקנים. מיט איינגעגלויבטן קנאישן פּאַטאָס)

פאַר דיר, אַ גרויסער גיבור און שופט,
הויבט איצט אויף זיין משל יאָיר דער זעער: —
גרויס איז דיין דערהויבונג,
ווי די ערד, ווי די וועלט די גאַנצע גרויס און גרעסער נאָך. —
אָנגעהעפט האָט זיך די ערד אָן דער זון נאָך אין די טעג פון אמאָל.
און געבעטן: — דערהויבונג, דערהויבונג!
האָט זיך די זון אָנגעהעפט אָן איר,
און זי געמאַכט געבוירן גראָזן,
און זי געמאַכט געבוירן בוימער.
האָט די ערד ווייטער געבעטן: — דערהויבונג, —
„מאַך איך זאָל זיך קאָנען אָפּטיילן פון זיך אַליין. —
„איך זאָל זיך אַ ליכטיקע קאָנען דערהויבן צו דיר,
כאָטש אַ טייל פון מיר זאָל זיך קאָנען ליכטיק דערהויבן צו דיר".
איז די זון געווען מיט איר און זי געמאַכט טראָגן,
און זי געמאַכט געבוירן די לבנה איר טאָכטער,
און אַז די ערד האָט דערזען, ווי שיין עס איז די ניי־געבוירענע
טאָכטער, די לבנה,
האָט זי פון שרעק גלייך אַרויסגעלאָזן די וועלדער, וואָס זענען נאָך
אין איר טראַכט געלעגן —
גרויסע, געדיכטע וועלדער אויף איינצוהיילן און באַהאַלטן איר
שיינע טאָכטער,
אַז די זון זאָל ניט דערזען,
זאָל ניט גלוסטן, זאָל ניט צונעמען פון איר — איר שיינע טאָכטער
און פון איר פאַר זיך אַ ווייב אַ צווייטע מאַכן.
ערשט אין דער נאַכט האָט ערד אָפּגעלאָזט איר ליכטיקע טאָכטער,
די לבנה,
ווייל אין דער נאַכט איז זי געווען זיכער,
וועט איר טאָכטער ניט אַוועק צו ווייט פון איר.
ווייל אין דער נאַכט איז זי געווען זיכער מיט דער זון אין איר
בעט.
געוואָלט האָט ערד דערהויבונג,
אָבער געוואָלט האָט ערד אויך

האָבן די טאָכטער בלויז פאַר זיך, — ניט ווייט פון זיך,
העכער זיך דערהויבן האָט ערד, די וועלט די גאַנצע ניט געקאַנט.
דו, יפתח, אָבער האָסט אוועקגעשיקט דיין טאָכטער צו יהוה דיין
גאָט,
ביי דעם ליכטיקן שיין פון דער זון האָסטו דאָס געטאָן.
און דו ביסט דערפאַר אין איין אויגנבליק
דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק ביז צו יהוה.—
ביז צו יהוה, דיין גאָט, וואָס האָט דיר געהאָלפן, ביסטו דערהויבן
געוואָרן.

י פ ת ח :

(קוקט אים אָן)
אַז דאָס האַרץ וויל ניט שטומען
וועט אָט דער געצנדינערישער משל דיינער עס איינשטילן?
(חי צו זיך אַליין).
ווען איך בין געוועזן אַ יינגל, פלעג איך ליב האָבן
וואַרפן שטיינדלעך אין דער לופטן.
מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז יעדעס שטיינדל אויף דער ערד
וויל מען זאָל דאָס אויפהויבן און וואַרפן.
עס וויל דערהויבונג; עס וויל פליען אין דער לופטן.
מיין האַנט און מיין בליק פלעגן פילן און מעסטן
די פרייד פון יעדן אויפגעהויבן שטיינדל.
נאָר נאָכדעם האָב איך זיך גענומען פרעגן:
אויב אַ שטיין פרייט זיך אַזוי מיט מיין שטויס צו דערהויבונג
טאָ פאַרוואָס בלייבט ער דאָרט ניט הענגען אין דער לופטן?
פאַר וואָס לאָזט ער זיך ניט דאָרט מיט זיין דערהויצונג?
און איך האָב צו זיך געזאָגט:
עס בלייבט ניט הענגען דער שטיין
אין דער געוואָרפענער הויך,
ווייל דער ווילן און די פרייד פון דערהויבונג
איז ניט אין אים,
(צום חוזה)
אויף צו קאָנען באמת דערהויבן ווערן,
דאַרף מען האָבן אַן אייגענעם פאַרלאַנג צו דערהויבונג.
נאָך דורך אַזאַ פאַרלאַנג ווערט דערהויבונג — דערהויבונג.

בין איך דען היינט דערהויבן געוואָרן,
צי בין איך היינט געוואָרפן געוואָרן
ווי אַ שטיין פון אַ כוח אַ בייזן?
(עס דערהערן זיך דראָענדיקע געשרייען פון דעם פאָלק אין דרויסן. יפתח הערט זיך צו)
און ווי עס וויל ניט שטומען דאָס הארץ אין מיר
אַזוי וויל ווייזט אוים ניט שטומען דאָס פאָלק אין דרויסן.
יהוה האָט מיך היינט געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט.
פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק האָט ער דאָס געטאָן.
(צו יאָירן)
דו ביסט אַ זעער און יעדעס מאָל וואָס איך טרעף דיך אָן
מיין איך, אַ מלאך פון גאָט האָט מיך באַגעגנט.
און אפשר ביסטו טאַקע אַן אונטערגעשיקטער...
דו ביסט אַזעער, דו קוקסט אין די שטערן —
זע, דאָ שטייט פאַר דיר איצט, ניט קיין שופט, ניט קיין קצין,
ניט קיין גיבור,
נאָר אַ מענטש וועמעס אומגליק איז ניט אַזוי אין דעם
וואָס זיין איינציקע טאָכטער איז פון אים אוועקגענומען געוואָרן
נאָר אין דעם וואָס ער ווייסט ניט פון גאָט איצט.
וואָס איז יהוה? ווער איז יהוה? וואָס וויל יהוה?
איז עס מעגלעך אַז יהוה האָט טאַקע פאַר זיך אויסגעוויילט מיין
טאָכטער?
ענטפער מיר אויף דעם, נאָר אָן משלים!..

יאָיר:

געטער האָבן ליב קרבנות, גאַנצע, פאַר זיי אַליין געמיינטע.

יפתח:

„געטער" האָבן ליב, אָבער יהוה?!

יאָיר:

און אַז עס איז ווי דו אַליין גלויבסט,
אַז ניט מרדוך, נאָר יהוה איז דער גאָט איבער אַלע געטער,
איז ער דען קיין גאָט ניט?!

יפתח:

אַ לעבעדיקן מענטשלעכן קרבן!?...

י אָ י ר :

האָבן דאָס דען דיינע ליפּן איצט ניט געזאָגט?
האָבן דאָס דיינע אויגן היינט ניט געזען?

י פ ת ח :

און פון יחוס האָלט יהוה?

י אָ י ר :

גאָט איז יחוס, יחוס פון די וואָס גלויבן אין אים.
און איז דען ניט דיין יחוס אברם, און יהוה דער גאָט פון אברם?

י פ ת ח :

און מיין טאָכטער האָט ער ביי מיר צוגענומען.
דערפאַר וואָס איך האָב אים געדינט מיט מיין גאַנצן הארצן?

י אָ י ר :

און דו ביסט היינט געוואָרן זיין יחוס.
(אַ טומל, און נאָכדעם קלאָרע אויסגעשרייען פון אונטער דער סצענע)
בן זונה, בן זונה!
ווען דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה
וואָלט יהוה ביי דיר ניט צוגענומען דיין איינציק קינד.
ביי אברהם האָט גאָט ניט צוגענומען זיין קינד.
און ביים בן זונה האָט ער גענומען.

י פ ת ח :

(צו יאָירן)
דו הערסט וואָס דאָס פאָלק זאָגט?
דאָס פאָלק זאָגט אַז דו ביסט אַ ליגנער! — — —
ניט קיין גאָט פון קרבנות און פון יחוס איז יהוה,
נאָר דער גאָט פון נקמה איז ער. און דאָס איז זיכער.
און ער האָט זיך היינט נוקם געווען אָן מיר,
פאַר דער זינד פון מיין מוטער האָט ער זיך היינט נוקם געווען אָן מיר,
און דו ביסט אַ ליגנער,
קריגער! אויף די שפּיזן זאָל ער פון דאַנען ארויסגעטראָגן ווערן גלייך.
(עטלעכע קריגער נעמען זיך צונויף אין אַ רינג, מיט אָנגעשטעלטע שפּיזן אַרום יאָירן, נאָר יאָיר מאַכט גיך אַ קרייז מיט זיין שטעקן אַרום זיך)

אַ ב י ע ז ר :

(נעמט לויפן צו יאָירן מיט זיין אויפגעהויבענעם שטעקן, שרייענדיק)

היט זיך! ער וויל געצנדינערישן כישוף מאַכן דאָ.
ער איז אַ געצנדינער, אַ כישופמאַכער!
ניט אַנטלויפן זאָל ער אין דעם היינטיקן טאָג.
חשבון זאָל ער געבן!

(אַלע קוקן דאָס צו, און ווי נאָר די קריגער מיט זייערע שפּיזן קומען צו צום אָנגעצייכנטן קרייז הויבט זיך גלייך אויף אַ זייל רויך, און ווען דער רויך פאַרשווינדט, איז שוין יאָיר ניטאָ און אביעזר ליגט, אָדער זיצט צווישן די שפּיזן)

ד ע ר ע ו ל ם :

אַ נס! אַ נס האָט דער חוזה געוויזן!

י פ ת ח :

(לויפט צו אַביעזרן)

אַביעזר!!

אַ ב י ע ז ר :

(שטאַרקט זיך, הויבט זיך אויף. צו יפתחן)

מיר איז גאָר ניט, גאָר ניט. איך האָב אָפּגעווענדט זיין מעסער,
דער רויך נאָר האָט מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט.

י פ ת ח :

(צו אַביעזרן)

איז דאָס אַ צייכן פון יהוה?!

אַ ב י ע ז ר :

ניין

(צום עולם און צו יפתחן)

ניט קיין נס האָט איר דאָ געזען,
אַ פאַרפירערישן כישוף האָט דער געצנדינער דאָ געמאַכט.

ד ע ר ע ו ל ם :

(אין דרויסן)

אויף אונדזער חוזה האָט געהייסן הויבן זיינע שפּיזן דער בן זונה!
אַ געטלעכער מענטש איז דער חוזה, אַ נס האָט ער געוויזן,
אַ נס!!

— בן זונה, בן זונה!

— דיין הויז זאָל אויף דיר פאַרברענט ווערן אין פייער!
— מיר ווילן ניט אז אַ בן זונה זאָל הערשן איבער אונדז!

יפתח:

(גלייכט זיך אויס)
גוט אַזוי! גוט!
אַזוי ווי עס האָט מיך באַהאַנדלט יהוה
אַזוי באַהאַנדלט מיך איצט זיין פאָלק.
יאָ, יאָ...
נאָך איין זאַך וואָלט זיך מיר ביי אים היינט וועלן פרעגן:
מיט וואָס קאָן ביי אים און ביי זיין פאָלק
אַ זינדיקער מענטש זיך אויסקויפן פון זינד?
זינד אין וועלכע ער איז גאָר ניט שולדיק?
פאַר וועמען און צוליב וועמען האָב איך געקעמפט אויף די מלחמה־
פעלדער?
פאַר וועמען און צוליב וועמען האָב איך זיך אַלע יאָרן צוריקגעהאַלטן
פון ברודער־בלוט?
פאַר וועמען און צוליב וועמען האָב איך מקריב געווען מיין איינציקע
טאָכטער?

אַביעזר:

(כמעט מיט טרערן אין קול)
שטאַרק זיך שופט, קצין, גיבור, תלמיד מיינער!
דאָ איז אַ פּלאָנטער, אַ שרעקלעכער פּלאָנטער.
(אַ שטאַרקער טומל אין דרויסן, רמליהו קומט אַריין)

רמליהו:

פאָרשטייער פון שבט אפרים רייסן זיך צו דיר, שופט.

יפתח:

(באַפעלעריש)
פיר זיי אַריין!

רמליהו:

(גיט אַ מאַך מיטן שווערד אין שייד, עטלעכע פון די בני אפרים קומען אַריין, ווי זיך אַריינרייסנדיק)

יפתח:

(שטעלט זיי אָפּ מיטן בליק)
וואָס ווילט איר?!

די בני אפרים:

מיר ווילן דיר זאָגן אַז דו ביסט אַ בן זונה!

יפתח:

און וואָס נאָך ווילט איר?

די בני אפרים:

מיר ווילן דו זאָלסט אונדז ענטפערן פאַרן גאַנצן פאָלק.
פאַרוואָס דו ביסט געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט די בני עמון
און אונדז האָסטו ניט גערופן?

יפתח:

(זיך איינהאַלטנדיק).
איך האָב דאָך אייך יאָ גערופן.
און איר האָט דאָך מיך געלאָזן אַליין אין מיין נויט.

די בני אפרים:

אַז אַ בן זונה רופט — האָבן מיר מיטגיין ניט געדאַרפט;
דו, אָבער, האָסט ניט געטאָרט אין מלחמה גיין אָן אונדז.
דו האָסט געטאָן אומיסטן דאָס,
כדי נאָך שטאַרקער קאָנען זיך באַרימען מיט דיין שטאַרקייט.

אַן אַנדערער:

כדי צו רייצן אונדז האָסטו אומיסטן אויסגעביטן אונדז אויף אָקסן

יפתח:

איז וואָס איז אייער משפּט?

די בני אפרים:

אַז דו ביסט ניט קיין גיבור, נאָר אַן אָקסן־טרייבער,
אַ נבלה ביסטו פאַר דעם פאָלק,
און דיין הויז זאָל אויף דיר נאָך היינט פאַרברענט ווערן אין פייער.

יפתח:

גוט האָט איר געפּסקנט, ברידער.
(לויז לאָזנדיק זיין כעס)
נאָר דער שופט אין ישראל בין איך — איך יפתח פון גלעד!
און איך יפתח פון גלעד פּסקן איצט,
פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן פאָלק פּסקן איך דאָ היינט:
ניט קיין ברידער, נאָר קרעציקע הינט זענט איר צו אונדז,
און איך פּסקן:

ווער עס בייט אויס אַ הונט אַ קרעציקן אויף אַן אָקס אַ גוטן
האָט געמאַכט אַ גוטן בייט:
אַזוי זאָג איך היינט
און אַזוי זאָל דאָס וועגן מיר און וועגן אייך געזאָגט ווערן,
פון היינט און אויף אייביק.
(צו רמליהו)
וואו איז מיין באַפּוצטע היטל מיט די אָקסן־הערנער?
היינט איז געקומען דער טאָג.
מיינע הערנער אין דעם האַרץ פון יחוס!
זייערע יחוסדיקע העמדלעך זענען נאָך פון די טעג פון אַמאָל גע־
וואוינט צו בלוט.

די בני אפרים:

דו גרויסט זיך נאָך, דו, פאַרשאָלטענער,
זעסט דען ניט, אַז יהוה האָט זיך אָפּגעקערט פון דיר.
ביי אברם האָט גאָט ניט צוגענומען זיין קינד
און ביי דיר האָט ער דאָס צוגענומען,
ווייל דו ביסט אַ בן זונה.
דיין הויז זאָל אויף דיר פאַרברענט ווערן אין פייער!

דער עולם:

(פון הינטער דער סצענע)
בן זונה, בן זונה,
דיין הויז זאָל אויף דיר פאַרברענט ווערן אין פייער! —
אין פייער זאָל אויף דיר דיין הויז פאַרברענט ווערן היינט!

יפתח:

(טוט אויף זיך אָן דאָס דערלאַנגטע היטל מיט די צוויי אָקסן־הערנער, כאַפּט זיך ביי ביידע שווערדן אויף זיין דיך, שרייט אויס צו די בני אפרים):
— ניט עפענען מער די קרעציקע מיילער! —
פאַר אייך שטייט איצט דער שופט פון ישראל,
אייער שופט.
דער פאָטער יעקב האָט אויף דעם קאָפּ פון אייער פאָטער אפרים
געלייגט זיין רעכטע האַנט
און אייך געמאַכט פאַר מיוחסים.
ווער איך היינט אויף אייערע קעפּ לייגן מיין שווערד

און וועל אייך מאַכן גלייך מיט דער ערד;
אפשר וועלן אייערע קינדער פון דעם עפּעס לערנען.
היינטיקן טאָג הויב איך מיין שווערד פאַר אייך און פאַר יהוה;
היינט, אויסדערוויילטער שבט, גיי איך שטעכן מיינע הערנער אין דיר.
אין די טעג פון גדעונען, זענט איר אויך געקומען מיט אַזוינע
רייד —
אַ טייל פון גדעונס זיג האָט איר געוואָלט.
גדעון האָט אייך מיט קלוגע רייד געגעבן, וואָס איר האָט געזוכט,
איך אָבער וועל אייך געבן, וואָס אייך קומט!
מיט דער שאַרף פון מיין שווערד וועל איך היינט רעדן צו אייך
און זאָל יהוה נאָך מער זיין צופרידן היינט.
ווי גאַל איז מיר ביטער אָט־דער היינטיקער טאָג,
און זיס איז ער מיר, ווי דער מן פון הימל!
— יהוה האָט ליב גאַנצע קרבנות
און איך בין אים שולדיק אַ סך אַזוינע קרבנות;
ער וויל און איך וועל אים היינט צאָלן זיין חוב,
אַ צוגאָב צו דעם קרבן פון מיין טאָכטער
וועל איך אים אייערע מיוחסדיקע לייבער לייגן.
אַ פּלאָנטער, זאָגסטו אביעזר איז דאָ אַזאַ.
וועל איך מיט מיין שווערד, היינט דעם פּלאָנטער צעהאַקן
און וועל זען זיין אינגעווייט.
רמליהו, איז דער איבערגאַנג פון ירדן פאַרשפּאַרט?!

ר מ ל י ה ו :

פאַרשפּאַרט און באַשיצט.

אַ ל י פ ז :

אָבער טאָמער וואַרפן זיי פון זיך אַראָפּ די יחוסדיקע העמדלעך
ווי אַזוי וועלן מיר זיי דערקענען?

י פ ת ח :

דעמאָלט צעעפן זיי די מיילער אליפז, און היים זיי זאָגן „זאַנגען"
און עס וועט זיין, ווער עס וועט זאָגן „סאַנגען"
דער איז יהוהס קרבן פון דעם היינטיקן טאָג.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י א פ ר י ם :

(צעלאַכט זיך)
כאַ־כאַ, ס'מעג פאַרשפּאַרט זיין דער איבערגאַנג פון ירדן.

מיר זענען איצט אין גלער סאַי־ווי־סאַי
צוויי און פערציק טויזנט אונדזעריקע שטאַרק.

יפתח:

(שאַרף)
ווען היינט צוויי און פערציק טויזנט אייערע זיין טויט!

(יפתח רעדט אַרויס די לעצטע ווערטער אַזוי אַז דער געלעכטער אויף די פּנימער פון די בני אפרים ווערט פאַרשניטן. אַביעזר וועלכער איז ווייזט אויס שווער געשטאָכן געוואָרן פון יאָרן אין דער צייט פון צוזאַמענשטויס און האָט דאָס די גאַנצע צייט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון יפתחן, קאָן דאָ לענגער ניט אויסהאַלטן. גיט אַ הויב די האַנט און וויל עפּעס זאָגן, רעדט אָבער נאָר ארויס דאָס וואָרט — יפתח... און פאַלט. יפתח לויפט צו, כאַפּט אים אָן און שרייט אויס)

אביעזר!

איינער:

דאָס מעסער פון דעם געצנדינער איז טיף אין אים געלעגן
ווי נאָר דער רויך איז אַוועק.

יפתח:

אביעזר!

(לאָזט אָפּ דעם קערפּער. ווי צו זיך).
נאָך דאָס האָט מיר אין דעם היינטיקן טאָג געפעלט, אויך דאָס?
(כאַפּט זיך אַנטשלאָסן פאַרן שווערד)
אָבער אַ האַנט איז נאָך דאָ,
אַ שווערד איז נאָך דאָ.

פאָרהאַנג

עפּיזאָג

אין צייט פון שטורעם

ערשטע סצענע

(אין דער צייט פון רעגן, פאַרן געצעלט פון פנחס בן אליעזר. צווישן פעלזן אין די בערג)

ע ר ש ט ע ר כ ה ן:

(אַרויסקומענדיק פון אַ זייטיקער טיר צו אַ צווייטן כהן, וואָס קומט נאָך אים)

נאָכגעלאָזט האָט דער שטורעם פון דעם הימל,
וואָלט נאָר דער צווייטער שטורעם פון דער ערד
וואָס דערנענטערט זיך צו אונדזער הויז,
אויך נאָכלאָזן געוואָלט.

צ ו ו י י ט ע ר כ ה ן:

טויט און פאַרוויסטונג טראָגט מיט זיך איצט
דער רוצח יפתח, דער בן זונה,

ע ר ש ט ע ר כ ה ן:

עס זעצט אים די רציחה פון די אויגן אַרויס.
אויסגעהרגעט צוויי און פערציק טויזנט פון די בני אפרים,
פון דעם מיוחסדיקסטן שבט אין ישראל.
אין איין טאָג זיי אויסגעקוילעט אַלע
און דאָס איז אים נאָך קאַרג, —
אויף די געזאַלבטע כהנים, אויף דעם הויז פון דעם כהן גדול
שאַרפט איצט זיין שווערד דער רוצח.
יחוס איז ביי אים געוואָרן איצט אַ משוגעת אזא.
און דאָס וואָס דער רמליהו, זיין געווער־טרעגער,
איז פון אַ פייל פון די בני אפרים געפאַלן,
האָט אַריינגעגאָסן דעם לעצטן טראָפּן ביטערקייט אין זיין קאָפּ.
אַן אמתער אבימלך, אַ דאָרנבוים,
ווי יותם האָט געזאָגט: אַ פייער וועט אַרויס...
ער וואָלט געווים אויך זיין אייגענע מאַמע פאַרברענט,
ווען ער וואָלט נאָך אַ מאַמע געהאַט.

צווייטער כהן:

אין דער פרי איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען
מיט געשרייען צו די בליצן און צום הימל,
און דאָ — אַ ניט לאַנג האָב איך זיין פערד
זיך דאָ אַרומדרייען געזען,
ווי עס וואָלט זיינע טריט געשמעקט און אים געזוכט.

ערשטער כהן:

דאָס בלוט פון זיין טאָכטער
זעצט אים ארויס פון זיינע צעווילדעטע אויגן,
צו קיין לעבעדיקן מענטשלעכן קרבן האָט מען אפשר
דערלאָזן ניט געטאָרט.
דערצו נאָך, ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ נחות דר׳גאַ אַזאַ.
מיט אַ נבזהניק אַ בייזן, אַן אבימלך אַ צווייטן.
יהוה האָט דאָך אים אויפגעשטעלט אומיסטן,
און אים דעם בן זונה אַזאַ כוח געגעבן,
כדי נאָכאַמאָל פאַר דער וועלט באַווייזן,
אַז פון נידעריקער זרע קאָן קיין גוטס ניט אַרויס.
נאָר אַ בן זונה קאָן געבן אַזאַ נדר
און אים נאָכדעם אויספירן מיט אַזאַ עקשנות.

צווייטער כהן:

איך טראַכט — און וואָס וואָלט געטאָן דער בן זונה
ווען אַ הונט אָדער אַ קאַץ וואָלט אים געקומען אַנטקעגן פון זיין
הויז
ביי זיין קומען צוריק פון דער מלחמה?
זיי וואָלט ער דאָך געווים פאַר קיין קרבן צו יהוה ניט געבראַכט.
און אַ לעבעדיקן מענטשן, זיין אייגענע טאָכטער, יאָ.

ערשטער כהן:

און נאָך וואָס, — אַז ער גלויבט ניט אין יחוס, ווי ער זאָגט,
האָט דאָך אים געמעגט אָנשטיין קומען בעטן
ביי אונדזער כהן גדול ער זאָל אים מתיר נדר זיין.
אונדזער גרויסער כהן וואָלט דאָס פאַר אים געווים געטאָן
און וואָלט דורך דעם פאַרמידן דעם ברודער קריג
און דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט אים,
דעם גאָטס גזואַלבטן כהן אונדזערן געטראָפן,

אונ ער, פנחס, וואָס איז פון אמתן יחוס א מיוחס.
וואָלט ניט אַזוי שווער געשטראָפט געוואָרן פון יהוה,
און קיין נייער אבימלך וואָלט אפשר פון אים — דעם וויסטן יפתח,
ניט געוואָרן,
און זיין ווילדע רציחה וואָלט שרעקן ניט געדאַרפט
די אמתע מיוחסים פון יהוה און פון פאָלק.

צווייטער כהן:
ער וויל שוין גאָר, ווייזט אויס, ניט אויסטאָן מער
דאָס הערנער־היטל פון זיין קאָפּ.
א שרעק צו זען אים לויפן אויף זיין פערד אין די פאַרנאַכטן
מיט אָט־דעם ווילדן הערנער־היטל אויף זיין קאָפּ.
דו קוקסט און דיר טאַכט זיך — דו זעעסט
די צוויי און פערציק טויזנט פארבלוטיקטע ברידער
מיט זייערע צעקרימטע פנימער און איבערגעשניטענע העלדזער
יאָגן זיך אָט דעם ווילדן הערנערדיקן בן זונה נאָך,
זיי מאַכן רוישן די לופט אַרום אים;
ווי שטיינער פאַלן געוויים זייערע געשרייען אויף זיין קאָפּ.

צווייטע סצענע

אליפז:
(קומט אַרויף מיטן קאָפּ שטאַרק אָנגעבויגן צו דער ערד, זוכט צו רעכטס און צו לינקס. זיי דערשרעקן זיך און נעמען זיך ביידע שטופּן אין דער קליינער זייטיקער טיר און קאָנען איינער איבערן צווייטן ניט אַריין. אויפ־הויבנדיק דעם קאָפּ, דערזעט ער די צוויי כהנים זיך שטופּנדיק אין טיר אַריין).
וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן! מיוחסים העלדישע!?
דאָס בין איך דאָך — אליפז, — דער פאַסטוך אליפז.

איינער:
(קומענדיק אַ ביסל צו זיך)
אָ, דאָס ביסטו, אליפז.

צווייטער כהן:
און וואָס פאַר א נייעס ברענגסטו?

ערשטער כהן:
יאָ, און וואָס פאַר א נייעס ברענגסטו?

אַ ל י פ ז :

און פון זינט ווען ווילט איר דאָס נייעס?...

א י י נ ע ר :

אוודאי ווייסן מיר, אז אויף אייביק האָט יהוה זיין וועלט געשטעלט
און אז ניטאָ איז קיין נייעס אונטער דער זון.
וואָס פאָרט ברענגט דיך דאָ אהער?...

צ ו ו י י ט ע ר כ ה ן :

(נאָכזאָגנדיק).

וואָס פאָרט ברענגט דיך דאָ אהער?

אַ ל י פ ז :

נאָך די טריט פון דעם פערד פון אונדזער שופט יפתח
בין איך דאָ געגאַנגען און דאָ די טריט פארלוירן.

א י י נ ע ר :

אהין מיט יענעם וועג איז דאָ דאָס פערד געגאַנגען.

צ ו ו י י ט ע ר כ ה ן :

יאָ, אהין, אָט דאָרטן.

ע ר ש ט ע ר כ ה ן :

ער האָט ווי דו געשמעקט די ערד און געזוכט.

אַ ל י פ ז :

ס'שטייט דיר ניט אָן, מיוחס?
אַ געזונטער מענטש דארף אויך קאָנען זוכן און שמעקן, ווי אַ חיה,
ניט ווי ביי אַ מיוחס, דארפן איבעריק זיין ביי אים די אויגן און
די נאָז.

ד י כ ה נ י ם :

(קוקן זיך איבער, שווייגן)

א ל י פ ז :

איז אפשר אויך דער שופט דאָ פארבייגעגאַנגען?

א י י נ ע ר :

יאָ, ער איז געגאַנגען.

אַ ל י פ ז :

(פאַרזאָרגט)

און ווי האָט אויסגעזען דער שופט?

א י י נ ע ר :

ווי איינער, וואָס קלייבט זיך ארויסצושלאָגן די פעלזן
פון די איינגעוואָרצלטע נעסטן זייערע.

אַ ל י פ ז :

און אפשר וועט ער זיי ארויסשלאָגן אויך,
און גרינגער וועט די נעסטן ווערן —
צו אָטעמען גרינגער.

א י י נ ע ר :

(זיך צוהערנדיק מיט שרעק. שרייט אויס)
עמיצער קומט!
(זיי שטופן זיך ביידע גלייך אַריין אין טיר, פאַרמאַכן און פאַרריגלען זי הינטער זיך)

דריטע סצענע

י פ ת ח :

(קומט אַרויף. אַליפז דערשרעקט זיך פאַר זיין אויסזען און ציט זיך צו־ריק. יפתח באַמערקט אים ניט, קוקט זיך אום אויף דעם הויז, נעמט זיך בייז קלאַפּן אין טיר)
בן אליעזר, בן אליעזר!!!
פּנחס בן אליעזר...
כהן גרויסער, בן אליעזר! —
טויט זאָלסטו פאַר מיר בעטן ביי דיין מיוחסדיקן יהוה.
איך זוך טויט, איך בעט טויט —
און עס וויל דער טויט ניט קומען.
(קלאַפּט ווידער)
בעט דו טויט פאַר מיר ביי יהוהן.
דו גלויבסט אין יחוס און ער האָלט פון יחוס,
וועט ער דיך הערן.
בעט טויט פאַר יפתח, דעם שופט פון ישראל;
בעט טויט פאַר דעם בן זונה, וואָס גלויבט ניט אין יחוס.
בעט טויט!!!

פערטע סצענע

(עס צעעפנט זיך די טיר. עס ווערט אַרויסגעפירט דער אַלטער בן אַליעזר. ווייס ווי די לבנה און בלינד. יפתח קוקט זיך איין אַביסל, נעמט אָן, אַז דער כהן גדול האָלט צוגעמאַכט די אויגן, כדי צו זאַמלען מער כח פאַר דער קללה, וואָס ער גייט געבן. יפתח בויגט איין דעם קאָפּ, טרעט צוריק אַ ביסל, גרייט צו לאָזן פאַלן די קללה אויף זיין קאָפּ)

יפתח:

שעלט, בן אליעזר, שעלט!!!
זאָל פון היינט און אויף ווייטער מער דאָס פאָלק ניט טיילן
צווישן מיר און דיר
די קרוין פון דעם פּאַסטוך, דעם זיבעטן אין ישראל.
זאָל יהוה מיר געבן טויט!!!
זאָל ער געבן טויט!!!
טויט!!!

(פנחס בן אליעזר בלייבט שטיין פאַר יפתחן)

פּנחס:

זע, עס דאַרף אַ פּאַסטוך, עס דאַרף אַ בענטשער און אַ שעלטער
האָבן ליכט אין זיינע אויגן.
זע — געשטראָפט האָט יהוה זיין כהן גדול.
עס קאָן זיין קנעכט ניט שטעלן זיך שוין מער פאַר אים.
זע — איך בין בלינד...
אינגאַנצן בלינד בין איך געוואָרן,
פון אינעווייניק און פון דרויסן בלינד.

יפתח:

(קוקט אים אָן מיט אַ נאָך ניט אויפגעהויבענעם קאָפּ און, ווען ער איבערצייגט זיך, אַז פנחס איז טאַקע בלינד, ברעכט ער אויס אין אַ פּלוצלינגדיקן ווילדן לאַכן פאַר אַ ווייל. פנחס ציט זיך צוריק; ווערט געפירט אויף ריקוועגס פון זיינע צוויי קלענערע כהנים. ערשט פאַרן טיר דרייען זיי זיך אויס מיט זייערע פּנימער פון דעם ווילר פאַרצווייפלטן, לאַכנדיקן יפתח און גייען אָפּ)
(נאָך לאַכנדיק)
אויך די טיר האָסטו פאַרשלאָסן פאַר מיר יהוה,
ווערסט ניט זאַט פון צו פּייניקן מיך.
(צום הימל)

צוליב וואָס האָסטו אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם רחב, דעם תנין?
כדי צו זיין דער איינציקער, וואָס קאָן באַשאַפן אַ מענטשן
און אים פייניקן?

און גוט איז דיר פון דעם?
(מיט געלעכטער)
און אפשר נעמסטו זיך אָן גאָר די נקמה
פאַר דער הייליקער שלאַנג, דיין שונא,
וואָס איך האָב מיט מיין שווערד צעהאַקט?
(לאַכט)
ווייל אַ הייליקע שלאַנג
מעגסט נאָר דו אַליין מיט דיין שווערד צעהאַקן? —
און אפשר
(מיט אַ נייעם געלעכטער)
אַ ברודער איז דיר די שלאַנג?
ווי אַביבעל איז מיר אַ ברודער געווען...
און דו דאַרשסט און נעמסט נקמה,
ווי איך האָב געדאַרשט און גענומען נקמה
פאַר דעם טויט פון מיין ברודער מיין שונא...
(עס שלאָגט אויף אַ בליץ און אַ דונער)

יפתח:

(צום הימל)
דו ביסט אין כעס? איך — אויך!
דו פאַרפּלאָנטערסט אַ מענטשן אין פּלאָנטערס,
פון וועלכע ער וועט זיך קיינמאָל ארויספּלאָנטערן ניט קענען,
און גוט איז דיר פון דעם.
אויב דו ביסט דער גאָט פון יחוס,
ענטפער איך איבער מיין נשמה אין דיין האַנט.
און אין מיינער נעם איך די שווערד,
און הויב זי קעגן דיר!
(אַ דונער)
דונער, דונער!
(דערזעט אליפוזן, קוקט אים אָן)
און דו, וואָס טוסטו דאָ?
ווי אַזוי קומסטו דאָ אַהער?!

אַליפז:

(מיט שרעק, פאַלט אויף זיין פנים)

שופט גרויסער, גיבור אין ישראל.
געלעגן איז דיין קנעכט אליפז אויף זיין געלעגער,
אין דרויסן האָט גערעגנט און פינצטער איז געווען,
דאָס איינציקע ליכט — די בליצן פון מאָל צו מאָל.
געשטאַנען איז אין שטאַל אליין דיין פערד,
זיך געריסן, געקלאַפט מיט די פיס,
געביסן די שטריק, צו וועלכער עס איז געווען געבונדן.
„עס בענקט דאָס פערד נאָך זיין בעל הבית",
האָב איך געטראַכט, — און דער שופט איז ניטאָ.
האָב איך אַרויסגעלאָזט דאָס פערד אין דעם שטורעם פון דער נאַכט
און אליין בין איך אַוועק נאָכקוקנדיק פון דעם פערד די טריט.
און בין געקומען ביז אַהער.

יפתח:

(באַפעלעריש)

הויב זיך אויף! שטעל זיך אַוועק!
און קוק גלייך אויף מיר!

אַליפז:

(אין שרעק, זיך אויפהויבנדיק)

איך האָב מורא, גרויסער שופט,
איך האָב מורא צו קוקן גלייך אויף דיר.

יפתח:

פאַרוואָס?

אַליפז:

מיט די הערנער אויף דיין קאָפּ,
זעסטו אויס ווי דער גאָט הדד,
וואָס איז אפשר שולדיק פאַר די אַלע אומגליקן
אויף דיין קאָפּ.
ער נעמט דאָס אפשר אַזוי נקמה אָן דיר
פאַר דעם געטער מאַכער עכן, וואָס איך האָב צוליב דיר געשטאָכן.
מורא האָב איך צו קוקן אויף דיר.
איך... האָב... מורא...

י פ ת ח :

דיין געצנדינערישן שרעק האָסטו מיר געבראַכט אַהערצו.
ניט קיין שרעק זוכט איצט יפתח.
טויט זוך איך איצט, טויט!
נאַ דיר מיין שווערד. —
וואָלט מיין געטרייער רמליהו ניט געווען געפאַלן
אין דער שלאַכט דער לעצטער,
וואָלט איך אים געוויס איצט די שווערד געגעבן.

אַ ל י פ ז :

(מיט אַלץ שטייגנדיקער שרעק)
שופט, גרויסער האַר און הערשער,
איך קאָן ניט, איך וועל ניט...

י פ ת ח :

(שטופּט אים אריין די שווערד אין האַנט מיט גוואַלט)
נעם!
און איצט הער.



דו ווייסט, אַז איך האָב מיט דיר אַ משפּט?
פון די הייליקע אָקסן פון ארץ טוב,
פון וועלכע איך פלעג בלויז נעמען

פאַרן קרבן פסח אַן אָקס,
פון די הייליקע אָקסן פון ארץ טוב,
וואָס האָבן מיר געהאָלפן געווינען
די מלחמה פון די בני עמון,
פלעגסטו, אבר מין החיי'ניק, שניידן שטיקער,
לעבעדיקערהייט פלעגסטו פון זיי שטיקער שניידן,
אונטער דעם באַלקן פון מיין דאַך פלעגסטו דאָס טאָן,
און איך זאָל דיר דאָס שוויַיגן היינט?
און גראָד אין דער מינוט וואָס איך בין דאָס
געוואויר געוואָרן פון דיר,
האָב איך נאָך אָנגענומען דיין הילף אויפן מלחמה־פעלד,
און האָב דיך ניט באַשטראָפט גלייך אויפן אָרט.
פון יענער ערשטער שטרויכלונג,
האָבן זיך שוין נאָכדעם אַלע שטרויכלונגען
גענומען אויף מיין קאָפּ.
און איך זאָל דיר דאָס שוויַיגן היינט!... —
איינס ווייס איך איצט: —
איך בין געוואַקסן צווישן אַזוינע ווי דו.
און איך ווייס שוין היינט —
אַ בוים ווי הויך ער זאָל ניט וואַקסן,
קאָן זיך פאַרט ניט אַרויסרייסן פון דער ערד
אין וועלכער ער וואַקסט. —
(זיך אָנכאַפּנדיק מיטביידע הענט אָן די הערנער פון זיין היטל אויף זיין קאָפּ)
איך פיל איצט שטייף די אָקסן־הערנער אויף מיין קאָפּ.
און פאַר די הייליקע אָקסן וועל איך
ווי אַ צעווילדטער אָקס איצט שטויסן אָן דיר.
(לאָזט אַרויס אַ שווערן, חיהדיקן קרעכץ)
המ—ממ—מ—מ!

אַ ל י פ ז :

(שרייט אין ווילדער פאַרצווייפלונג)
— דאָס איז ניט דער שופט יפתח.
דאָס איז דער הדר!
יפתח! !... ראַטעווע מיך פון דעם הדר!
איך בין געגאַנגען זוכן יפתחן און אָנגעטראָפן האָב איך

דעם הדר אין די בערג!
די קללה פון עכן! — דער הדר, דער הדר!...
יפתח! העלף מיר קעגן דעם הדר!

י פ ת ח :

(בייז)
הויב די שווערד קעגן דעם הדר!

(אַליפז שטעלט אָן די שווערד. יפתח גיט גלייך אַ בויג דעם קאָפּ מיט זיינע הענט אויף די הערנער פון זיין היטל און נעמט זיך יאָגן אויף אַליפזן. אַליפז ציט צוריק זיין שווערד, שרייט אויס)

אַ ל י פ ז :

איך קאָן ניט, איך קאָן ניט!

(אַליפז גיט אַ פאַל אויף אַלע פיר, צוריקטרעטנדיק אויף הינטער, מורטשנדיק חיהשע קלאַנגען, מיטשלעפנדיק די שווערד מיט זיך, שרייענדיק)
יפתח! שופט! ראַטעווע פון דעם שרעקלעכן הדר!!!

(יפתח פאַלט אויך אויף אַלע פיר. יאָגט נאָך אַליפזן, ווי אַן אָקס, אַרויסלאָזנדיק ווילדע קלאַנגען אין זיין געיעג. עס שטורימט און עס בליצט. ערגעץ שלאָגט זיך יפתח אָן מיטן קאָפּ אָן אַ בוים צי אָן אַ פעלז, אין מיטן פון זיין האַסטיקן געיעג און ער פאַלט)

אַ ל י פ ז :

(שפּרינגט אויף מיט דער שווערד אין האַנט)
ניין, דאָס איז ניט דער הדר! ניט דער הדר!!!
דאָס איז דער קצין, דער שופט
דאָס איז יפתח, י פ ת ח ! ! !
(לויפט צו, נעמט אים מינטערן)
שופט, שטיי אויף, שטיי אויף!
ניט איך האָב דאָס געטאָן, ניט איך!
שופט גרויסער, האַר, הערשער, עפן דיינע אויגן, עפן!
(קלאָגט שרייענדיק ווילד. עס בליצט אויף)

י פ ת ח :

(צעעפנט זיינע אויגן, זאָגט צו דעם דערשראָקענעם און קלאָגנדיקן אליפזן)
—ניט דו ביסט שולדיק פאַר מיין טויט, ניט דו אליפז.
אליפז, נעם אַראָפּ פון מיר דאָס הערנער־היטל.
עס וויל ניט שטעלן פאַר יהוהן יפתח זיך מיט הערנער אויף זיין קאָפּ.

אַליפז:

(פּרואווט מיט איין האַנט אונטערהויבן יפתחס קאָפּ און מיט דער צווייטער פּרואווט ער אַרונטערנעמען דאָס הערנער־היטל, נאָר ער קען ניט, נעמט ער נאָכדעם מיט ביידע הענט אָן ביי די הערנער, שלעפּט מיט אָנשטרענגונג און לאָזט מיטאַמאָל אָפּ ביידע הערנער שרייט אויס מיט שרעק)

— איך קען ניט, שופט. איך קען ניט!

צוגעוואַקסן זענען דיר די הערנער צו דיין קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יפתח:

(הויבט אויף איינע פון זיינע אָפּגעשוואַכטע הענט צו זיין קאָפּ, טאַפּט אָן די הערנער, די האַנט פאַלט צוריק)

נו גוט, נו גוט, יהוה.

אויב עס איז דיין ווילן אַז קומען זאָל דיין גיבור

און זיך שטעלן פאַר דיין שטול

מיט אָקסן־הערנער אויף זיין קאָפּ,

טו זאָל דיין ווילן געשען.

(אָפּגעשוואַכט)

איך פיל דו לייזט איצט, ווי אַ גאָט אַ גרויסער,

מיין צווייענדיקייט אויף.

דו ציסט מיין נשמה פון איר פלאָנטער,

ווי אַ שווערד פון איר שייד אַרויס.

אַ מענטש איז אַ מענטש אין אַ מענטש.

ווי אַ גאָט אַ גרויסער נעמסטו איצט יפתחן פון יפתחן אַרויס.

פינפטע סצענע

(יפתחס אַביסל אונטערגעהויבענער קאָפּ פאַלט. עס שלאָגט אויף אַ גרויסער בליץ. אינאיינעם מיטן בליץ באַווייזט זיך דער גרייז אברם, מיט אַ גרינגער באַרירונג פון זיין האַנט נעמט ער אַראָפּ דאָס הערנער־היטל פון יפתחס קאָפּ. הויבט אים אויף און פירט אים אַוועק מיט זיך דורך ליכטיקייט אין ליכטיקער בלויקייט אַריין. דאָס בילד פאַרבלאַסט און ווען עס ווערט ווידער ליכטיק דערזעט מען אונטן נידעריקער אין די בערג אַ גרופּע פאַסטוכער. זיצנדיק אַרום אַ פייער. די פאַסטוכער גיבן זיך איבער איינער דעם צווייטן צונויפגעלייגטע הענט און דער־ביי ווערט צווישן זיי דערציילט) —

א י י נ ע ר :

זיבן זענען די פאַסטוכער פון ישראל, זיבן.
און אַלע מעשיות פון דעם פאָלק ישראל ווערן זייערע מעשיות.
פון וועגן דעם אמתן ליכט פון דער וועלט,
פון וועגן דער גרויסער מעשה פון דער וועלט
ווערן זייערע אַלע מעשיות.

אַ נ ד ע ר ע ר :

און אַזוי איז געווען וועלט איין וועלט אויס,
און אַמאָל איז געווען אַ גיבור,
און יפתח איז געווען זיין נאָמען.
יפתח פון גלעד.
און פון יהוה און דעם פראָסטן פאָלק איז ער געווען אַ גיבור.
און ער איז געווען און ער איז פאַרשוואונדן.
נאָך אים איז בלויז דאָס מלחמה־פערד פאַרבליבן.

אַ נ ד ע ר ע ר :

און אַלע פאַרנאַכט פלעגט זיך דאָס בענקענדיקע פערד
דורכטראָגן איבער די פעלדער און דערפער פון גלעד.
עס פלעגט זיך טראָגן ווי אין די טעג
ווען דער אומרואיקער גיבור איז אויף דעם געזעסן.

אַ נ ד ע ר ע ר :

און לויפנדיק פלעגט זיך דאָס אויסציען אַלץ לענגער
און עס פלעגט זיך טראָגן,

ווי עס וואָלט זיך פון דער אייגענער פעל
ארויסרייסן געוואָלט.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :
די איינוואוינער פון גלעד פלעגן אויף דעם קוקן
מיט שרעק פון זייערע געצעלטן
און זען, ווי עס יאָגט זיך אַן אויסגעצויגנס, דאָס פערד,
גלייך דער גיבור יפתח וואָלט נאָך אויף דעם געזעסן.

אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר :
און שפעטער אין אָוונט,
די טאָלן, זיי פלעגן שוין ליגן אין שאָטן,
נאָר די שפיצן פון די בערג,
פלעגן נאָך גרייכן דעם גאָלדענעם שיין,
פלעגט מען אָפט דאָס צעהיצטע ווילדע פערד דערזען
שטייענדיק אויף איינעם פון די ווייטסטע בערג.
אַ פאַרע זעצט פון דעם פערד,
די פאַרע הויבט זיך, פאַרבט זיך אין דער אונטערגייענדיקער זון.
און אין דער פאַרע באַווייזט זיך
דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסן גיבור יפתח —
ער זיצט אויף זיין פערד.
און זיי פלעגן זען : ער ווענדט זיין פנים צו ארץ טוב.
ער ווענדט זיין פנים צו גלעד,
און ווי ער ציט מיט כעס פון שייד זיין שווערד.



באַמערקונגען

צו דוד איגנאַטאָווס

ביבלישער דראַמע

„פאַר אַ נייער וועלט‟

פון מרדכי קאָסאָווער

אין דער דאָזיקער דראַמע שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע דער קאַמף צווישן געטער און מענטשן. עס איז די צייט, ווען די גרענעצן צווישן זיי ביידע זייַנען נאָך כמעט ווי ניט אָפּגעווישט געוואָרן. אין דעם דאָזיקן געראַנגל מערקט זיך אַ באַשטימטע עוואָלוציע, וואָס גייט אומגעפער אין אַזאַ ליניע: פון אַמאָליקע געטער ווערן ביסלעכווייז האַלבגעטער, שפּעטער צו פאַרוואַנדלען זיי זיך אין מענטשן מיט געטלעכער אָפּשטאַמונג, נאָכדעם אין מענטשן, פון וועלכע עס רעדט אַרויס גאָטס וואָרט, גאָטס קראַפט. אין אָט דעם געראַנגל קומט אויף דער קאַמף פאַר מאַכט, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך געשטייגערטער ליידנשאַפט פון די קעמפנדיקע צדדים.

דער קאַמף איז זייער אַן אַלטער. אָט דער מיטאָלאָגישער און מענטשלעכער געראַנגל ווערט אַרויסגעבראַכט אין די פאַרשיידענע שריפטן, וואָס זייַנען אונדז איבערגעבליבן ווי אַ ליטעראַרישע ירושה פון פאַרצייטיקע דורות.

כדי דער אינסטינקט פון מאַכט זאָל ווערן באַרעכטיקט, האָט דער אוראַלטער מענטש אים צוגעפּירט צום קאַמף צווישן די געטער אַליין. דעם פּאַסיקסטן באָדן פאַר אָט דעם געראַנגל האָט דער מענטש געפונען אין דעם אופן, ווי אַזוי די וועלט איז, לויט זייַנע השגות, באַשאַפן געוואָרן. דער וועלט־באַשאַף, כאָטש בלויז אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשנס אייַנבילדונגס קראַפט, איז געוואָרן דער ערשטער שטאַפּל פון מאַכט־באַגריף פאַר דעם מענטשן. דאָס אָנהאַלטן די מאַכט שוין נאָך דעם, ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז אַ ווייטערדיקע מדרגה אין אָט דעם געראַנגל. אָט דער מאָמענט חזרט זיך איבער אויף אַ פאַרשיידענעם אופן אין די אַלע לעגענדעס, וואָס זייַנען אונדז געבליבן פון דער קאָסמאָגאָניע (וועלט־באַשאַף) פון די אַלטע פעלקער. דער נאָענטער מזרח, מיט די לענדער מצרים, בבל און ארץ־ישראל (שפּעטער צו איז עס אַריבער אויך צו גריכנלאַנד), איז די וויגעלע פון אָט דעם מענטש־ און געטער־קאַמף. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דוד איגנאַטאָוו האָט שרייבנדיק זיין ביבלישע ווערק „פאַר אַ נייַער וועלט" זיך געווענדט אויך צו די אַלטע קוואַלן און באַנוצט זיי אויף זיין שטייגער. כדי, אָבער, דער ענין פון געטער־געראַנגל און מענטשן־קאַמף זאָל בעסער פאַרשטאַנען ווערן, דאַרפן קומען געוויסע באַמערקונגען, וואָס זאָלן אויפקלערן די פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן דער קאָסמאָגאָניע, וואָס דער שרייבער האָט אויסגענוצט אין דעם דאָזיקן ווערק.

נאָך עפּעס: דער סוזשעט פון אָט דער ביבליש שפּיל איז געבויט אויפן גרונט פון די דערציילונגען וועגן גדעון און יפתחן, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אין בוך שופטים, קאַפּיטלען ג׳ — י״ג. אָט די שילדערונגען, וואָס זייַנען פאַר זיך גופא פול מיט דראַמאַטישן שטאָף, זייַנען אויך באַגלייט געוואָרן מיט נאָך אַנדערע עפּישע טיילן פון תנ״ך. צו זיי, ווידער, קומען נאָך צו געוויסע מדרשים, וואָס האָבן אויף זייער שטייגער באַלויכטן געשעענישן און כאַראַקטעריזירט תנ״כישע געשטאַלטן. אָנווייזן אויף די אַלע השפּעות, וואָס דוד איגנאַטאָוו האָט זיי גאַנץ באַוואוסטזיניק אַריינגענומען אין זיין ווערק און אַסימילירט זיי אויף זיין שטייגער — איז דער ציל פון די ווייטערדיקע באַמערקונגען.

1

פאַר אַ יידישן לעזער, וואָס איז באַקאַנט מיטן תנ״ך, זייַנען ניט פרעמד די חומש־דערציילונגען וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. ער דאַרף נאָר אָפּפרישן זיין זכרון און ער וועט זיך גלייך דערמאָנען אָן די שיינע שילדערונגען, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין דעם ערשטן און אין אָנהייב צווייטן קאַפּיטל פון ספר בראשית. דאָרטן ווערט צוערשט דערציילט וועגן דעם תהו ובהו, דעם כאַאָס, וואָס עס האָט געהערשט איבערן תהום און וועגן דער ליכט און פינצטערניש, וואָס גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן טאָג. אין די ווייטערדיקע טעג פון וועלט־באַשאַף קומען, ווידער, אויף: הימל און וואַסער, געוויקסן און בוימער, און אַ לבנה און זון צוזאַמען מיט דער צייט־אייַנטיילונג אויף טאָג און נאַכט, פייגל, חיות און קריכנדיקע באַשעפענישן, און לסוף — דער מענטש. דאָס אַלץ איז דורך גאָט באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג. וועגן קיינע אַנדערע מיטאָלאָגישע

עלעמענטן, וואָס מיט זיי וועלן מיר זיך טרעפן אין שפּעטערדיקע טיילן פון תנ״ך, ווערט אין ספר בראשית ניט דערציילט.

נאָך מער איז זיך צו וואונדערן, וואָס די גאַנצע לעגענדע וועגן וועלט־באַשאַף, ווערט אַ לאַנגע צייט אין תנ״ך גאָר ניט דערמאָנט. עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַקט, אַז די ערשטע נביאים (עמוס, הושע, ישעיה, מיכה און צפניה) דערמאָנען גאָרניט וועגן דעם וועלט־באַשאַף. דער ערשטער נביא, וואָס רעדט יאָ וועגן דעם און נעמט אַריין די קאָסמאָגאָניע אין די גרענעצן פון דאָגמאַטישער יידישקייט איז ירמיהו. אָבער אויך ביי אים מערקן זיך ניט צוערשט קיין קלאָרע אויסדרוקן וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס. ווענדנדיק זיך צום „הויז פון יעקב״, שטעלט ער אים אַ רעטאָרישע פראַגע: „צי האָט איר פאַר מיר קיין מורא ניט... צי ציטערט איר דען ניט פאַר מיר, וואָס איך האָב געמאַכט דעם זאַמד אַ גרענעץ פאַרן ים, אַן אייביקן געזעץ, וואָס ער זאָל אים ניט אַריבערגיין?״ (ירמיה, קאַפּיטל ה׳, פּסוק כ״ב). שפּעטער צו קומט שוין אַ מער אַלגעמיינע פראַזע „דער וואָס מאַכט די ערד מיט זיין קראַפט, ברייט אויס אַ וועלט מיט זיין קלוגשאַפט און מיט זיין פאַרשטאַנד האָט ער הימלען אויסגעשפּרייט״ (דאָרט, קאַפּיטל ז׳ י״ב) און אַ קלערער אויסדרוק אין קאַפּיטל ל״ב, י״ז: „אַ, מיין האַר גאָט! דו האָסט געמאַכט דעם הימל און די ערד מיט דיין גרויסער קראַפט און אויסגעשטרעקטן אָרעם״ („אהה אדני יהוה, הנה אתה עשית את השמים ואת הארץ בכחך הגדול ובזרעך הנטויה״).

וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שפּעטערדיקע נביאים (און צוזאַמען מיט זיי — פאַר די שפּעטערדיקע טיילן פון תנ״ך) איז דער פאַקט פון אַרויסברענגען אַזעלכע מיטאָלאָגישע עלעמענטן, וואָס פריער האָט מען זיי ניט געטראָפן. עס קומען אויף נעמען פון לעגענדאַרישע באַשעפעניש, וואָס זיינען געווען און געבליבן פרעמד דעם יידישן אויער. אַ ייד וועט זיך גאַנץ רואיק אויסריידן אַזוינע ווערטער, ווי „רבונו של עולם״ (האַר פון דער וועלט) און „בורא עולם״ (באַשעפער פון דער וועלט), ניט אַריינלייגנדיק אין זיי די סאַמע ערשטע כוונה; אָבער אוודאי וועלן אים בלייבן פרעמד אַזעלכע אויסדרוקן, ווי רהב, תנינים, נחש בריח, חיות הקנה און אַנדערע. זיי זיינען וויזט אויס, אויך פריער פרעמד געווען דעם שרייבער, וואָס האָט אריינגעשריבן אין חומש די ערשטע דערציילונגען וועגן וועלט־באַשאַף. פון זיי אַלע איז דעם יידן גע־בליבן נאָענט דער שור הבר און לויתן, אָבער נאָר בזכות פון דעם „שור הבר מיטן לויתן״, וואָס מ׳וועט עסן אויף דער סעודה, ווען משיח וועט קומען...

אָט די עלעמענטן זיינען, אָבער, ווי געזאָגט, פאַראַן ביי די שפּעטערדיקע נביאים, וואָס דערמאָנען זיי מיט פאַרשיידענע נעמען און אין פאַלן, וואו זיי ריידן וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. צומאָל ווערט זיי גופא צוגעגעבן אַ געטלעכער כוח און דאַן זיינען זיי אַליין אין דער מדרגה פון באַשעפער; אָפטמאָל, ווידער, ווערן זיי באַ־הערשט פון אַ העכערער קראַפט און אונטערדריקט פון אַ שטאַרקערן וועזן. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס די אַלע מיטאָלאָגישע באַשעפענישן ווערן כמעט אַלע מאָל דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן עלעמענט פון וואַסער, ים, ים־אָפּגרונט און ווי אַזעלכע זיינען זיי מערסטנטייל — וואַסער־באַשעפענישן. אַזוי טרעפן מיר, אַ שטייגער, ביי ישעיהו די פאַרבינדונג פון רהב און תנין מיטן וואַסער־אָפּגרונט: „וואַך אויף, וואַך אויף, קלייד זיך אָן מיט מאַכט, גאָטס אָרעם, ווי פאַרצייטן אין אַמאָליקע דורות; דו ביזט דאָך דער קוואַל, רהב, וואָס האָט באַשאַפן דעם תנין; דו ביזט דאָך דער, וואָס טריקנט אויס די וואַסערן פון טיפן אָפּגרונט״ (ישעיהו נ״א, 10—11). אין אַן אַנדער אָרט, ווידער, ווערט דאָרט, אין צוזאַמענהאַנג מיט רהב, אַרויסגעבראַכט דער מאָטיוו פון קאַמף פון יידישן גאָט קעגן אַנדערע געטער: „דו האָסט, ווי אַ טויטן, אונטערדריקט דעם רהב; מיטן אָרעם פון דיין שטאַרקייט האָסטו צעשפּרייט דיינע פיינד״ (דאָרט, קאַפּיטל פ״ט, 11). נאָך שאַרפער ווערט עס אויסגעדריקט אין אָט דער פראַזע: „אין יענעם טאָג וועט גאָט, מיט זיין האַרטער, גרויסער און שאַרפער שווערד, באַפאַלן אויף לויתן, דעם לויפנדיקן שלאַנג און אויף לויתן, דעם זיך דרייענדיקן שלאַנג און וועט דערהרגענען דעם תנין, וואָס אין ים״ (דאָרט כ״ז, 1). דער זעלבער מאָטיוו ווערט איבערגעחזרט אין תהלים, אָבער דאָרטן ווערט דערמאָנט אַ פיל־קעפּיקער לויתן:

„דו האָסט צעשמעטערט די קעפּ פון לויתן, דו האָסט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ שפּייז צו אַ פאָלק, וואָס פאָרט אַרום אויף שיפן" (תהלים, ע"ד, 14).

פון די אַנדערע לעגענדאַרישע באַשעפענישן, ווערט אין תנ"ך דערמאָנט בהמות (באַהאַמאָט). ישעיה רעדט פון „אַ נבואה וועגן בהמות אין דרום" (דאָרט, מ', 6). די זעלבע באַשעפעניש ווערט אויך געבראַכט אין די אַפּאָקריפישע ביכער חנוך און עזרא ד'.

דער תנין, ווידער, איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן ביי ישעיהן. ער ווערט אויך געבראַכט ביי ירמיהן און בעת ער רעדט וועגן נבוכדנאצרן, וואָס האָט חרוב געמאַכט ארץ־ישראל, פאַרגלייכט ער אים צום תנין: „ער האָט אונדז איינגעשלונגען ווי דער תנין" (ירמיהו נ"א, 34). אין תהלים ווערט וועגן תנין גערעדט ווי וועגן אַ מאָנסטער, וואָס „האָט אונדז דערדריקט" (דאָרט, קאַפּיטל מ"ד, 20).

דערמיט איז נאָך די ליסטע פון די מיטאָלאָגישע באַשעפענישן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער קאָסמאָגאָניע, ניט אויסגעשעפּט. אויבן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן נחש ברח, דעם לויפנדיקן שלאַנג, וואָס ישעיהו דערמאָנט אים. אויך איוב, וועלכער רעדט וועגן וועלט־באַשאַף, דערציילט, אַז „גאָט האָט מיט זיין גייסט דעם הימל אויס־געשפּרייט און זיין האַנט האָט באַשאַפן דעם נחש ברח" (דאָרט, כ"ו, 13). ביי איובן ווערט אויך גערעדט וועגן אַנדערע באַשעפענישן, וואָס הייסן מיטן נאָמען בני שחץ און וואָס גאָט רעגירט איבער זיי: „אַלע הויכקייטן זעט ער; ער איז אַ קעניג איבער די בני שחץ (איוב, קאַפּיטל מ"א, 26). אַן אַנדער געזעמל פון באַשעפענישן, זיינען די „עוזרי רהב": „גאָט וועט זיין צאָרן ניט צוריקציען; אונטער אים בויגן זיך די אַרויסהעלפער פון רהב" (איוב ט', 13).

אַרום און אַרום איז דאָס אַ געזעמל פון מיטאָלאָגישע באַשעפענישן, וואָס זיינען אין דער יידישער קאָסמאָגאָניע ניט פאַרבליבן. אָבער, באַקענענדיק זיך מיט זיי, שטעלט זיך פונדעסטוועגן די פראַגע: ווי קומען זיי צו אַזעלכע נביאים, ווי ישעיהו און ירמיהו? ווי האָבן זיי געפונען אַן אָרט אין די שפּעטערדיקע תנ"ך־טיילן, ווי ישעיהו, ירמיהו, תהלים און איוב? מען קען דאָך אייגנטלעך אויסזוצן און זאָגן, אַז שוין אין ירמיהוס צייטן האָט קיין ריינע יידישע קאָסמאָגאָניע ניט עקסיסטירט און אויב זי האָט זיך אַנטוויקלט, האָט זי שוין פאַרלאָרן איר אייגענעם אינהאַלט און אריינגענומען זייטיקע איינפלוסן. פרעגט זיך ווייטער: פון וואַנען זיינען אָט די זייטיקע איינפלוסן געקומען?

2

אָט די פראַגע האָבן ביבל־קריטיקער געשטעלט נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק און זיי האָבן איר געפּרוווט פאַרענטפערן אויפן גרונט פון די רעזולטאַטן, וואָס אַרכעאָלאָגן האָבן אַרויסבאַקומען אין זייערע אויסגראָבונגען, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אין די מזרח־לענדער. עס איז דאַן געווען די צייט, ווען היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן האָבן זיך פאַרנומען מיט דער געשיכטע־פאָרשונג פון אָריענט, וואָס איז פאַר די איי־ראָפּעער ווידער אויפגעדעקט געוואָרן דורך פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע אַקציעס. פון מצרים איז די פאָרש־אַרבעט אַריבער אין אַמאָליקן אשור און בבל; עס זיינען אויפגעגראָבן געוואָרן די אַלטע פּאַלאַצן פון נִנוה (די הויפּט־שטאָט פון בבל), עס איז אַנטדעקט געוואָרן די ביבליאָטעק פון דעם קעניג אַשורבאַניפּאַל, געשריבן אין דער פלעקל־שריפט, געלערנטע האָבן זיך גענומען צו דעשיפרירן אָט די אַלטע שריפט און די רעזולטאַטן האָבן אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. מען האָט זיך דערוואוסט וועגן אַ מזרח־קולטור, וואָס איר צענטער איז געווען אין בבל און וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ ניט־סעמיטישן פאָלק — די סומערער. דורך די סעמיטן, ווידער, האָט זיך אָט די קולטור פאַרשפּרייט ביז מצרים און פון דאָרט דערגאַנגען אויך צו גריכנלאַנד.

אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער אַלטער געשיכטע פון ישראל און זיין קולטור האָבן צוגעטראָגן די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין טעל־על־אַמאַרנאַ, אַ דערפל אין אַמאָליקן אַשור. דאָרט האָט זיך (אין יאָר 1887) אָפּגעפונען דער אַרכיוו פון די מצרישע פּרעהס אַמענאָפיס דער דריטער און דער פערטער (פון דעם פערצנטן יאָר־

הונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג) מיט אַ סך ליימענע טאָוולען באַשריבן אין אַסיריש און וואָס האָט אַנטהאַלטן דעם בריוו־אויסטויש צווישן די מלכים פון בבל און אַשור און מצרישע קעניגן. אַ טייל, ווידער, אַנטהאַלטן די בריוו, וואָס די ארץ־ישראלדיקע שטאָטהאַלטער האָבן געשיקט צו זייער אויבערהאַר אין מצרים. אין עטלעכע פון די בריוו דערציילט דער ירושלימער שטאָטהאַלטער עבד־חיבה וועגן אַ וואַנדערדיקן שבט „חבירים", וואָס קומט פון מדבר און דערנענטערט זיך צום לאַנד כנען.

די „חבירים" זיינען ניט קיין אַנדערע, ווי די אַמאָליקע עברים, וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, אָדער ריכטיקער — כנען. שוין דאַן האָבן זיי זיך דאָרט געטראָפן מיט אַן אַלט־איינגעזעסענעם פאָלק, די כנענים, וואָס האָט זיך געהאַט זיין אייגענע קולטור, מיט זיין אייגענער שפּראַך, אָבער וואָס איז פון דער אַנדער זייט געקומען אין באַרירונג מיט די בבלים און זייער קולטור.ביידע קולטורן, די כנענישע און די בבלישע, האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט די אַלטע קולטור פון די עברים אָדער בני ישראל און זיי האָבן, צווישן אַנדערע, אַריבערגענומען פון זיי דעם געטער־קולט צוזאַמען מיט די לעגענדן וועגן געטער און זייער ראָל אין דער וועלט־באַשאַפונג. אויף דעם גלויבן פון די ישראלים האָבן, אַלזאָ, געווירקט צוויי שטראָמען: אַ כנענישער און אַ בבלישער.

פון די כנענים איז צו די ישראלים אַריבער דער קולט פון בעל (־באַאַל), דעם הויפּט־גאָט, וואָס צו אים בויט מען מזבחות, אויף וועלכע מ׳ברענגט קרבנות פון שאָף און אַנדערע בהמות. מערסטנטייל שטעלט מען די מזבחות אויף ביי אשרות, לינדן־בוימער, וואָס זיינען די סימבאָלן פאַר דער עשתרת (־אַסטאַרט), וואָס איז די געטין לעבן בעל. ער, בעל, איז דער אויסדרוק פון מענלעכער פרוכטבאַרקייט און זי, עשתרת, דער אויסדרוק פון ווייבלעכער פרוכטבאַרקייט. זיי ביידע זיינען אויך פאַרבונדן מיט דער זון (און די געטער אירע הייסן, דעריבער, חמונים, פון וואָרט חמה, די וואַרעמע, וואָס באַצייכנט זון) און די לבנה. לעבן זיי ווייטער איז פאַראַן דער גאָט פון דונער און שטורעם, וואָס הייסט הדד (פון העברעאישן הד — קלאַנג) אָדער רמון און איז אויך באַקאַנט אונטערן צונויפגעזעצטן נאָמען הדדרמון (ער ווערט דערמאָנט אין זכריה י״ב, 11 : „אין יענעם טאָג וועט זיין גרויס דער קלאָג אין ירושלים ווי דער קלאָג פון הדדרמון אין טאָל פון מגדון"). דער קולט זייערער, ווידער, איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט קרבנות, נייערט אויך מיט ווילדע אָרגיעס און טענץ, וואָס דערמאָנען אויך אָן דעם טאַנץ־קולט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין גריכנלאַנד צום גאָט פון ווייַן באַקכוס (פאַרגלייך די שילדערונג פון דער טאַנץ־אָרגיע אין דעם בוך, ז. 84—92). פון צייט צו צייט פירן אָט די אָרגיעס אויך צו רעליגיעזער פראָסטיטוציע.

אַקעגן אָט דעם קולט פון בעל טרעט מיט דער צייט אַרויס דער ריינער מאָנאָטעאיסטישער דינסט פון יהוה, וואָס ווערט דער נאַציאָנאַלער גאָט. אויפגעקומען איז ער אין די וואַנדערונגען פון מדבר און גרייכט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען ער האָט די בני ישראל אַרויסגעפירט פון מצרים. צווישן אים און ישראל עקזיסטירט אַ ברית, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן טאַקע אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן דאָס ערשטע באַוואוסטזיין פון פאָלק ישראל. אַזוי ווי צווישן יהוה און ישראל עקסיסטירט אַ באַשטימטער בונד, איז קלאָר, אַז דער בונד קען זיך האַלטן נאָר אויפן גרונט פון אַ קעגנזייטיקער באַציאונג. אויב ישראל ברעכט דעם בונד זיינעם מיט יהוה, ווערט יהוה אַן „אל קנא ונוקם", אַ גאָט, וואָס נעמט ראַכע און רעכנט זיך אָפּ מיט די, וואָס האָבן דעם בונד געבראָכן. יהוה, ווידער, האָט מיט זיין פרייען ווילן צוגענומען די בני ישראל פאַר זיין פאָלק און איז געוואָרן זייער נאַציאָנאַלער גאָט. יהוה ווערט, אָבער, אויך דער איין און איינציקער גאָט פון די בני ישראל. אָט די אידייע פון מאָנאָטעאיזם ווערט אַן אייגנאַרטיקע טרייב־קראַפט ביי דעם הויפּט־העלד פון אָט דער ביבלישער דראַמע — ביי יפתחן, דורך אַ קאַמף, וואָס ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ אוראַלטן מענטשלעכן סאָציאַלן געראַנגל און אויך אין אַ ריין מענטשלעכער טראַגעדיע.

ווי געזאָגט, האָט דער צווייטער שטראָם, דער באַבילאָנישער, באַאיינפלוסט דאָס לאַנד כנען נאָך איידער די בני ישראל האָבן איר באַצוואונגען און געמאַכט איר פאַר ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון ישראל. דער עיקר איז אָט דער איינפלוס געווען שטאַרק אין צפונדיקן טייל פון לאַנד, וואָס איז נענטער צו בבל און וואָס האָט זיך לאַנגע יאָרן געפונען אונטער איר הערשאַפט. די בבלישע געטער זיינען געווען אָנגענומען אין גאַנץ מזרח אַזיע און אויך אין יהודה האָט מען געדינט צו זיי. (נאָך אין ישעיהס צייטן האָט מען געגאָסן נסך צו די געטער גד און מני. זע דאָרט, קאַפּ. ס״ה, 11). געאָגראַ־פישע באַדינגונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז ארץ ישראל, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן מצרים און בבל, זאָל אויפנעמען דעם באַבילאָנישן קולט דורך דער פאַרמיטלונג פון די סוחרים, וואָס פלעגן פירן זייערע סחורות צווישן אָט די צוויי לענדער. פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן גורל פון יהודה, האָבן געבראַכט דאָס לאַנד אונטער דער דירעקטער הערשאַפט פון בבל. ביים סוף פון יהודהס סואווערניטעט האָבן זיך די כשדים און בבלים, אונטער דער פירערשאַפט פון נבוכדנאצר, דערנענטערט צום לאַנד און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ רייכע מיטאָלאָגיע און פאַנטאַסטישע קאָסמאָגאָניע. די לעגענדן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן בעל און עשתרת, זיינען שוין פון לאַנג געווען פאַרשפּרייט צווישן פאָלק און דאָס בבלישע מיליטער האָט זיי נאָך מער פאַרשטאַרקט. דאַן זיינען עס אַריינגעבראַכט געוואָרן אָט די מיטאָלאָגישע באַשע־פענישן, וואָס מיר טרעפן ביי ירמיהון און די שפּעטערדיקע טיילן פון תנ״ך, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער תקופה פון גלות בבל און דאַן זיינען עס אויך אַריינגעפלאָכטן געוואָרן די עלעמענטן פון דער באַבילאָנישער קאָסמאָגאָניע.

די דערציילונגען וועגן דעם וועלט־באַשאַף זיינען ביי די באַבילאָנער געווען פאַר־שיידענע צוליב דעם, וואָס די באַגריפן וועגן די געטער און זייערע אויפטוען האָבן די בבלים צום טייל גענומען ביי די סומערער און צום טייל האָבן זיי זיך אַליין אויס־געאַרבעט נייע. אויסערדעם האָט זיך יעדע שטאָט געהאַט איר לאָקאַלן גאָט צוזאַמען מיט אַ באַזונדערן קולט און דערציילונגס־קרייז וועגן זיינע אויפטוען. אַזוי, אַ שטיי־גער, איז דער גאָט פון דער שטאָט נאַפּור געווען ענליל (דער העברעאישער אליל), וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן די נאַטור־קרעפטן; אין יערידאָ, ביים קאַספּישן ים, איז געווען דער וואַסער־גאָט עאה און אין איראַק — דער גאָט פון זון, אַנו. איבער זיי אַלע שטייט בל, דער גאָט פון דער הויפּט־שטאָט בבל, אָדער מאַרדוך (אין תנ״ך הייסט ער מרדוך, אויל־מרדוך, אויך בל און בעל), וואָס האָט באַצוואונגען דעם כאַאָס און באַשאַפן די וועלט.

פון די דערציילונגען וועגן וועלט־באַשאַף זיינען ביי די באַבילאָנער אויך פאַראַן פאַרשיידענע ווערסיעס. לויט פראַגמענטן, וואָס זיינען געבליבן פון ביירוסוס, אַ כהן פון דעם בעל אין בבל, וואָס האָט געלעבט אין דעם דריטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן און געשריבן גריכיש, גייט די באַבילאָנישע קאָסמאָגאָניע אַזוי:

„פאַרצייטן איז אַלץ געווען פינצטער און וואַסער. זיינען דאָרט אויפגעקומען וואונדערבאַרע באַשעפענישן מיט משונהדיקע געזיכטער. דאָ זיינען געווען צוויי־פליגל־דיקע מענטשן, ווי אויך פיר־פליגלדיקע מיט צוויי געזיכטער — — — אויסער דעם זיינען נאָך געווען פיש און קריכנדיקע באַשעפענישן און שלענג און נאָך אַ סך וואונ־דערבאַרע בעלי־חיים מיט פאַרשיידענע געזיכטער, וואָס די פאָרמען זייערע ליגן אין דעם טעמפּל פון בל און זיי זיינען געהייליקט צו אים.

„און איבער דעם אַלעם האָט אַ פרוי געהערשט און געהייסן האָט זי אָמאַרקאַ. און ווען אַלץ איז אַזוי געווען, איז געקומען בל און האָט צעשניטן די פרוי אויף צוויי העלפטן אין מיטן; און פון איין העלפט האָט ער געמאַכט די ערד און פון צווייטן — דעם הימל, און אירע חיות האָט ער פאַרטיליקט״.

די גאַנצע דערציילונג וואָס גיט איבער בפרטיות וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, איז פאַרלאָרן געגאַנגען און צו אונדז זיינען דערגאַנגען נאָר פראַגמענטן דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם יידישן היסטאָריאָגראַף יאָזעפוס פלאַוויוס און דעם קריסטלעכן

געשיכטע־שרייבער עאוזעביוס, וואָס איז געווען בישאָף אין קייסאַריע, קליין־אַזיע. די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דער אָריגינעלער ווערסיע פון דער באַבילאָנישער קאָסמאָגאָניע איז אויפגעקומען ערשט אין יאָר 1875, ווען דער אַסיראָלאָג דזשאָרדזש סמיטה האָט דעשיפרירט דעם פלעקל־שריפט, אין וועלכע די באַבילאָנישע לעגענדעס זיינען געשריבן געוואָרן און ווען דער אַרכעאָלאָג אַסטיען לאַיארד האָט געפונען די באַשריבענע טאָוולען פון דער אויבנדערמאָנטער ביבליאָטעק פון דעם קעניג אַשורבאַניפאַל (וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פון ישעיה הנביא). די גאַנצע וועלט־באַשאַפונג ווערט דאָרט דערציילט אויף זיבן טאָוולען (זיי געפינען זיך אין בריטישן מוזעאום) צוזאַמען מיט אַ סך איינצלהייטן וועגן אויפקום פון די געטער און זייער קאַמף צווישן זיך. דאָרטן וועלן מיר זיך אויך אָנטרעפן מיט אָט די קאָסמאָגאָנישע עלעמענטן, וואָס מיר האָבן געפונען ביי די נביאים, און דעריבער וועלן מיר זיך אויף דעם אָפּשטעלן אַביסל אויספירלעכער (ביי דער איבערדערציילונג און איבערזעצונג האָבן מיר זיך באַנוצט מיטן בוך "The Seven Tablets„ פון Leonard King

4

דאָרט ווערט דערציילט, אַז צוערשט איז געווען איין גרויסער וואַסער־שטח און דערנאָך זיינען פון דער טיפעניש פון אָט דעם אָקעאַן באַשאַפן געוואָרן די יינגערע געטער אַנשאַר, קישאַר און אַנו, וואָס איבער זיי זיינען געשטאַנען די עלטערע געטער אַפּסו און די געטין תהמת (־טיהאַמאַט, ענלעך צום העברעאישן תהום). מיט דער צייט האָבן די אַלטע געטער מורא געקראָגן פאַר די יינגערע און זיי האָבן געקלערט ווי אַזוי זיי אומצוברענגען. די אַלטע געטער ווענדן זיך צו דער געטין טיהאַמאַט, וואָס באַשאַפט צו איר הילף פאַרשיידענע שרעקלעכע באַשעפענישן און מאָנסטערס. וועגן דעם דערוויסט זיך איינער פון די קליגסטע פון די יונגע געטער, עאה, און אויף אַ קונציקן אופן גיט זיך אים איין איינצושלעפערן דעם גאָט אַפּסו און אים פאַרטיליקן. אויסער דעם ווערט געשיקט דער שליח גאַזאַ צונויפצורופן אַלע געטער צו אַ באַראַטונג, און אָט ווי עס ווערט דאָרטן דערציילט וועגן די צוגרייטונגען פון דער געטין טיהאַמאַט:

„טיהאַמאַט, וואָס געבוירן האָט זי אונדז, האָט אונדז פאַרשאָלטן:
אויפגעזאַמלט האָט זי אַלעמען און עס ברענט אין איר דער צאָרן;
די געטער — זיי כעסן זיך און גרייטן, טאָג און נאַכט טוען זיי ניט רוען
און אַ קאַמף אויסגערופן האָבן זיי אויף אונדז.
די מוטער פון צפון, די וואָס האָט אַלץ באַשאַפן,
האָט נאָך אַ וואָפן צוגעגרייט פאַר אונדז:
שלאַנגען־ריזן, וואָס שאַרפע ציין האָבן זיי
און אַ גיפט, וואָס פליסט ווי בלוט אין זייער קערפּער;
דראַקאָנען שרעקלעכע, אין שוידער אָנגעקליידט,
וואָס אַז זען זעט מען זיי — אַ שוידער כאַפּט אַרום,
און ווען אויסגעשטרעקט אין זייער גאַנצער הייך זיי שטייען —
קיינער, קיינער אַפּשטויסן וועט זיי ניט קענען".

דעריבער באַשליסן זיי אַלע, אַז מאַרדוך, דער קליגסטער פון די געטער, זאָל אַרויסגעשיקט ווערן און מלחמה האַלטן מיט די בייזע כוחות. מאַרדוך פאַרלאַנגט אָבער פון די געטער, אַז זיי זאָלן אים קרוינען פאַר זייער קעניג, און דערביי זאָגט ער אַזוי:

„אויב פאַרוואַר איך וועל אייער אויסלייזער זיין,
וואָס וועט טיהאַמאַט באַצווינגען און אייך אַרויסראַטעווען —
טאָ זאָל אַלץ וואָס פון מיין מויל וועט אַרויסגיין, אייער גורל באַשטימען
און ניט געענדערט זאָל ווערן פון דעם, וואָס כ'וועל באַשאַפן,
און ניט פאַרביטן זאָל ווערן מיין באַפעל;
זאָל דאָס אייער גורל באַשטימען —

און אַקעגנשטעלן זיך וועל איך אייער גרויזאַמען פײנט !״

גיך נעמען די געטער אָן דעם באַשלוס און מאַרדוך, „דער שטאַרקער צווישן די גרויסע געטער״, ווערט זייער פירער און באַפעלער. און דאַן —

„אַ שווערד פאַרגאַרטלט אויף זיינע לענדן האָט ער,
אין רעכטן האַנט געטראָגן דעם וואָפן פון געטער;
אויף דער זייט — דעם פייל און בויגן פאַרוואָרפן
און פאַראויס — דעם בליץ דעם שאַרפן.
מיט פייער־פלאַם זיך אָנגעפילט אין גאַנצן
און אַ נעץ געמאַכט אויף טיהאַמאַט צו פאַרוואַרפן
אויף אַלע פיר זייטן : אויף דרום און צפון, אויף מזרח און מערב״.

באַגלייט אַרום מיט די געטער, שטעלט זיך מאַרדוך אויף אַ רייטוואָגן, וואָס ווערט געפירט פון פיר שנעל־לויפנדיקע פערד, און גייט אַרויס אין קאַמף קעגן טיהאַמאַט. אַז מאַרדוך באַגעגנט זי, פאַרוואַרפט ער אויף איר דעם נעץ און טרייבט אַריין אין איר צעעפנטן מויל דעם גרויסן שטורעם און שטעכט אַריין אַ שפיז אין איר גרויסן קערפּער. מאַרדוך באַצווינגט אויך די עלף באַשעפענישן, וואָס האָבן זי באַגלייט, שטעלט זיך אַרויף אויף איר גוף און צעשפּאַלט זי אויף צוויי טײלן. דאָ, ווידער, קומט די שילדערונג, ווי אַזוי עס זיינען באַשאַפן געוואָרן הימל און ערד צוזאַמען מיטן גאַנצן אַלוועלט :

„ער האָט איר קערפּער צעטײלט און אַ קונץ־אַרבעט באַשאַפן,
צעשפּאַלטן האָט ער איר, אויף צוויי צעהעלפט :
איין טייל אָװעקגעשטעלט און דעם הימל־דאַך געמאַכט,
אַ ריגל פאַררוקט און שומרים צעשטעלט,
אַז היטן זאָלן זיי דאָס וואַסער זאָל ניט אַרויס.
אויף די הימלען איז ער אַריבער, די קרייזן באַטראַכט,
אַקעגן דעם גרויסן אָפּגרונט זיך געשטעלט,
דעם גרויסן אָפּגרונט — אַ טעמפּל פאַר נאָדימוד געמאַכט;
און טעמפּלען פאַר די גרויסע געטער האָט אויפגעבויט מאַרדוך,
און שטערנס און פּלאַנעטן אין זייער געשטאַלט געשאַפן.
אויך דעם יאָר געשאַפן האָט ער און אין טײלן איינגעטײלט :
אַקעגן די צוועלף חדשים דריי שטערן האָט ער פעסטגעשטעלט,
און די טעג פון יאָר געשאַפן האָט ער.
געהייסן האָט דער לבנה שיינען,
און די נאַכט איבערגעגעבן אין איר מאַכט —
אַ צייכן פאַר דער צייט זאָל זי זיין
און אַ קרוין אַלע חודש אַרויפגעטאָן אויף איר.
און פאַר דער זון פערצן טעג
איינגעשטעלט האָט ער אַ וועג,
זי זאָל זיך דערנענען אַכט און צוואַנציק טעג
און אויסגעפינען זאָל זי איר וועג״.

אָט אַזוי גייט די באַבילאָנישע מיטאָלאָגיע וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. דוד איגנאַטאָוו גיט אָט דעם געטער־קאַמף איבער אויף זיין אופן : די מאַמע־גאָט־תהום האָט ביי אים אַ סך פליגלען, אויך אַ סך פיס און אַ סך הענט. אויף יעדן פון די פליגלען האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ גאָט. „יעדער פליגל פון דעם תהום־דעם־גאָט דעם גרויסן״ איז געוואָרן אַ וועלט פאַר אַ גאָט. אין דער מלחמה מיט דעם תהום האָט

„יעדער גאָט פאַר זיך זיין פליגל געריסן,
אויף דעם באַפעל פון דעם גאָט מרדוך.
האָבן דאָס געטאָן די געטער די אַלע.
פון די פליגלען האָט מרדוך נאָכדעם דעם הימל
און איבער דעם הימל, די הימלען געמאַכט״.

די זון האָט דער זיבנגאָמענדיקער גאָט מרדוך
פון דעם תהומס מויל אַרויסגעשלאָגן
און זי אין הימל פאַרשטעקט,
אין דעם הימל דעם ווערק פון זיינע הענט.
פון אירע פליגלדיקע לאַפּעס־פּיס,
פון אירע פויסטנדיקע, בייזע לאַפּעס־הענט
אַרויסגעשלאָגן האָט דער גרויסער גאָט מרדוך די סך פייערדיקע רעדער,
פייערדיקע מילשטיינער אויף פייערדיקע פליגלען. (גלגלים און אופנים ק.).
אָן פליגלען, אָן פייערדיקע רעדער, האָט די מאַמע גאָט־תהום
זיך וואַרגנדיק, זיך פּלאָנטערנדיק אין דער נעץ פון דעם גאָט מרדוך
אין אין־סוף אַריין געגומען פאַלן;
גענומען פאַלן, אויף צו אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן צאָרן,
פון איר זון, דעם גאָט מרדוך,
פון זיין שרעקנדיקן פּנים,
און פון זיין יאָגנדיקער שפּיז.
אַ נידעריקער גאָט איז דער תהום,
די גרויסע, ווילדע חיה־גאָט געוואָרן.
אַ שרעקלעכע חיה פון דער נידער.
און מרדוך האָט באַצוואונגען דעם גאָט תהום —
און איבער אים די ערד פאַרשפּרייט.
מיט זיינע סך לאַפּעס־פּיס און לאַפּעס־הענט,
מוז גאָט תהום די ערד איצטער טראָגן,
מוז גאָט תהום די ערד איצטער האַלטן.״

5

לויט דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע רעדט זיך צוערשט וועגן אַ קאַמף צווישן געטער און אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין רעזולטאַט פון דאָזיקן געראַנגל. צווישן דעם גאָט מאַרדוך און זיין באַשאַף איז קיין האַרמאָניע ניטאָ. אין צענטער שטייט דאָ דער כאַאָס, דער גרויסער וואַסער־אָפּגרונט, וואָס פון אים ווערט שפּעטער אָפּגעטיילט דער הימל. דאַן קומט אויך צו די איינטיילונג פון דער צייט — יאָר, חודש, טאָג און נאַכט — און דער באַשאַף פון די צוויי ליכטער — די לבנה און זון.

אויף אָט דער לעגענדע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן די ביבל־קריטיקער פון דייטשן חדר (די אַזוי גערופענע פּאַן־באַבילאָנישע שולע), וואָס האָבן אין איר געוואָלט זען דעם יסוד פאַר דער יידישער קאָסמאָגאָניע, ווי זי ווערט דערציילט אין תנ״ך. הוגאָ ווינקלער איז געווען דער באַגרינדער פון אָט דער פּאַן־באַבילאָנישער שיטה און פרידריך דעליטש האָט איר אויסגעברייטערט (איבעהויפט אין זיין בוך „Bibel und Babel“) צוגעבנדיק צו זיינע פאָרשונגען אַ היפּשע דאָזע פון אַנטיסעמיטיזם... אַרויסשעפּן דאָס בבלדיקייט פון דער ביבל איז געוואָרן די הויפּט־טעמע פון אָט די ביבל־קריטיקער און מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן זיינען זיי צוגעטראָטן צו צעטרייבערן דעם אינהאַלט פון די תנ״כישע דערציילונגען, איבערהויפּט — פון די, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אור־געשיכטע פון ישראל. אונטערן מעסער פון ביבל־קריטיק האָבן זיי אַרונטערגעלייגט די דערציילונגען וועגן דעם וועלט־באַשאַף, דעם מבול, דעם לעבן פון די אבות און די אַלטע יידישע געזעצגעבונג. צוערשט האָבן זיי געזוכט אינעם תנ״ך ניט מער ווי פּאַראַלעלן צו דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע און אַז זיי האָבן געפונען אַזעלכע איינפלוסן, האָבן זיי גענומען אָפּפרעגן די אָריגינעלקייט פון די תנ״כישע דערציילונגען. אין זייער צעגלידערטן אַנאַליז האָבן די דאָזיקע ביבל־קריטיקער פון דייטשן חדר אינגאַנצן פאַרזען דעם יידישן כאַראַקטער פון דעם תנ״ך, דעם יידישן אינהאַלט זיינעם. פון דאַנעט איז שוין ניט ווייט געווען דער וועג צו דער סופּעריאָריטעט פון דעם בבלישן מיטאָס איבער דעם תנ״כישן און אַזאַ, ווי פרידריך דעליטש, אַ שטייגער, האָט

אין די געזעצן פון דעם בבל־קעניג האמוראבי געפונען אַ העכערע מאָראַל, ווי אין די ישראלישע געזעצן, וואָס זיינען פאַרשריבן אין ספר שמות (פרשת משפטים) און אין ספר דברים. די לויב־געזאַנגען פון די בבלים, ווידער, האָט ער אַװעקגעשטעלט העכער פאַר די געזאַנגען אין ספר תהלים און אין די יידישע נביאים האָט ער געזען גאָר פאַרטרעטער פון אויפגעפּרעסענער שנאה צו אַלע פרעמד־גלויביקע. די געשיכטע פון דער וועלט־באַשאַפונג, ווי זי ווערט איבערגעגעבן אין תנ״ך, האָט דעליטש, ווידער, געהאַלטן פאַר אַ שלעכטער קאָפּיע פון דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע.

אָבער, ווי גרויס איז דער מהלך פון דער בבלישער צו דער יידישער קאָסמאָגאָניע און ווי פאַרשיידן זיינען זיי אין זייער כאַראַקטער! דער באַבילאָנישער מיטאָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם געצנדינעריש־פאַנטעאיסטישן גייסט פון געטער, וואָס ווערן געשאַפן פונעם כאָאָס. אַקעגן דעם איז די יידישע קאָסמאָגאָניע דורכגענומען מיטן מאָנאָטעאיזם: צוערשט איז פאַראַן אַן איינהייטלעכע קראַפט—גאָט, און דערנאָך—די וועלט. און ריכטיק ווייזט אָן אויף דעם דער ביבל־קריטיקער רודאָלף קיטעל (אין זיין בוך „די אַלטטעסטאַמענטליכע וויסענשאַפט״): „דאָרטן (אין דער יידישער קאָסמאָגאָניע—ק.) איז גאָט פאַר אַלצדינג און דאָ (אין דער באַבילאָנישער — ק.) מוז די גאָטהייט ערשט ווערן״. אָנווייזנדינג אויף דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון דער דערציילונג וועגן וועלט־באַשאַף אין תנ״ך, ברענגט קיטעל אַרויס די וויטערדיקע אונטערשיידן: גאָט באַשאַפט די די וועלט אָן אַ קאַמף און ניטאָ קיין ווידעראַנאַנד צווישן דעם שעפער און זיין באַשאַף, ניטאָ קיין דואַליזם. די וועלט, ווידער, ווערט באַשאַפן נאָר דורכן וואָרט און דורך זיין אָפּבילדונג, — דעם מענטשן, — קומט גאָטס מאַכט צום אויסדרוק.

עס האָבן, אָבער, אויף דער יידישער קאָסמאָגאָניע געווירקט די איינפלוסן פון דער באַבילאָנישער מיטאָלאָגיע און דערמיט דערקלערט זיך דער אריינקום פון אַזעלכע עלעמענטן, ווי דער רהב, נחש ברח, תנין, לויתן און בהמות, איבערהויפּט ביי די שפּעטערדיקע נביאים. זיי זיינען, אָבער, ווי געזאָגט, ניט אַריין אין דער אייגנטלעכער דערציילונג וועגן דעם וועלט־באַשאַף, ווי זי ווערט איבערגעגעבן אין תנ״ך און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויך די מחברים פון די וויטערדיקע ליטעראַרישע ווערק ביי יידן, ווי די גמרא און איבערהויפּט — די מדרשים, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָט די אַריינגעפלאָכטענע באַגריפן און האָבן געפּרוואווט לויט זיי דערקלערן די באַשאַפונג פון דער וועלט און אויסטייטשן זיי לויט די באַגריפן פון זייער צייט.

אויך דוד איגנאַטאָוו האָט אויסגענוצט אָט די מיטאָלאָגישע עלעמענטן, אָבער ביי אים זיינען זיי אַ לעגיטימער טייל פון דער אייגנטלעכער מעשה בראשית, וואָס ווערט דערציילט אין חומש. די קאָסמאָגאָניע, וואָס ווערט דערציילט ביים אָנהייב פון דער דראַמע דאַרף לויט דעם נוסח זיין אַן עלטערער שיכט, אַ פאַר־חומש שיכט. יהוה קומט דאָ אַריין אין דעם אורוואַלד פון מענטשלעכן געדאַנק און ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט פאַר דער אויבערשטער קראַפט, וואָס האָט אָפּגעווישט די אַלע געטער, וואָס זיינען געווען פאַר אים און איז געבליבן דער איינציקער, דער „אל יחיד״.

יעדער גאָט־באַגריף איז אין לעצטן אַנאַליז — אַ באַשטימטער וועלט־באַנעם. די אַמאָליקע מלחמות צווישן געטער זיינען אין תוך געווען מלחמות צווישן דעם מענטשנס געאַנדערשטע אידעאָלאָגיעס. אָט די נייע וועלט באַנעמען — אַ פּראָדוקט פון מענטשנס פאַרשטעלונג, באַווירקט פון אומשטענדן, געאָגראַפישע פּאָזיציעס א. א. וו. ווערן אין זיך אַליין דעטערמינירנדיקע פאַקטאָרן. יפתח פון דער דראַמע „פאַר אַ נייער וועלט״, אין זיינע רייד צו דעם מלך פון די בני עמון, גיט אָט דעם געדאַנק איבער אויף זיין אופן:

„ניט קיין מענטשן שלאָגן זיך מיט מענטשן פאַר אַ לאַנד —
דאָס שלאָגן זיך געטער מיט געטער.
די מענטשן זיינען זייער ווערקצייג נאָר״.

אגב ווערן אין דער דראַמע אַרויסגעשטעלט צוויי באַזונדערע קאָסמאָגאָניעס, וואָס פאַרקערפּערן צוויי באַזונדערע וועלט־באַנעמען: איינע — אַ יידישע, ווי זי ווערט לויט דער דראַמע אַרומגעטראָגן אין פאָלק פון די זיבן פאַסטוכער, און אַ צווייטע —

אַ געצנדינערישע, ווי זי ווערט איבערגעגעבן אויף דער סעודה פון ווײַן. און דער דראַמאַטישער קאַמף הויבט זיך אָן צווישן די צדדים, וואָס באַלאַנגען צו די צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלט־אויפפאַסונגען.

אויסנוצנדיק די אַלע מיטאָלאָגישע עלעמענטן, האָט דוד איגנאַטאָוו, געלאָזט דערפאַר זײַן הויפּט־העלד יפתחן דורכפירן די מיסיע פון מאָנאָטעאיזם, דאָס שליחות פון יהוה אין זײַן לאַנד טוב. די צייט, ווען אָט די דראַמע קומט פאָר, איז — די אור־צייט פון פאָלק ישראל, ווען אין זכרון זײַנען נאָך פריש די אַמאָליקע העלדן־מעשׂיות און געטער־מעשׂיות פון לאַנד כנען און פון בבלישן עפּאָס. די אַלטע לייט פון לאַנד זײַנען די, וואָס טראָגן מיט זיך די לעבעדיקע מסורה פון אַן אַלטער וועלט, וואָס האַלט אין פאַרגיין און פון אַן אַלטן גלויבן, וואָס האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אינעם לעבן פון די יידישע שבטים. יפתח, דער קעמפער פאַר אַ נייער וועלט, ברענגט מיט זיך אַ נייעם גלויבן. ער קומט אין קאָנפליקט מיט די יעניקע, וואָס האַלטן זיך ביים אַלטן און וואָס דער האַלב־נביא האַלב־געצנדינער יאיר פריידיקט און פאַרטיידיקט. ער, יאיר, זוכט אַ לעבעדיקן מענטשלעכן קרבן, רעדט וועגן דעם, אַז „געטער האָבן ליב קרבנות" און אַז „פעלקער ברענגען ניט נאָר חיות צו געטער, קינדער אייגענע ברענגען זיי צו די געטער" און עס קומט אויס, אַז גראָד דורך דעם, וואָס יפתח ברענגט זײַן טאָכטער מהיטבאל (אַ נאָמען, וואָס איז סימבאָליש פאַרבונדן מיטן לאַנד טוב, גוטלאַנד !) אַ קרבן צו גאָט, ווערט ער באַזיגט דורך יאירן, וואָס איז זײַן אַנטיפּאָד.

דער מחבר באַנוצט זיך מיט צוויי אַנטקעגנגעזעצטע נוסחאות. לויט דער משנה, אמת, אין ראש השנה כ"ה, ווערט וועגן יפתחן גערעדט אין אַ העכערן טאָן און יפתח ווערט דאָרט פאַרגליכן צו דעם נביא שמואל : „יפתח בדורו כשמואל בדורו". אין מדרש, אָבער, רעדט זיך וועגן יפתחן גראָד ניט מער ווי וועגן אַן עם הארץ. דער דיכטער, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס רעכט צו גלאָריפיצירן זײַן העלד און אים אפילו צושרייבן קעגנגעזעצטע אייגנשאַפטן. דערקלערן פון וואַנען עס נעמט זיך ביי אים אָט די קאָנצעפּציע, און צי עס איז ריכטיק און גוט אַזוי צו טאָן, — לאָזן מיר איבער פאַר דעם ליטעראַטור־קריטיקער, און מיר וועלן זיך נאָר באַנוגענען מיט ברענגען דאָ דעם מדרש וועגן יפתחן (ער געפינט זיך אין תנחומא הקדום, פרשה בחקתי):

„יפתח איז געווען אַן עם־הארץ. ער איז געווען געגליכן צו אַ צווייג פון אַ שלעכטן בוים (אין מדרש שטייט : „גרופית של שקמה היה" און עס מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט געשטאַמט ניט פון פיינעם יחוס) און דעריבער האָט ער פאַרלאָרן זײַן טאָכטער. ווען איז דאָס געשען ? בשעת ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די בני־עמון און האָט געגעבן אַ נדר : „און עס וועט זײַן דער וואָס וועט אַרויסגיין... פון די טירן פון מײַן הויז אַקעגן מיר... וועל איך אים ברענגען פאַר אַ קרבן (שופטים י"א, ל"א). אַקוראַט דאַן איז דער אויבערשטער אויף אים אין כעס געוואָרן און געזאָגט : „אויב עס וועט פון זײַן הויז אַרויס אַ הונט, אַ חזיר, אָדער אַ קעמל — וועט ער אים ברענגען אַ קרבן פאַר מיר ?" און ער האָט אים צוגעגרייט זײַן טאָכטער.

און עס איז געווען, אַז ער האָט זי דערזען... האָט ער געזאָגט: „ווי איז מיר, מײַן טאָכטער... און איך האָב דאָך שוין געעפנט מײַן מויל פאַר גאָט און קען שוין ניט חרטה האָבן ?" (שופטים י"א, ל"ה). פנחס (דער כהן גדול) איז דאָך אָבער געווען דאָרט (און ער האָט אים געקענט באַפרייען פון זײַן נדר), האָט אָבער פנחס געזאָגט : „איך, אַ כהן־גדול, אַ זון פון אַ כהן־גדול, וועל זיך דערנידעריקן און גיין צו אַן עם־הארץ ?" און יפתח, ווידער, האָט געזאָגט : „איך, דער פירער פון די שבטים ביי ישראל, דער הויפּט פון די פירשטן, וועל מיך דערנידעריקן און גיין צו אַ הדיוט ?". דערווייל איז צווישן זיי ביידן די אומגליקלעכע פאַרלאָרן געוואָרן.

און ביידע זײַנען באַשטראָפט געוואָרן פאַר איר (פאַרגאָסן) בלוט : פנחס — פון אים האָט זיך אָפּגעטאָן דער רוח הקודש (הייליקער גייסט) ; יפתח — זײַן געביין איז צעשאָטן געוואָרן, ווייל עס שטייט : „און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין די שטעט פון גלעד" (שופטים י"ב, ז').

ווי באַלד יפתח האָט געוואָלט מקריב זײַן זײַן טאָכטער, האָט זי אים צוגעזאָגט : „פאָטער מײַנער, פאָטער מײַנער : אפשר איז אין דער תורה געשריבן, אַז יידן זאָלן

ברענגען זייערע זין אַ קרבן אויפן מזבח?" האָט ער איר געענטפערט: „טאָכטער מיינע, איך האָב שוין געגעבן מיין נדר". האָט זי אים (ווידער) געזאָגט: „יעקב אבינו האָט דאָך געטאָן אַ נדר, און פון אַלץ, וואָס דו וועסט מיר געבן, וועל איך אַ צענטל דיר אָפּגעבן' (בראשית כ"ח, כ"ב), און גאָט האָט אים געגעבן צוועלף זין, האָט ער כאָטש דען איינעם פון זיי מקריב געווען?" אָט דאָס אַלץ האָט זי אים געזאָגט און ער האָט זיך צו איר ניט צוגעהערט, און ער האָט איר געשאָכטן פאַר גאָט.

און דער רוח־הקודש האָט ביטער געיאָמערט: : „האָב איך דען געוואָלט, אַז מענטשלעכע לעבנס זאָלסטו פאַר מיר אַ קרבן ברענגען?"

אין דער מעשה מיט יפתחן האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אוראַלטן מנהג פון געבן אַ נדר — אַן ענין, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן געטער־קולט. מיר זעען אויך, אַז דער נדר איז געווען פאַרבונדן מיט מענטשן־קרבנות — אַ מנהג, וואָס שטאַמט פון אַלטן כנען און וואָס ווערט אין תנ"ך דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט ברענגען קינדער־קרבנות צום אָפּגאָט מולך. ווייזט אויס, אַז אָט דער מנהג אין אין יענע צייטן געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט ביי די בני ישראל, וואָרום יפתח גופא דריקט זיך אויס מיט די ווערטער „און איך האָב געעפנט מיין מויל פאַר גאָט און קען שוין ניט חרטה האָבן" (ואנכי פציתי פי אל יהוה ולא אוכל לשוב"). די שפּעטערדיקע נביאים גייען אַרויס מיט אַ פּראָטעסט קעגן אָט דעם פרעמדן מנהג און דעריבער געפינען מיר ביי מיכה אַזעלכע ווערטער, ווי „צי וועל איך דען מיין עלטסטן זון אַוועקגעבן פאַר מיין פאַרברעכן און די פרוכט פון מיין לייב פאַרן זינד פון מיין זעל?" (מיכה ו', 7).

דער ענין, ווידער, פון מתיר מאַכן אַ נדר איז נאָך אין די צייטן פון יפתחן ניט געווען באַקאַנט. ער איז אויפגעקומען אַ סך שפּעטער, אין די צייטן פון דער משנה און גמרא, באַגלייט מיט אַ ווערבאַלער פאָרמל פון לויז מאַכן דעם נדר. אַזוי געפינען מיר אין גמרא (נדרים כ"ג) וועגן דעם אָטוואָס: „דער וואָס וויל, אַז זיינע נדרים זאָלן אַ גאַנץ יאָר ניט פאַרווירקלעכט ווערן, זאָל זיך שטעלן אום ראש־השנה און זאָגן: „אַלע נדרים וואָס איך וועל צוזאָגן זאָלן זיין בטל מיטן אויסנאַם פון דעם, וואָס עס וועט דערמאָנט (אַרויסגערעדט) ווערן בשעתן נדר" („הרוצה שלא יתקיימו נדריו כל השנה יעמוד בר"ה ויאמר כל נדרים שאני עתיד לידור יהא בטל ובלבד שלא יהא זכור בשעת הנדר"). מיט דעם מנהג פון התרת נדרים איז אויך פאַרבונדן די תפילה פון „כל נדרי", וואָס מ'זאָגט יום־כפור ביינאַכט.

ניט קוקנדיק, אָבער, אויף דעם האָט דער מחבר זיך באַנוצט מיט אָט דער שפּעטערדיקער טראַדיציע און אַריבערגעפירט איר אין אַ פריערדיקער צייט, ווען זי האָט נאָך אינגאַנצן ניט עקזיסטירט, אַקוראַט ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט דער מעשה בראשית, אַריינברענגענדיק אַהין אַזוינע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען פרעמד די שרייבער פון דעם חומש.

6

אין דער דראַמע האָט דוד איגנאַטאָוו אויך אויסגענוצט אַ היפּשן פאָלקלאָר־מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע מנהגים. טיילווייז זיינען זיי פון די צייטן פון תנ"ך און צום טייל — פון שפּעטערדיקע צייטן. דער סימבאָלישער אַקט, וואָס די קריגער פירן דורך ביים דערציילן די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף (ז. 47 און ווייטער) און וואָס איז פאַרבונדן מיט שעפּן עפּעס פון דער ערד, פון הימל און פון די פיר עקן פון דער וועלט שטייט אין נאָענטן צוזאַמענהאַנג מיטן אַלטן מנהג פון „שעפּן וואַסער מיט פרייד" („ושאבתם מים בששון", ישעיה י"ב, ד') און מיטן אויסגיסן וואַסער און אויך וויין, ווי אַ הייליקער אַקט פאַר גאָט (וועגן דעם געפינט מען אַן אָנדייטונג אין שמואל ב', כ"ג, 16).

דער מנהג, ווידער, פון אויסווישן דעם פּנים (דאָרט) האָט דער מחבר געוויס פאַר זיך אַנטוויקלט פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן הבדלה מנהג. עס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ סגולה קעגן אַלדאָס בייז. וועגן דעם געפינען מיר אין פרקי דרבי אליעזר, פּרק כ', אָט וואָס: „ר' אליעזר זאָגט: נאָך דעם ווי איינער האָט אויסגעטרונקען דעם הבדלה־כוס, איז אַ מצוה אַריינצוגיסן אַביסל וואַסער אין דעם כוס און אויסטרינקען, כדי

ליב צו מאַכן די מצוה. און פון דעם וואַסער, וואָס עס בלייבט אין כוס, זאָל ער אויסווישן די אויגן. פאַרוואָס? ווייל די חכמים האָבן געזאָגט, אַז דאָס, וואָס עס בלייבט איבער פון דער מצוה, האַלט אָפּ אַלע פורעניותן". („ר' אליעזר אומר לאחר ששותה אדם כוס של הבדלה מצוה להטיל מים בכוס ושותה כדי לחבב את המצוה. ומה שנשאר בכוס מן המים האלו מעבירו על גבי עיניו. למה? משום שאמרו חכמים שיורי מצוה מעכבין את הפרעניות"). אָט דער מנהג איז אַזוי אַרום איינגעוואָרצלט געוואָרן אין פאָלק.

אַן אַנדער מנהג, וואָס עס איז כדאי אָנצוואווייזן אויף אים, איז דאָס אויסנוצן אַ קלייד פון אַ געוועזענער עקרה ווי אַ סגולה צו קינדער האָבן (ז. 18). דער מנהג, איז נאָך אויך געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן, אַז ווען ביי אַן עקרה ווערט געעפנט איר טראַכט, ווערט זי געבוירן איינעם, וואָס איז באַשטימט אויפצוטאָן גרויסע מעשים. אָט דער גלויבן גייט צוריק צו יענע אַלטע צייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע וועגן געבורט פון שמואל הנביא, וואָס איז אויך געבוירן געוואָרן פון אַ פרוי אַן עקרה.

די לעגענדע פון די זיבן פאַסטוכער, וואָס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ סך שפעטער, האָט דער מחבר, צוליב זיינע צוועקן אַריבערגעטראָגן פאָראויס, צוגעבנדיק זיי אַ ספּעציעלע פונקציע. די זיבן פאַסטוכער זיינען עס די, וואָס האַלטן אויף די מסורה פון פאָלק, און לויט דעם נוסח זיינען זיי אַ פּראָטאָטיפּ פון די ל"ו צדיקים, וואָס אין זייער זכות עקסיסטירט די וועלט. די זיבן פאַסטוכער דאַרפן עס זיין די טרעגער פון דער גאַנצקייט פון פאָלק, ווי אויך פון דער משיחיסטישער אידייע. די זיבן פאַסטוכער דאָס זיינען די וואויל־באַקאַנטע „אושפיזין" (געסט), וואָס יידן נעמען אויף צו זייער יום־טובדיקן טיש סוכות־צייט. יעדער טאָג ווערט, לויט דער מסורה, אויפגענומען אַן אַנדער גאַסט לויט דער ריי נאָך מיט אַ באַזונדערן „יהי רצון". וועגן דעם סדר זייערן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע נוסחאות, איינער לויטן זהר (זע דאָרטן פרשת אמור, ק"ג, ק"ד) און דער אַנדערער לויטן אר"י (ר' יצחק לוריא, דער באַגרינדער פון צפתער קבלה).

די „אושפיזין" זיינען זייער באַליבט ביים פאָלק, אַגב אויך אונטערן נאָמען „שבעה רועים" (די זיבן פאַסטוכער) און לויט איגנאַטאָווס אויפפאַסונג, ווערן אַלע געשעענישן און מעשיות, וואָס גייען אַדום צווישן פאָלק, אויפגענומען פון זיי און די מעשיות וועגן די געשעענישן ווערן פון זיי אָפּגעהיט פאַר ווייטערדיקע דורות. זיי טוען עס „פון וועגן דעם אמתן ליכט פון דער וועלט". זיי, אייגנטלעך, דערציילן עס אונדז אויף די יפתח־מעשה, וואָס זיי האָבן אויפגענומען ביים פאָלק אין אוראַלטע צייטן. און, ווי עס ווייזט אויס, ווילן זיי, אַז מיר זאָלן לערנען פון דעם, וואָס פאַר די היינטיקע טעג.

זייער צאָל, זיבן פאַסטוכער, דאַרף אַלעמאָל זיין קאָנסטאַנט, און אַזוי ווי די גדעון און יפתח־לעגענדעס זיינען געווען נאָך פאַר די צייטן פון דוד המלך, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַרן זיבעטן פאַסטוך, זיינען דערפאַר, הייסט דאָס, אין פאַרשיידענע דורות, געווען מעגלעכקייטן פאַר פּרעטענדענטן צו טראָגן דעם נאָמען פון זיבעטן פאַסטוך.

* * *

אַ פּאָר באַמערקונגען צו אויסטייטשונגען, וואָס איגנאַטאָוו האָט זיך דערלויבט צו ענדערן:

פון ספר שופטים איז ניט קלאָר, צי האָט יפתח מלחמה געהאַלטן מיט מואב צי מיט די בני־עמון. כאָטש עס ווערט דאָרטן מערסטנטייל גערעדט פון די בני־עמון, ווערט אָבער כמוש אָנגעגעבן פאַר זייער גאָט. כמוש, ווידער, איז געווען דער גאָט פון די מואבים, בעת דער גאָט פון די בני־עמון האָט געהייסן מלכום. דעריבער האָט דאָ דער מחבר געמאַכט די הנחה לויט וועלכער די מלחמה איז געווען מיט די בני־עמון און געענדערט דעם אָנגעגעבענעם נאָמען פון גאָט כמוש אויף מלכום.

אַן אַנדער באַמערקונג, אויף וועלכער מיר געפינען פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן, איז וועגן דעם באַנוץ פון אויסדרוק „כתונת פסים". לויט דער חדר־טראַדיציע ווערט

עס בײַ אונדז פֿאַרטײַטשט װי אַ ״זײדן העמדל״. צו יענער צײַט האָט נאָך, אָבער, דער נאָענטער מזרח פֿון קײן זײַד ניט געװאוסט. מען איז אויך ניט זיכער, װאָס ״פּסים״ האָט אין יענער צײַט געמײנט. עס װערט, אָבער, אָנגענומען, אַז דאָס האָט באַטײַט אַ ״געשטרײַפֿט העמדל״. װי עס װײַזט אויס, האָט דער מחבר אויסגעמיטן צו געבן אַ דעפֿיניטיװע אויסטײַטשונג און האָט איבערגעלאָזט דעם אויסדרוק אומגעענדערט, שאַפֿנדיק אַ צונויפֿגעזעצט װאָרט: ״פּסים־העמדל״, (אויסער אין אײן פֿאַל, װען אים װילט זיך באַצײכענען די בני־אפֿרים פֿאַר ״זײדן־העמדלדיקע מיוחסים״).

* * *

לסוף װאָלט איך װעלן אָנװײַזן, אַז דוד איגנאַטאָװ האָט אין זײַן דראַמע, ״פֿאַר אַ נײַער װעלט״ אַרײַנגעפֿלאָכטן פֿאַרשײדענע שטעלן פֿון תנ״ך, װאָס זײַנען איבער־געזעצט געװאָרן און אויסגעטײַטשט אין אַלטן נוסח פֿון חדר, צוגעבנדיק זײ אַ פּאָ־עטישע פֿאָרם. (מיט אויסטײַטשונגען פֿון חומש־טײלן אין אַ פּאָעטישער איבערזעצונג, און לויט דעם אַלטן חדר־נוסח, האָט זיך דער מחבר פֿאַרנומען נאָך מיט יאָרן פֿריער: אין זאַמלבוך ״װעלט אײַן, װעלט אויס״, ניו־יאָרק, 1916, האָט ער אָפּגעדרוקט ״האזינו, דאָס געזאַנג פֿון משה״ און צוזאַמען מיט י. י. שװאַרץ, לויט דעם אײגענעם נוסח, איבערגעזעצט דאָרט ״די רײד פֿון בלעם״). די שפּראַך פֿון דער דראַמע איז דאָ אויך דער אײגענער ריטמיש־סטיליזירטער ביבלישער חדר־נוסח.

דער לײענער װעט דאָ לײַכט דערקענען טײלן פֿון תהלים און פֿון איוב, װי אויך איבערפֿראַזירונגען פֿון חומש. אָפּשטעלן זיך לענגער אויף זײ, — װאָלט געהײסן אויס־ברײטערן אונדזערע באַמערקונגען, װאָס האָבן זיך שױן אַזױ אויך פֿאַנאַנדערגעװאַקסן.

מיר װעלן נאָך פֿאַרענדיקן מיט דער פֿאָלגענדער ביבליאָגראַפֿישער באַמערקונג:

די סקיצירונג פֿאַר דער דראַמע איז לכתחילה געװען געדרוקט אונטערן נאָמען ״דער גבור״ אין ערשטן זאַמלבוך ״שריפֿטן״, ניו־יאָרק, 1912 (פֿאַרלאַג ״אַמעריקע״), זײַט 5—60. דער נאָמען פֿון הויפּט־העלד אין דער דראַמע, יפֿתּח, איז אין דער סקי־צירונג אינגאַנצן ניט דערמאָנט געװאָרן; דער נאָמען פֿון דער טאָכטער מהיטבאל איז דאָרט געװען אָנגעגעבן — שושנה.

* * *

און אַ לעצטע באַמערקונג צום סאַמע סוף:

װען דער העברעאישער טעאַטער ״הבמה״ איז, אין יאָר 1926, געקומען קײן אַמעריקע, האָט זיך נחום צמח ז״ל, דער אָנפֿירער פֿון דער טרופּע, געװענדט צום מחבר ער זאָל אויפֿן גרונט פֿון דער אויבנדערמאָנטער סקיצירונג אויפֿשטעלן אַ דראַ־מע פֿאַרן ״הבמה״־טעאַטער. אין יאָר 1927 האָט דוד איגנאַטאָװ שױן געהאַט פֿאַרטיק די דראַמע און פֿון דאַן אָן האָט זי צירקולירט אין מאַנוסקריפּט אין אַמעריקע און אין אײראָפּע. אַ קאָפּיע האָט אויך געקריגט דעם ״הבמה״־אַנסאַמבל אין תּל־אָביב. (דער פּראָלאָג פֿון דער דראַמע איז געװען געדרוקט אין ״גלאָבוס״ נומ׳ 7, װאַרשע, יאַנואַר 1933, ז׳ 51 — 59).

אין רעזולטאַט דערפֿון איז איגנאַטאָװ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויסגעקומען צו לײענען אַ רעצענזיע אין ניו־יאָרקער ״דאָס אידישע פֿאָלק״ װעגן אַ דראַמע אין העברעאיש מיטן נאָמען ״בת יפֿתּח״, װאָס האָט אים אויסגעזען צו זײַן זײַן אײגן װערק, נאָר פֿאַרן מחבר איז געװען אָנגעגעבן אײנער דוד רײס. דאָס אויפֿפֿאַלנדיקע דערבײַ איז געװען ניט נאָר דאָס אויסנוצן די טעמע פֿון פֿריסטנטום אַקעגן װעלטלעכער הערשאַפֿט א. אַ. ה. נאָר עס זײַנען אפֿילו אויך איבערגעלאָזט געװאָרן די נעמען פֿון אַ פּאָר העלדן אין איגנאַטאָװס דראַמע, װי אליפֿז, ניט קײן געװײנלעכער נאָמען פֿאַר דער יפֿתּח־צײַט, און אביעזר.

זאָל דאָ דעריבער, צוליב ביבליאָגראַפֿישער פּינקטלעכקײט, אָנגעװיזן װערן די אויסגאַבעס פֿון אָט דעם פּלאַגיאַט:

1) בת יפתח, חזיון בארבע מערכות עם פתיחה ונעילה מימי השופטים מאת דוד ריס. סנט.־לואיס, 1933, 144 העקטאָגראַפֿירטע זײַטן.

2) אַ געדרוקטע אויסגאַבע מיטן זעלבן טיטל, סנט.־לואיס, 1934 (געדרוקט אין תּל־אָביב, דרוקערײַ ״אמנות״), 150 זײַטן (מיט אַ טיטל־בלאַט אין ענגליש).